מתתיהו היה חבר ועד קהילת וורונובה בישראל והיה מתמיד להשתתף בערבי זכרון. לאחרונה כאשר חלה קשות בקשו בני משפחתו למנוע ממנו טלטולי דרך בנסיעה ארוכה לערב הזכרון בפתח תקוה אך הוא לא ויתר. הגיע והרגיש לא טוב, נפרד מאתנו ונסע. ואנו לא ידענו כי היתה זו פרידה אחרונה.

משאת נפשו היתה לראות את ספר וורונובה בהופעתו, אך מי מילל ומי פילל כי בספר זה כבר תודפס תמונת דיוקנו והיא עטופה שחורים.

עם מותו נעלמה דמות עממית וורונובאית טיפוסית, וחבל חבל על דאבדין דלא משתכחין, יהי זכרון ברוך.



מלכה לוין זצ"ל

בעודנה צעירה בשנים, במיטב שנותיה, נתאלמנה ובבית נשארו ששה ילדים. היא כנסה את בני המשפחה לדיין במצבה והחליטו, אסנת תסע לא"י, ארקה הבן הבכור ירתם בעול העגלה ירושת האב, ויתרם יכינו עתידם בתנאי יתמות.

בימים הם נתברכה העירה במתפרות גדולות לקונפקציה לבגדי נשים וגברים, שנמכרו בסיטונות לסוחרים בערים הגדולות ותשלח מלכה את בניה ובנותיה לבית המלאכה של בנימין לוין ללמדם מלאכת התפירה, וכאן חל מפנה בלתי חזוי, השוליות צורפו לאגוד החייטים ושם הלעיטו אותם בתורת המרכסיזם ובעתיד עולם המחר. ביתה של מלכה הפך עד מהרה לבית ועד, לפגישות וכנוסים חשאיים של המפלגה הקומניסטית, במרוצת השנים נאסרו שני הבנים, האחד נשפט למאסר, עונה שם וחלה בשחפת, השני הצליח לברוח לרוסיה ושם שוב נאסר ונשלח לסיביר ועד היום לא ידוע מקומו וסופו.

אסנת הבכירה שעלתה לארץ — ליבניאל, הפכה מיד לחלוצה מסורה ונאמנה.

כאן היא לא שכחה את משפחתה, השתדלה והשיגה דרישת עליה לשתי אחיותיה טובה ומאשה, אשר בינתיים התיאשו מעולם המחר ועלו ארצה, גם טובה ז"ל בנתה ביתה ביבניאל וכעבור זמן מה הגיעה מלכה האם לא"י. כאן נשמה לרוחה, שבעה נחת מבנותיה שהשתרשו בארץ והקימו דור ממשיכים, נכדים ונינים נחמדים בריאים ויפים, כאן הגיעה למנוחה ולנחלה, התקשרה לארץ ולישוביה לאהבה אותם, פה היתה עליזה ומאושרת. בשנות המאורעות העמידה את עצמה לרשות ההגנה, והעבירה נשק ותחמושת מישוב לישוב ועד נהריים הגיעה, היא עשתה זאת מתוך הנחה:

— אצל זקנה הם לא יחפשו, (ביי א אלטע יידנע וועט מען נישט זוכען).

באחד הימים עם באה לבתה בת"א הרגישה לפתע חולשה, קראה לבתה ואמרה: את יודעת, נדמה לי ואני גם מרגישה שהבנזין נגמר אצלי. אני הולכת לאבא. על מותי תודיעי לאחיותיך בשקט ובלי בהלה, כי לטובה יש ילדים קטנים, אל תבהילי אותם. אז עצמ את עיניה ומתה, והיתה מיתתה מיתת נשיקה.

אהרון קרני.

לזכרו של יהושע ז״ל

כברת דרך ארוכה עשיתי עם הח׳ יהושע בקן, בהכשרה, ובעליה. בגרותו ואשיותו, העניקו לו את הכבוד להיות ראש הקן. רבות נפגשנו, בכינוסים שונים, הפלגות בחיק הטבע, פגישות עם קני עיירות סמוכות, תמיד פעמה בנו ההכרה כי יש לנו ראש. דמותו וחן ייצוגו, העמידה אותו מעל לקני תנועה אחרים. כאוטו־ריטה פעל. ובהנהגה המקומית הנהיג בתבונה, באחריות ורצינות בצד עליצות ובדיחות הדעת, והתרוממות הרוח, כל זה נתן אותותיו על ההתפתחות הדינמית, ורמתו התרבותית כאחד.

רצה הגורל ויהושע לא שובץ לשום מסגרת קיבוצית בה יכול לעשות את ההכשרה כהכנה להגשמה ועליה. כולם כבר עלו מזמן ארצה, ונשאר רק הוא אחד המוהיקנים האחרונים. עוד מעט והשנים תחלופנה והוא לא יוכל להשתלב במסגרת של הקיבוץ צעיר. מה עשה יהושע ? עשה הכשרתו במקום מגוריו. ללא לאות עבד, ובכל הענפים, עמד בכל המערכות למען האדרת המפעל הציוני־הסוציליסטי. הכשרתו נמשכה ללא קץ. לא עברה פעולה שממנה יעדר אם זה ל„בזר״ אסף יהושע חפצים שונים ודברי אמנות בשביל הגרלה למען קק״ל, אם זה למנין המסורתי־הציוני בשמחת־תורה יהושע היה גבאי וגם השמש, ולמחרת החג שמיני־העצרת הלך יהושע לאסוף את נדרי הפסוקים של „אתה הראית״ בבתים, אם מישהו עבר חבלי עליה אחרי ההכשרה הרי היה זה יהושע, מתי־מספר ידעו את אשר קרה לו, זוהי אולי התקופה הקריטית והקשה ביותר שעבר מעודו. לאחר שנותק מכל, שרף אחריו את כל הגשרים, וקרקע חייו נשמטה מתחת לרגליו, עדיין לא ראה כל סיכוי ואלטרנטיבה אחרת לא היתה קיימת בשבילו. יהושע שבשביל עצמו היה מאד צנוע, לא הטריד, לא אילץ, ולא ביקש. הוא התבייש. את כאבו נשא בליבו פנימה ושתק. כמיהתו לארץ היתה כה עזה שלא יכול היה לחשוב על עליה כשהוא אכול ייאוש ודאגה. אולם אי קבלת אישור עליה דכא אותו. לשבת עוד שנה תוך ניוון וללא מעש, עד אשר יקציבו עוד מספר סרטפיקטים היה למעלה מכוח סבלו. זוכר אנוכי ישבנו פעם בחדרה של המורה דובה (הרעיה) דברנו על הא ועל דא, ובלי משים עלתה השאלה הכאובה, ראיתי שיהושע מתמוטט. הוא מוכרח לעלות אחרת עולמו יחשך. נטלנו יזמה שדלנית והוא נושע.

את אישור העליה המיוחל קיבל, כשעליתי ארצה נפרדנו בברכה :

להתראות בקרוב בארץ ישראל העובדת. כעבור שבעה — שמונה חדשים נפגשנו בפתח־תקוה ויהושע זוהר כולו. בעיר זו שקם את עצמו ורוחו נתחדשה. ברבות הימים הקים ובנה יחד עם הרעיה טובה את ביתו לתפארת בישראל.

עם הסתלקותו לקתה חברתנו וצל מעיב על ארגוננו. כי היה הוא הרוח הטובה של כולנו וכך נזכרנו תמיד.

פרופ. משה קוזניץ

אבי מתתיהו ז״ל

(נולד בוורונובה לנחום ושיינה ביום 1.3.1909 ח׳ אדר תרס״ט
מת 4.8.1970 ב׳ אדר התש״ל)

אבא היה אדם בעל תכונות מופלאות: אדם גאה בעל ידיעות נרחבות, יהודי נאמן, בעל ואב מסור ואוהב, מכניס אורחים מצוין, אמן רגיש, איש עליז ואדם ישר, איש העמל, הספר והסדר.

אהבת העמל, אהבת הספר ואהבת הסדר הם דברים שערכם לא יסולא בפז ואבא הוריש לנו אותם כדי שננסה ללכת בעקבותיו, כל אלה ומעל הכל יושרו וחביבותו עשו את אבא לאיש אהוד בחייו, אהוב על ידי בני משפחתו, מקובל על בני עיר מולדתו וורונובה שבפולין ומכובד ע״י שכניו וחבריו לעבודה. דמותו החביבה תשאר לעד בלבות כל יודעיו.

מילדותי הייתי גאה בכך שאבא היה פועל והוא שחנך אותי להעריך את כל מה שניתן לי בעמלו הרב. אבא השתדל תמיד לצע את עבודתו בשלמות.

אבא השאיר אחריו רשימות וכתבים שרשם לעצמו והודות לאהבת הסדר שלו נצלו מסמכים ופרטים רבים המשתזרים למסכת חיים עממית מענינת, החל מעיר מולדתו, דרך בית הספר העממי בעירה והגימנסיה „תרבות״ בלידה, ימי ההכשרה באלקוש ועליתו ארצה ב־כ״ד בשבט התרצ״ג (20.2.1933), וכלה בפעילותו בארץ ובדאגתו לאשתו נחמה, תבדל לחיים ארוכים, לי ולאחותי הדסה ולבני בתינו. חום ואהבה שהשפיע עלינו העמידוהו בשורה של ההורים, אשר ידעו את סוד לכוד המשפחה וחנוך בנים בכוח חום הנפש להמשך טוב, יצירה וחדות העמל.

הכתבים שהשאיר אחריו אבא בצורה מסודרת למדי מספרים על פרק רב תכן בתולדות העירה בפולין, בקורות הכמיהה והעליה לארץ, בהתארגנות תנועת העבודה העברית בארץ וחלקה בתקומת מדינת ישראל.

באחת מרשימותיו של אבא מצאתי כתוב: „יש מלה נשגבה רק אחת בלבות אנשי ורונובה, לעלות לארצנו לארצנו״

זכרו ישאר חרות בלבנו לאהבה לשלמות ולנאמנות ליעודי התקופה.

ש. אביאל

ר׳ גוטליב קוניכובסקי ז״ל



בסוף 1933 הופתעתי לשמוע, כי ר׳ גוטליב הגיע ארצה עם אשתו הניה־חוה׳ל. הופתעתי, כי ידעתי את ציוני וורונובה ויכלתי לשער מי מהם יעלה ירהיב עוז ויעלה בתנאים ההם ששררו בארץ, אך ברשימתי זו לא נכלל ר׳ גוטליב אפילו בדמיוני המפליג ביותר, זכות עמדה לו והוא נדרש ועלה אך העליה היתה בכל זאת שלו ומהחלטת עצמו.

הוא שאלני איך יוכל לקבל עבודה בארץ. אמרתי לו עליך לפנות להסתדרות והוא ענני:

— הסתדרות זאל זיין הסתדרות איפה היא היכן מוצאים אותה?

כלומר, אין זה נפקא מינה לגבי דידי מי יתן לי עבודה ומה שמה. ראשית חכמה לעבוד ואם עבודה תמצא לי הכל יימצא. קליטתי בארץ תהא עובדה קימת. אני רק עבודה תן לי.

ישבתי עם פ. מישורי איש מ. פ. תל־אביב אז כשהוא הופיע בהסתדרות. כשמישורי שמע מפיו מה איוכו המקצועי הוא קפץ משמחה:

— מעקה תוכל לעשות? א פארענטשע? א פארענשע צו טרעפ?

ר׳ גוטליב הצטחק מלא חזה:

א פארענטשע? ווער, וואס, ווען? מי זה אינו יכול לעשות א פארענטשע.

והוא לא ידע, כי בבנק החקלאי (אגרו־בנק) שנבנה אז בתל־אביב ברחוב אלנבי נתקעה העבודה בשל חסר „נגר לעניז״ שידע לבצע את עצוב המעקה למדרגות הפנים המובילות לקומות העליונות.

מישורי היה מאושר. מהנדס הבנין יותר ממנו.

בסכומה של השיחה בין השנים בין ר׳ גוטליב והמהנדס סוכם כי הוא מקבל 40 אגורה ליום, בדיוק כפלים מהשכר הנהוג אז.

משכלה יום עבודה והמהנדס היה מרוצה והודה לו על כך אמר ר׳ גוטליב:

— אתה מרוצה? טוב מאד. אך יותר אינני עובד כאן, מחר פורש אני.

לא לשם סחיטת כספים אמר מה שאמר, חרה לו שאין כאן רמה מקצועית כשלו, חרה לו שאין הערכה מספקת ליכלתו לכשרונו.

המהנדס שדל אותו והעלה שכרו כשהגיע ל־70 אגורות ונדמה היה שהכל שפיר מצאתיו פתאם מטיל ברחובות ת״א באמצע היום תמהתי:

— מה לך ר' גוטליב מטיל? אינך עובד?

— עובד, עובד. אך נחש כמה נותנים לי?

נסיתי לנחש 80? 90?

— הייסח וואס — ענה — מער קענסטו נישט ציילן? הונדערט מיט צען פלאסטערס (אגורות, פיאסטרעס לפי בטויו).

וכך בכוחות עצמו, ללא טובות מוסדות פלס לו נתיב לחייו, עשה ישיבתו בארץ ישיבת קבע ששרשיה עמוקים ופארותיה אינם זקוקים לתומכות.

וזכה ר' גוטליב להביא הנה את כל משפחתו שתולים בארץ ומושרשים, מושרשים.

בשעות הפנאי היה עוזב ביתו ויוצא לשוטט ברחובות תל אביב הקטנה, שהיתה בעיניו סמל הכרך, הצמיחה והגדלות. הוא אהב את תל־אביב מאד ושהייתו בה ספקה את כל מה שנפשו חשקה, היא היתה למענו מעין החויות והספוק שלו ומפיגת בדידותו. בין כתלי סמטאותיה יחיד לא זקוק היה לחברה.

אלא שכשם שהתערה בארץ לא התערה בחברתה, ולא רכש לשונה, מתחלה מתרעם היה על שבחרו להם להחיות שפה מתה ולהעדיפה על פני חברתה החיה בפי כל. הוא לא הבין לשם מה עשו זאת.

— לאבראיש (עברית) שפראך, היה מתרעם. יידיש זה מובן לכל יהודי. זוהי גם שפה מכובדת, הרי גרמנית חשיבותה בכך שדומה היא ליידיש. פארשטייסט. לאבראיש וועד, וואס, ווען?

הרגיז אותו על שאינו מוצא ניב מהלך המשתפו אל נכדיו ומכאן תרעומת שלו. אך ברבות הימים הכיר בחסרונו הוא והיה כואב מאד שאין הוא מדבר בלשון עמו. נחמתו היחידה היתה:

— הערסטו מ'קאן לעבן מיט יידיש גם פה. הנה כשאני פונה לסטרז'ניק (שוטר־שומר) ביידיש הוא מבין אותי גם כן.

כל זאת לא העיב על שמחתו הרבה ועליצותו המתמדת. לא היה דבר שהקדיר מצב רוחו כאן, כשהוא נזכר שלמעלה משישים היה בעלותו ועד היום אין הוא זקוק לחסדי הזולת היתה גאותו עולה בו והיה פורץ:

— קוק כ'בעט דיך, אף אחד מהבעלי בתים'לעך שלך שם לא עלה, פחדו לעלות ואני עליתי. ואני אחוז ומשוקע כאן. פארשטייסט.

אז היה מביט על כפות ידיו המיובלות מקור חייו ועתידו והיה מאושר. צעירות היתה עולה בו ומרעננת הרגשתו והוא נעשה שותף לחבורת הצעירים, אוהב אותם ומשתדל לשהות בחברתם.

כשאני מעלה דמותו לנגד עיני אני רואה יהודי פשוט, ישר, נבון כפיים ונבון חיים, שאת ארץ ישראל סגל לו לעצמו בתפישתו הפשוטה והבריאה, אשר נתגבשה לו בוורונובה עיירת העבודה וכמהת הגאולה הפשוטה.

וואראנאווע

א בוך - א מצבה
פאר די קדושים פון וואראנאווע
וואס זענען אומגעקומען
דורך די נאציס
אין די יארן 1941‏-1944

רעדאקטאר:

חיים רבין

רעדאקציע:

מאיר שמיר (שמערקאוויטש), יהושע שומרוני ז"ל,
שלמה אביאל (שמערקאוויטש)

בוך קאמיסיע:

ש. אביאל, ז. דאקשטולסקי, ש. לעווין, נ. צור, ג. קאמעניעצקי,
ח. ראטבארט (לעווין), מ. שמיר, יהושע שומרוני ז"ל

ארויסגעגעבן דורך ארגון עולי וורונובה אין ישראל

מיט דער מיטהילף

פון וואראנאווער סאסייטי אין אמעריקע

אינהאלט פון וואראנאווער בוך

אונדזער שטעטעלע

גבורה און אומקום

אונדזער שטעטעלע

ו. שומרוני ז"ל

כ'זע דיך מיין שטעטל

כ'זע דיך מיין שטעטל, וואראנאווע מיין קליינס,
ווו איך בין געבוירן, מיין יוגנט פארבראכט.
מיט דיר האט פארוועלקט א בלימעל א שיינס,
מיט דיר האט א לעבן א בליענדס פארשמאכט.

געווען אין דיר יידן פארהאוועטע לידער
אבער גליקליכע פרייליכע ארבעטער־יידן,
שוסטערעס, שטעפערס, סטאליארעס און שניידער
בעקערס און קרעמערס בלעכער און שמידן.

געווען דא גבורים יונגע פורמאנעס.
געטריבן א לעבן פון וואנדער און לוסט,
אַן זייער פריילעכקייט — טו איך מיך דערמאנען —
פלעגט אלעס זיין אומעטיק, וויסטיק און פוסט.

כזע דאס בית מדרש, כזע נאך די שול,
ווו שמערל דער אלטער פלעגט צינדן די ליכט.
ס'האט די שכינה געפירט דא איר הייליקע שפיל,
באלויכטן מיט שטראלן יעדן יידנס געזיכט.

אט זע איך לאקאלן פון יוגנט און ברויז,
פון זיי ס'הילכט ארויס נאך פרייד ליד און קלאנג,
פון יוגנט וואס בויט זיך א לאנד פאלק און הויז
און באלויכט איר שווער אומעט מיט עמק געזאנג.

איך זע דא אויך ארבעטער פון פאראיין און פארטיי,
וואס קעמפן פאר גלייכהייט פון גוי און פון ייד
און ווען ס'קומט אן דער יום־טוב דער גרויס ערשטער מאי
הענגען זיי בלוט רויטע פענער ביי וועלוועלע דעם שמיד.

כ'וויין ווען כ'געדענק דעם בית ספר און חיידער,
מיט זייערע רחל'עך שלמה'לעך חנה'ס און ניאמעל'עך.
ווו זענט איר איצט טייערע, יידישע קינדער
וואראנאווער הערצער זויבער הייליקע נשמה'לעך.

איך געדענק אייך יידן פון גייסט, נשמות הערצלעך
פון „נייעם פלאן״ ביז אויף יענער זייט בריק.
זומער אין רעקלעך, פלעגט איר ווינטער אין די פעלצלעך
פארגארטלען דאס ווארעמקייט מיט א פשוטן שטריק.

כ׳געדענק אייך פון לידער פון ווילנער גאס און מארק,
פון שטיבער, פון קראמען, ביי זאק און פון פעסל,
פון שול־הויף, גערמאנישקי, פון טאל פון בארג,
פון טייכל, פון וועלדל און פון אייישישקער געסל.

כ׳געדענק אייער שארפקייט, איר טריב־פאלעמיסטן,
איר פלעגט זיך דאך שפארן אן עק און אן סוף,
נישט צוליב געלט און הנאה, נישט פארלוסט און פארדינסט
נאר איברן אויסזען פון ישראל און איבער א נייעם רב.




כ׳געדענק אייך שפאצירן שבת מיט ברייט שטילע שריט
אין די אלייען, אין וועלדל, ביים טייך און ביים באן
נאך א שווער־יאכיקער וואך, פון קנאפ־פרנסה געמיט
פלעגט איר דאגות פארטרייבן מיט סתם גאנג און שפאן.

כ׳זע און איך בענק
כ׳וויין און כ׳געדענק
דיך ווארנאווע מיין היים
כוויין נאך דיר אין געהיים.

מתתיהו קוזניץ ז"ל

צימעס תהלים און מעדיצין

וועגן טשאלנט דארף איך אייך קיין סך ניט דערציילן. יעדער איינער האט געוווסט, אז שבת נאכן קומען פון דאוונען שחרית און מוסף פון בית־מדרש, צי פון שיל דארף מען זיך באלד נעמען צו דעם טשולנט, אבער וועגן צימעס עסן יעדן שבת דאס האבן ניט אלע געוווסט, און נישט אלע האבן מקיים געווען די מצוה דערפון. אלזא! דעם צימעס פלעגט מען אפקאכן פרייטיק בייטאג, און ארייננטשעלן אין הייסען קאכעלע איוון און ארויסנעמען פלעגט מען דאס ערשט אין אוועגט. מען פלעגט דאס עסן פרייטאג־צו־נאכט א פאר שעה נאכן עסן די ערשטע גרויסע סעודה, קומענדיק פון בית מדרש און שול, נאכן אפדאוונען לכו נרננה אין מעריב.



די באד אין וואראנאווע

שבת איז געווען א מצוה צו עסן 3 גרויסע סעודות, איינע פרייטיק־צו־נאכט, די צווייטע סעודה איז דער שבתדיקער מיטאג מיט טשאלנט, און די דריטע סעודה עסט מען שבת פארנאכט בין מנחה־למעריב. דאס האט געהייסן שלש־

סעודות. איך דערמאָן זיך, ווען כ׳בין געווען א קליין קינד גיי איך צו צו מיין מאַמען שבת פאַרנאַכט און איך זאָג, אז איך וויל עפּעס עסן, זאָגט זי מיר, וואַרט צו מיין קינד, באַלד קומט דער טאַטע פון בית־המדרש פון מנחה און מיר וועלן גיין אַלע צוזאַמען עסן „שלש־סעודות״. האָב איך געמיינט שלש סעודעס איז אַ מאכל אַזאַ. דער צימעס האָט געהאַט כל מיני טעמים, ווען מ׳האָט אים געגעסן פרייטאָג־צו־נאַכט הייס קאָכעדיק, און נאָכער פאַרטרונקען א הייס גלעזל טיי וואָס מ׳האָט אָנגעגאָסן פון דעם הייסן טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אין קאָכעלע פון אויוון. אָדער ווי מען פלעגט דאָס רופן אין פּעטשערקע פון אויוון.

פרייטאָק־צו־נאַכט נאָכן עסן און אָפּזינגען די זמירות פלעגט א טייל ייִדן גיין אין בית־מדרש, עס איז געווען א חברה „משניות״ מיט אַבּרעמל דעם קאַטלער בראש, א חברה „שולחן־ערוך״ און „חיי אדם״ מיטן ווילנער רבי, און א חברה פון „תהלים״ און ווער ס׳איז ניט געגאַנגען אין בית־מדרש, האָט געפונען וואָס צוטאָן אין שטוב.

אַדורך קוקען די פּרשת־השבוע, אָדער אָפּזאָגן דעם גאַנצן „שיר־השירים״.

נו ,איז דען א וונדער! אז פרייטיק־צו־נאַכט פאַרן גיין שלאָפן איז געווען א מצוה צו עסן דעם צימעס. אויף מאָרגן שבת, פלעגט מען ענדיקן דעם צימעס ווען ער איז שוין געווען קאַלט. און די טיי אין לאַך איז אויך געווען קאַלט. איז מילא! וואָס טוט מען אז עס איז ניטאָ קיין טיי איז טרינקט מען אַקעגנדל קאַלטע וואַסער. אין דאָס זעלבע קאַלטע וואַסער פון עמער, האָט מען פאַרטרונקען נאָכן טשאָלנט, און גאָט־צו־דאַנקען עס האָט קיינעם ניט פאַרשעט.

נאָכן טשאָלנט האָט מען זיך צוגעלייגט שלאָפן אויף א פּאָר שעה. און מ׳איז אויפגעשטאַנען געזונטערהייט און געגאַנגען דאַווענען מנחה אין בית־מדרש.

אָבער איינמאָל פרייטאָק־צו־נאַכט האָט פּאַסירט מיטן עסן דעם צימעס זייער א טראַגישע זאַך, איינער א גוטער און שטילער ייִד אין וואָראַנאָווע, עסענדיק דעם צימעס, איז אים פּלוצלונג א שטיקעל אייזען פון טאָפּ געבליבען שטעקן אין האַלדז, א סך פרויען פלעגן קאָכן דעם צימעס אין אַקיילעכדיקן טשוהונענעם טאָפּ (סיר־יציקה) און אַזוי וועלענדיק אַרומנעמען דאָס צוגעבריענטע צימעס פון אַרום טאָפּ האָט זיך אָפּגעבראָכן אַשטיקל טשוהון פון טאָפּ, און עסענדיק דעם צימעס, איז געבליבן דאָס שטיקעל אייזין אין האַלדז און ניט אַהער און ניט אַהין. מ׳האָט גערופן דעם פעלדשער פון שטעטל, און ער האָט גאָרניט געקאָנט העלפן, ער האָט געזאָגט אז מ׳דאַרף דעם חולה פירן אין ווילנער שפּיטאָל, וואָס זאָל מען דאָ טאָן? עס איז פרייטיק שפּעט ביינאַכט, קיין אויטאָ אָדער טאַקסע איז ניט געווען אין וואָראַנאָווע, האָט מען אים באַלד מיט אַ פערד און וואָגן גענומען פירן קיין ווילנע, דאָס איז געווען א מהלך פון העכער 60 וויאָרסט, איז פרעגט ניט, ווי לאַנג האָט געדויערט ביז מ׳האָט זיך דערשלעפּט קיין ווילנע דערווייל האָט מען עפּעס אַליין אויך גענומען טאָן. סוף סוף אן אייגענער ייִד, וועט מען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דאָקטוירים אַליין, מ׳ווייסט דאָך אז טיי און תהילים שאַט קיינמאָל נישט און דאָס קענען זיי מאַכן דאָ, מ׳דאַרף ניט פאַרען

קיין ווילנע דערצו, און טאקע דאס מאכן שנעל אידער ס׳איז שפעט, האט רבי שמערל און רבי ליפא אויפגעקליבן די שטענדיקע תהילים־זאגער און אפגעזעסן א גאנצע נאכט אין בית־מדרש, און אויך אינדערפריה ביזן דאווענען שחרית און אפגעזאגט דעם גאנצען „תהלים מיט מעמדות”, און „ברכי־נפשי” און ווי עס ווייסט אויס, איז זייער תפילה אנגענומען געווארן אין הימל.

ווען מ׳האט דעם חולה געבראכט אין ווילנער יידישן שפיטאל איז דארט געווען א באוווסטער רופא אף־אוזן וגרון, און ער האט מצליח געווען ארויסנעמען דאס שטיקעל אייזען פון האלדז אָן אפעראציע, און שבת־צו־נאכט׳ס האט מען געבראכט צוריק אהיים, דעם פאפולערן ווארנאוער ייד מיט גרויס פרייד.

נאך דעם פאל האט מען זיך שוין גוט געהיט ביים עסן דעם צימעס.

יהושע שומרוני

זכרונות׳לעך

פליארקע דער גוי האט מיך געמאכט א ציוניסט

ס׳איז געווען חמשה עשר בשבט. א פראסטיקער זוניקער שיינער ווינטער־טאג. כ׳בין מיר ארויס אביסל זיך גליטשען אויפן סטאוו, מיר זענען געווען עטליכע חברים פון יענער זייט ברעג איך דער איינציקער ייד צווישן דער כאליאסטרע, די קאנקעס זענען געווען האלצערנע, אליין געמאכטע און ביז מ׳האט זיי אנגעבונדן אויף די שיך האט גענומען א גאנץ שטיק צייט. כ׳האב נאר אנגעהויבן זיך גליטשן, הער איך פליארקע אדאשקע דעם שמיד׳ס רופט זיך אפ צו מיר:

— שיקא טוואי באטקא טעבא קליטשע (שיקע דיין פאטער רופט דיך).

אמת, כ׳האב טאקע געווארט דעם טאג דער טאטע זאל קומען פון ווילנע, חמשה עשר בשבט, האב איך געוויסט, אז דער טאטע ברייננגט פאר אונדז „חמשוסער גרייטס״ „פייערס״ פון „ערצישרועל״.

מיט מיינע האלב־געפרוירענע הענט האב איך קוים אפגעבונדן די פארשנייטע שטריקלעך פון די קאנקעס און ווי א אונטערגעשאסענער געלאפן גלייך צום פארשנייטן שליטן דער טאטע איז געזיצן און געווארט אויף מיר, מיינע דריי שקצים זענען אויס נייגיריקייט אויך געלאפן נאך מיר.

דער טאטע האט מיר דערלאנגט א קרענצל געטריקנטע פייגן און א גאנץ גרויסן הויפן שטרוטשעס פון באקסער, ער האט מיר שטילערייד געהייסן אויך מכבד זיין די ערלים מיט די פירות. א שמיץ געטון דאס פערד און אוועק אין שטאט אריין צעטיילן די סחורה, וואס ער האט געבראכט פון ווילנע פאר די קרעמער.

מיר זענען אלע פיר אריין צו אונדז אין סטאדאלע און איך האב געגעבן יעדן איינעם צו פארזוכן די פייגן. די באקסער האב איך זיי געגעבן בתנאי זיי זאלן די קערלעך, די ביינלעך פון די באקסער מיר אמקערן צוריק, כ׳האב זיי באדארפט צום שפילן אום־צו־גראד.

זיי האבן באלד גענומען גריזשען די הארטע פרוכט און איך האב זיך אפגעקערט אין א זייט, פארבארגן געמאכט א ברכה מיט א שהחינו און אויך געגעסן. פליארקע וואס איז געווען א סך עלטער פון זיאנקע ליאמבערג׳ס און פון וויקטאר הידול׳ס האט אנגעהויבן אויספרעגן ביי מיר:

— ווו וואקסן דאס אזעלכע זיסע געשמאקע פרוכטן?

איך האב אים דערקלערט:

— זיי וואקסן אין אונדזער לאנד, אין פאלעסטינע, 70 יאר געדויערט ביז ס׳בליט אויף דער באקסער, אבער ס׳איז דארט דא אזוי פיל, אז ציגן דראפן זיך

אויף די בוימער און עסן דאס אן געלט, ממש אומזיסט.

פליארקע האט אויסגעשטעלט אויף מיר זיינע צוויי גרויסע בלויע אויגן, ניט קיין סך געטראכט און געזאגט האלב פראגע האלב ווינדער:

— אויב דאס איז אייער לאנד מיט אזעלכע פרוכטן טא פארוואס זיצט איר דא? פארוואס פארט איר ניט אהין?

איך האב אים ניט געהאט וואס צו ענטפערן. כדי זיך אויסצודרעיען פון דער לאגע האב איך זיי צוגעגעבן נאך צי פייגן און מיר זענען אוועק צוריק אויפן טייך זיך צו גלישטען.

די זעלבע וואך שבת, ווען כ׳בין געגאנגען מיטן טאטן דאוונען האב איך דערזען אויפ׳ן טיר פון בית המדרש א מודעה:

„היינט (מארגען) שבת נאך טשולנט וועט דער ארץ־ישראל שליח אבטיחי איבערגעבן א לעבעדיקן גרוס פון פאלעסטינע. מען בעט די גאנצע ווארשאווער יוגנט קומען אין הויז פון אלטער טראצקי הערן דעם שליח״.

דעם זעלבן שבת־צונאכט האט מיך אסתר׳קע מוסי״ע איינגעשריבן אלס מיטגליד אין דער ציוניסטישער יוגנט־ארגאניזאציע „חרות ותחיה״.

אדאשקע דעם שמיד׳ס זון האט מיך נישט ווילנדק געבראכט צו דעם ארץ־שראל שליח און פון אים צום ציוניזם.

דער טערק די באבע און די לבנה

ווען מ׳האט געגראבן אויפן מארק א צווייטן ברונעם און מהאט געדאפט אוועקשטעלן א שווירסנע מיט א „באבע״ צום נוצען דעם ברונעם, איז אויסגעבראכן א שארפע מחלוקת צווישן איטשע טערק און צלאל דער רימער:

אויב מ׳וועט די באבע אוועקשטעלן צו דער צפון־זייט וועט זי פארשטעלן איטשעס שטוב און זיין טאכטער לאה׳ס קראם, אויב מ׳וועט אבער אוועקשטעלן די באבע צו מזרח־זייט וועט זי פארשטעלן — האט צלאל געטענה׳ט זיין באשעליס קראם.

האט אויסגעבראכן א דריי פראנטיקע מלחמה: אין מארק, אין בית מדרש אוןביים רב אין שטוב. ביידע זייטן האבן נישט אפגעלאזט און געקעמפט צווישן זיך ביי יעדע געלעגנהייט.

דאס שטעטל האט פאסיוו מיטגעמאכט דעם קאמף און דאך געפילט, אז גלאטיק וועט ווארנאוו נישט ארויס דערפון, ס׳איז געווען א שטיקל צייט פול מיט שפאנונג, מה׳אט דאך געמוזט אמאל ענדיקן מיט׳ן ברונעם, איינצייטיק איז עס געווען א געלעגנהייט פון פארשידענע אטראקציעס. יעדער טאג האט געבראכט זיינע סענסאציעס און ידיעות פון „פראנט״ און ס׳איז נישט געווען די אוטוריטעט וואס זאל מאכן אן ענדע צו דער אונקלארער לאגע און ענטשיידן אהין אדער אער.

איינמאל א שבת־צונאכט, דער עולם איז ארויס פון בית־המדרש אין הויף ארויס, אויסגעזוכט א פלא ווו מ׳האט געקאנט זען די לבנה און אנגעהויבן זי מחדש צו זיין פון אלע זייטן הערן זיך מורמלערייען, יידן יאגן זיך איבער איינער דעם אנדערן מיט „פרוש המילות״ און שנעלע תפילה זאגעריי און אט שיסט מען

אויס, איינס צום אנדערן טאנצנדיק צו דער לבנה מיט „שלום־עליכם" „עליכם שלום". ייִדן בוצקען זיך און רופן אויס שלום צווישן זיך, גיט איטשע דער טערק א לויף צו צו צלאל דעם רומער און גיט אים א פאטש אין פנים מיט דעם „ליקוטי" וואס ער האט געהאלטן אין האנט און גיט אגעשרי:

— צאלקע גנב, גיי אוועק פון דער לבנה פאסקודניאק!

אויף מארגן האט דער רב זיך אנגענומען מיט מוט און געפסקנט:

— צוליב'ן כבוד פון דער לבנה און צער פון קהל וועט מען מאכן א ראד אויפן ברונעם מיט קייטן און א קארבע און שלום על ישראל.

א פערד מיט רבנישע שטיק

אמאל אין א נאך סוכותדיק רעגנדיקן טאג האט חיים־ארע געפירט דעם מיאדלער רב מיט ביירל אליהו'ס קיין איישישאק אויף א זיצונג פון דער קהלה.

דער וועג האט זיך געצויגן לאנגזאם. יעדעס מאל האט א רעגן באשמיסן דאס פנים, בארד און פאות האבן געקאפעט טראפן וואסער, ווי פרייטיק נאך דער שוויצבאד און מקוה, די רעדער האבן זיך שווער איינגעשניטן אין דער צעווייקטער ערד מיט א איינטאניקן גליטש־פלאטש, אבער ווי נאר ס'האט זיך אביסל אויסגעליי־טערט און דער רעגן האט זיך אפגעשטעלט האט חיים ארע געצויגן זיין מעשה, וועלכע האט אנגעהויבן נאך ביים ארויספאר. ער האט זיך אויסגעגאסן זיין הארץ פאר דעם רב אויף זיין שכן יודל דוד־ליפא'ס, א שלעכטער שכן, א מערדער:

— אט למשל, ער בינדט קיינמאל נישט צו זיין פערד, דרייט זיך דער פערד ארום ביינאכט, גייט אריבער צו מיר אין גארטן און מאכט חרוב די קאניטשינע, חרוב ונחרב מאכט ער מיר פון מיין הארוואניע, נו וואס טוט מען מיט אזא שכן? סוף סוף ייִדן רחמנים ווי מאכט מען דאס אזוי?

ער פרעגט זיך אן עצה ביים רב אוןווארט וואס וועט דער זאגן, פארט א רב א בן־תורה, ווו תורה דארט איז חכמה, נו לאמיר הערן, אין דעם זעט ער דאס פערד זיינס ווארט אויך. אינמיטן דרינען איז ער שטיין געבליבן און רירט זיך נישט, ער גיט א קוק ס'פערד איז אביסל גערעכט, דאס זענען זיי אריין אזוי אין די טוזגיניאנער בלאטעס, ווער ווייסט נישט וואס הייסט טוזגיאנער בלאטעס?

חיים ארע אויפגערעגט אויף יודל דוד־ליפעס, אויפגעפרעסן פון כעס אויף אים, שפרינגט אראפ פון וואגן און הייבט אן מכבד זיין דאס פערד מיט'ן שטעקן פון בייטש, דאס פערד אבער מאכט זיך נישט דערפון, ער ווארפט מיט די פיס, מאכט דריידלעך מיט'ן עק און רירט זיך נישט פון פלאץ.

דא אין חיים ארע ארויס אינגאנצן פון די כלים און א געשריי געטון:

— דו פאדלע איינער דו האסט שוין אויך אנגעהויבן פראווען דיינע רבנישע שטיק!

דאס האבן שוין די צווי חשובע ייִדן נישט געקאנט דערליידן. דעם רב האט אנגעכאפט ביים הארצן, אזוי באליידיקן א פערד, א כשרע בהמה נעביך, דער צער בעלי חיים האט זיך אין אים אפגערופן, ער האט א ווונק געטון ביירל אליהו'ס,ביידע זענען זיי אראפ במחילה פון וואגן און אזוי פארגאנגען צופוס ביז ארויפאבארג.


מתתיהו קוזניץ ז"ל

מיט די קי צום ערשטן מנין

דעם זיידן אבא פלעגן מיר — זיינע אייניקלאך — רופן וואראנאווער זיידע, אין שטעטל האט מען אים גערופן אבא דער מידזוועדזקער. די גויים פון די דערפער ארום וואראנאווע פלעגן שטענדיק זאגן אויף אים:

— או אבעלא פיווא יאק סמעטאנא (ביי אבען איז די ביר אזוי ווי סמעטענע), ווייל אלע זיינע יארן וואס ער האט געוווינט אין וואראנאווע האט ער געפירט א געשעפט פון ביר.

איך דערמאן זיך אלס קינד פון א יאר צען, זומער אין א שיינעם העלן פרימארגן, איך כאפ זיך פלוצלונג אויף, איך הער מען טרובעט. איך טו זיך שנעל אן, און עפן אויף די גאסיקע טיר. כ'גיי ארויס אין דרויסן און איך זע ווי פון ווייטן פון ווילנער גאס, קומט אן דער שטאטישער פאסטוך, דוד־לייבע דער „בעזרוק" מיט עטליכע קו און טרובעט כסדר אן אויפער.



מיין זיידע אבא, וועלכער איז שוין לאנג אויפגעשטאנען, און אויסגעמאלקן אונזערע ביידע ווייסע קו עפעס אויף די סטאדאלע, און לאזט ארויס די קו אויפן גאס און אזוי טוען אונזערע שכנים, וועלכע האבן קו, און מיט איין מאל ווערט דער מארק און דער ברוק פול מיט קו א גאנצע סטאדע. זיי ווערן פארשווינדן פון מיינע אויגן דורך דער לידער גאס, נאכן נייעם פלאן, אויף די גרינע פעלדער פון דער נייער פאשע, וואס די ווארשאווער אייגנטימער פון די קי האבן ניט לאנג אפגעקויפט ביים ווארשאווער פריץ קעכלע־שוואנבאך.
שטייענדיק אזוי אין דרויסן, האב איך די געלעגנהייט צו באטראכטן די יידן וואס גייען תמיד דאווענען אין בית־המדרש מיט'ן ערשטן מנין. איך זע ווי עס גייט יעקב־משה דער שוסטער, פון עק לידער גאס, מיט אייזיק דעם שינדל־מאכער, איטשע־משה דער בעקער, אין נ'ח־אלי דער סטאלער, און אברהמעלע מאשעס דער ווילנער־פארער, דערנאך זע איך ווי עס גייט ירחמיאל דער שמיד און איטשע דער קוילן־ברענער פון הארמאנישקער געסל און ישיע (יהושע) דער טאקער מיט שמערלען שינדל־מאכער פון חזרש'ן געסל, און פון די וואס וווינען אויפן מארק, אברהמל דער רופא, נח דער באר, גרוינעם דער שוסטער, אברהמל דער קצב, איטשע דער טערק, מאטעל דער רימער, נטע־אלי דער קצב, דוד ליפע דער קאראבעלניק און מאטעל מינע־ריוועס, וואס האבן געווינט נעבן גלח. פון איישישיקער געסל קומט אן חיים זרח דער גלעזער, און שמחה דער שוסטער. כ'זע אויך 2 ווייבער ווי זיי גייען צום ערשטן מנין, דאס זיינען שרה־מערע, נחום־הירש'ס פרוי אין זעלדע די רימערקע, יעדערע פון זיי טראגט דעם גראבן קרבן־מנחה סדור אין האנט.

מיין זיידע אבא נעמט דעם טלית און תפילין זעקל אונטער דער פאכווע, און צוזאמען מיט אונזער שכן איטשע דער קוואשניק, גייען זיי ביידע אין בית־מדרש. איך בין נייגעריק צו וויסן ווער עס דאווענט נאך מיט ערשטן מנין, איך גיי נאך זיי שטילערהייט און איך שטעל זיך ביי דעם רב'ס שטוב, און איך זע. ווי עס קומען אן פון באד געסן וועלוול דער מישאנדזניק, אפרים דער שוסטער, שעפסל דער שמידט (דער מילינצער) און פון בארג־אראפ קומען אן אריה דער בעדער בערל דער שוסטער אליהו דער שניידער און יאסל מנוחה'ס, דער זיידע מיינער דערציילט מיר, אז דאס זענען די געשוואוירענע דאוונער פון ערשטען מנין.

דאקעגן מיטן צווייטן מנין אדער ווי פלעגט מען דאס רופן אין ווארשאווע דעם רבנ'ס מנין פלעגן קומען דאווענען אין בית־המדרש ראובן דער מוהל, אברהמל דער קאטלער, הירש־איטשע דער גבאי, אייזעק דער אפטייקער, יוסל־שטיסילס, מיין פאטער נחום־אבעס, בצלאל דער רימער, ישיע נחומס, לייזער־הירש דער שניידער, פייבעל־ברוך־אהרונ'ס דער רעסטאראנטשיק, נחמיה דער קרעמער דער חזן, און נאך יידן וואס וווינען ניט ווייט פון רב, פארשטייט זיך אז אפרים דער שמש האט געדאווענט מיט ביידע מנינים... דער זיידע מיינער, ווען ער איז געקומען פון דאווענען, איז די ערשטע ארבייט זיינע געוועזן אפקערן דעם פארד און צונויפנעמען די מיסט. נאכדעם גייט ער אריין אין שטוב, וואשט אפ די הענט און פארנעמט זיך מיט איינארדנען די מילך. די פרישע מילך אראפטראגן אין סקלעפ און די נעכטיקע

מילך די איינגעזייערטע קריגלעך נעמט ער ארויף און מאכט דערפון תוצרת־חלב.
אט אזוי טאג־טעגליך איז דאס געווען זיין ארבייט. מיין זיידע האט אין שטוב געמאכט אלע שטובעקע ארבייט, ער איז געווען א סטאלער, א מאלער, א שוסטער און א שניידער, אלע זיינע יארן איז ער געווען געזונט, און זיך בארימט אז ער איז קיינמאל ניט קראנק געווען. ביז ער האט זיך איין מאל אוועקגעלייגט קראנק און שוין מער ניט אויפגעשטאנען פון בעט.
זאל דער אנדענק פון די אלע יידן בלייבן טייער ביי אונדז.

אבראמע גינזבורג

וואראנאווע א באגריף פון הארציקייט

(צום אנדענק פון די טייערע שעליובסקיס)

איך בין נישט קיין וואראנאווער, כ׳האב זי צום ערשטן מאל באזוכט אין 1929 און פארבראכט אין איר עטליכע יאר און בין ארייננגעוואקסן אין דעם קליינעם שטעטעלע.

דאס איז געווען א שטעטל פון הארעפאשניקעס, יידן מיט א זעלטענער נויגונג צו ארבעט. אין דער פרייער צייט נאך שווערער יאגעניש נאך פרנסה האבן זיי געארבעט אין די גערטנער נעבן די הייזער און געפלעגט גרינצייג און קארטאפלן דער קאפ זאל זיין רוהיק.

די יוגנט אין וואראנאווע איז געווען א דינאמישע אינטעליגענטע פול מיט דראנג צו דערנייערונג און שעפערישקייט. זי האט אויך געשמט מיט איר גאסטפריינדלעכקייט, ווען עמיצער איז געקומען צו גאסט קיין וואראנאווע האט אים די יוגנט אופגענומען ווארעם און הארציק דערפאר זענען אין וואראנאווע געווען שטענדיק געסט, סיי זומער, סיי ווינטער. שטענדיק זענען דארט געווען אזעלכע, וואס האבן זיך געגויטיקט אין א ווארימער היים און זי געפונען אין וואראנאווע און אין איר יוגנט. יעדער האט צוגעלייגט א האנט און געהאלפן מיט וואס ער האט געקאנט.

כ׳מוז דערמאנען אייניקע פאמיליעס פאר וועמען כ׳האב א מאראלישן חוב און פארצייכענען מיט עטליכע ווערטער די משפחות מייטשיק און יהושע שמערקאוויטש, הענעך און ליבע גראדזענטשיק און ספעציעל די טייערע משפחה וועלוועל און שרה׳ל שעליובסקי. וועלוויל דער סטאליאר איז געווען א פיינער ייד — א הארעפאשניק, געלעבט אויסשליסלאך פון זיין ארבעט. שרה׳ל איז געווען זייער א שיינע פרוי געארבעט און געפירט די ווירטשאפט צוזאמען מיט די טעכטער — א גארטן, פעלדער, אזוי ווי דאס רוב פאמיליעס אין שטעטל. די 4 טעכטער וואס זיינען געווען שענער איינע פון דער אנדערער זענען געווען פראדוקטיווע, שעפערישע און געזעלשאפטליכע. זייער שטוב איז געווען אפן פאר יעדן. שטענדיק זענען דארטן געווין חברה, געסט, קרובים אדער סתם באקאנטע. די פאמיליע האט זיך אויסגעצייכנט איר באשיינדקייט האט געהאט א ספעציעלן טעם. און דערפאר טאקע האט שטענדיק געצויגן אהין. וועלוול שעליובסקיס שטוב לאזט זיך ניט פארגעסן, ווייל דאס איז געווען א באגריף.

זאל די ווארימקייט און פריינדשאפט פון דער היים, גיין פון דור צו דור, און א טרייסט זאלן מיר געפינען אין אלץ און אין די אלע וואס זענען געבליבן פון דעם שטעטל וואראנאווע, די משפחה שעליובסקי וועל איך קיינמאל ניט פארגעסן.

אהובה קאנאפקע

לאמיר געדענקן

אויף די וועגן צווישן לידע און ווילנע
זענען פעלדער וועלדער געוועזן גרינע
און צווישן זיי, ווי פון טוי געוואקסן שיין
זענען שטעטעלעך מיט ייִדן פול מיט קדושע־חן.

שטעטעלעך מיט ייִדן, לעבעדיק מיט לוסט
מיט פריידן און ליידן ווי גאט האט פארגליסט.
דארטן ביים טייכל, נאענט צום וואלד
געשטאנען איז אונדזער שטעטל דורות לאנג אלט.

אין אים גאסן און געסלעך געקרייצט און צעצווייגט,
א שול, א בית מדרש, א בית עולם ביים זייט,
א הייזל איינשטאקיק, א גאנעק ביי דרערד
און ביי זייט דא א דורכגאנג צום גארטן צום פערד.


אין מיטן מארק א קלויסטער מיט גלאקן געקלאנג.
אראפ די אלייען, דער פאלאץ, דער שבת גאנג.
א קליינע באן סטאנציע ביים זאמאק ביים וואלד
זי וועט ברייגנגן נייעס מסתמא... מ׳ווארט זי קומט באלד...

ווען א חתונה אין שטעטל איז זי חתונה פון אלע.
קומען אלע אלע, פריילעך מאכן חתן־כלה
מ׳דארף נישט זיין געלאדן, ווער פרעגט דען מחותנים
מיר זענען דאך דא איינס, איז זייט נישט קיין נאראנים.

ווען ס׳פארל וועט זיך פארן וועלן קינדערלעך דאך זיין
ייִדן וואס וועלן טיילן פרייד מיט אונדז און פיין.
אזוי ז׳וואראנאווע געוועזן א שטעטל — איין — משפחה
ווי יעדער האט געטיילט זיך דא מיט שיקזאל, בראך און ברכה.

פלוצעם האבן ווינטן זיך אויף איר צעפלאקערט
אויסגעוואַרצלט ס׳שטעטל, ווי א פעלד עס פארהאקערט
איז אונדז פוסט געווארן האט זיך ס׳הארץ צעריסן
זענען מיר פון דאן אַן איינזאם, טריב איז אין געוויסן.

איינמאל אבער אין יאר צוזאמען זאלן מיר זיין
מיט די טייערסטע אונדז מענטשן, קדושים פון יידישן פיין
בעטן מחילה פון זיי דאס הארץ זיך אביסל אפוויינען
און זאלן מיר זיי אייביק געדענקען יעדן און אלע אינאיינעם.



ביים ברודער קבר פון אונדזערע טייערע

יהושע שומרני ז״ל

ציוניזם וועטעראן ר׳ נחמיה שפירא

כ׳האב אים דערקענט ווען ס׳איז אנגעקומען אין שטעטל די ידיעה וועגן דער באלפור דעקלאַרציע.

כ׳בין געווען א חידער־יינגל און גייענדיק אזוי אין א נאכסוכותדיקן רעגנדיקן טאג איבערן בלאטיקן מארק, זע איך ווי נעבן ר׳ נחמיה׳ס שטוב ביים גאנעק שטעט א „רעדל״ מענטשן, עלטערע, יונגערע און קינדער א סך קינדערלעך. אויפן פאן פון הויכן, שפיציקן קלויסטע, ווו ר׳ נחמיהס שטוב איז געשטאנען איז עס געווען א בילד וואס מאכט אן איינדרוק. ר׳ נחמיה איז געשטאנען אינדעהויך אויפן גאנעק, אין איין האנט האט ער געהאלטן א טעלעגראמע צייטונג, וואס בנימין לעווין האט געבראכט פון ווילנע גלייך צו אים און געליינט דעקלאמאטאריש אויפן קול:

„די ענגלישע רעגירונג וועט שטיצן און העלפן אויפבויען א נאציאנלע היים פארן יידישן פאלק אין ארץ־ישראל״.

אין דער צווייטער האנט האט ער געהלטן נחום סוקולובס בילד און מיט איר זשעסטיקולירט און מיט זשעסטן אונטערשטראכן וואס מ׳דארף אונטערשטרייכן, דער עיקר טראפ האט ער געלייגט אויף דעם: די ענגלישע רעגירונג א.א.וו. די גרעסטע מאכט אויף דער וועלט, די הערשערין פון אסיע זי וועט אונטערשטיצן זי וועט העלפן. נו!

אין דעם האט ער זיך געגעבן א קער צו אונדז קינדער און געזאגט:

— גייט אהיים און מאכט „שהחיינו״. ס׳איז אייער שמחה, ווייל אין אייער דור איז דער נס געשען די „אתחלתא דגאולה״ הויבט זיך אָן אין אייערע צייטן.

איך האב דעמלט געלרנט חומש מיט רש״י ביים איישישיקער רעבין און געוויסט וועגן יציאת מצרים, קוקנדיק אזוי אויף ר׳ נחמיה׳ן ווי ער רעט אראפ פון די הוכקייט פון גאנעק, האט זיך מיר פארגעשטעלט משה רבנו. דער משה רבנו פון אונדזער צייט גיט צו פארשטיין זיין פאלק דאס גרויסקייט פון מאמענט. אין מיין קינדעריש הארץ האט זיך אנגעהויבן ענטוויקלען א געפיל צו עפעס, וואס איז מיר נאך נישט גאנץ קלאר געווען.

שפעטער ווען דער ציוניזם האט זיך ביי אונדז אין שטעטל צעוואקסן אין דער ברייט און אין דער טיף, אין אלע זיינע שטרעמונגען און שאטירונגען, איז ר׳ נחמיה שפירא געווען דער הויפט פארשטייער פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע, איר פרעזעס, געשטאנען אין דער שפיץ פון דעם העברעישן תרבות

ווען פאטראן פון די חלוצישע ארגאניזאציעס און פארזיצער פון אלע זיצונגען, ווו מ'האט באהאנדלט ארגאניזאציע און געלט פראגען.

אליין האט ער געערט צו די ראדיקאל ציוניסטן אין פוילן און געהאט גרויס סימפאטיע פארן ארבעטענדיקן־פליגל אין ישראל און פון דעם „ציוניזמוס", ווי ער פלעגט עס אנרופן מיט א באזונדער פייערליכקייט און גרויסארטיקייט. און דאס האט צוגעגעבן א פראגרעסיוון שטריך צו זיין פערזענלייקייט.

ער איז געווען שטאלץ מיט דעם וואס סאקאלאוו פירט א צווישנשריפט, מיט אים, האט זיין שטוב געשטעלט צו דינסט דער ציוניסטישער באוועגונג און מיט באזונדער סאטיספאקציע געוויזן די אקציעס פון דער באנק, וואס ד"ר הרצל האט געגרינדעט,שוין דעמלט האט ער געווסט וווהין צו אינוועסטירן זיינע געלטער.

נישט קוקנדיק אויף זיין עלטער איז ער תמיד גרייט געווען ארויסטרעטן מיט א דרשה אין בית המדרש, אדער מיט א רעדע אין זאל און גיין איבער די הייזער זאמלן געלט אין יעדער ציוניסטישער אקציע, ערב יום כפור פלעגט ער זיך אנטאן יומטובדיק און גיין זיך אוועקזעצן ביי א קערה פאר קרן היסוד און קרן קימת לישראל.

ווען דער ציונזם האט געליטן מפלות אין די צוואנציקער יארן און אלע שונאי־ציון האבן זיך געפרייט מיט זיי איז ער געווען דער איינציקער מונטערער, וואס האט יעדן געטרייסט און געמונטערט:

— דאס זענען די חבלי־גאולה, פלעגט ער זאגן, אז ווייל איז צו אונדז, וואס מיר האבן דאס זוכה געווען, נאך די „חבלי" קומט די גאולה.

און מיר האבן זיך געטרייסט.

ר' נחמיה איז אזוי געווען זיכער אין דעם געדאנק פון גאולה, אז אין די סאמע שווערסטע צייטן אין לאנד, ווען אראבישע באנדעס האבן זיך צעבושעוועט מיט דער שטיצע פון „זיין" ענגלאנד האט ער געשיקט זיין יונגסטע טאכטער קיין ארץ ישרל.

זיין גלויבן אין ציוניזם האט געהאט אין זיך דעם ווייטן קוק, דעם עלעמענט פון נבואה און פאראויסזען. אַן אזעלכע פערזענליכקייטן ווי נחמיה שפירא וואלט דער ציוניזם נישט אויסגעהאלטן זיינע מפלות און אפשר נישט געקומען צום פארווירקליכן.

אלנפאלס, דער ציוניזם אין וואראנאווע וואלט אן ר' נחמיה שפירא נישט עקזעסטירט.

מיר האבן אים אסך צו פארדאנקען.

ר. גול ז״ל

זכרונות, טיפן און קרבנות

מיין טאטע א קרימינאל עקספערט

אין 1918, ווען די דייטשן האבן פארלאזט ווארשאווע, האט זיך געשאפן א רעזשימלאזע לאגע ביי אונדז און מיר האבן געמוזט אליין שאפן א רעזשים אין שטעטל. מיר האבן ארגאניזירט א זעלבסטשוץ, פון יידישער יוגנט און גויים.

אין דער שפיץ פון איר זענען געשטאנען פון די יידן אריה גורוויץ, נחום קוזניעץ, אברהם אליה דוויליאנסקי, און יחזקאל פוזיריסקי, און פון די גויים — דער גלח נאוואקאנסקי אויך א מין יידעלע. מיט דעם מיליטערישן טייל האט אנגעפירט „חיים טשארנע״.

מיר האבן זיך געשטעלט א ציל באשיצען דאס שטעטל פון באנדעס, גנבים און רויבער. דערצו האט מען באדארפט זיין באוואפנט און יעדער האט צוגעשטעלט געווער, איך למשל האב צוגעשטעלט 2 ביקסן און טויזנטער קוילן.

ס׳געדענקט זיך מיר, וו אין א ווינטער נאכט האט א באנדע גויים באפאלן שמואל־הירשן פון עק שטעטל און צוגענומען ביי אים א פארמעגן. באלד אינדערפרי איז געווארן א טומאל, ס׳זענען באלד געווארן עקספערטן אויסצופארשן די זאך און געפונען די גנבים. צווישן זיי איז אויך געווען מיין טאטע, ער האט געקענט אלע גויים פון דער סביבה, בשעת די עקספערטן האבן גערעט האט ער זיך אנגעבויגן פארטראכט, ער האט זיך אזוי צוגעקוקט צום שניי און געזאגט: לויט די שריט איז דא געווען צווישן זיי א קרומער גוי, דאס מוז זיין פיפירקע פון טריקעלע דאינעווע. מ׳דארף גיין צו אים.

מ׳האט באלד צוזאמענגעשטעלט 40 באוואפנטע מענער און מ׳איז אוועק צו פיפירקען קיין טריקעלע דאינעווע. די חברה האבן ארומגערינגעלט דאס דארף. מ׳איז אריין צום קרומען פיפירקע אין שטוב איז ער נאך געשלאפן, ווען מ׳האט אים אויפגעוועקט האט ער פרובירט אנטליפן, אבער ס׳איז נישט געגאנגען דורך פיפירקין האט מען געפונען דאס גאנצע רויב און זיינע מיטארבעטער.

פוילישער נאציזם איז עלטער פון דעם דייטשישן

(צום אנדענק פון אייזיק אולקניצקי און משה זבינסקי)

צייט כ׳געדענק האט ער געהייסן ביי אונדז אייזיק „דער סטאראסטע״. ער איז געווען דער סטאראסטע פון שטעטל ביים צאר ניקאלאי, א מין נאמינירטער בירגערמייסטער. שפעטער בעת דער דייטשישער אקופאציע האבן זיי אים אויך

אנפארטרויט די שטאט פארוואלטונג. אזוי איז ער געווען דער אייביקער קאנדידאט פאר'ן בירגערמייסטער פאסטן אין שטעטיל.

ער איז געווען א הויכער מאן, מיט ברייטע פלייצעס, מיט א שיינער ברייטער בארד, שטענדיק איז געליגן א ברייטער שמייכל אויף זיין פנים, און א קלוגער תלמיד חכם אויסדרוק האט אראפגעשיינט פון זיין ברייטן שטערן. ער איז געווען תלמיד חכם און געווען אויך „אנגעשטאפט" מיט בילדונג.



„דער סטאראסטע" — א. אולקאניצקי הי"ד

אין יענע צייטן איז עס געווען א זעלטנייט, צו דעם איז ער געווען א ייד א חכם און האט פארטיידיקט די יידישע אינטערעסן מיט חכמה סיי פריוואט יידישע ענינים, סיי פון קהל און שטעטל.

די צארישע בעאמטע, וואס פלעגן ווי זייער שטייגער זוכן צוטשעפעניעשן האט ער מיט זיין שארפן מוח און חכמה אזוי באהאנדלט, אז זיי זענען געווען צופרידנגעשטעלט און געהאט פולן רעספעקט פאר אים און די יידן האט עס קיינמאל ניט געשאט. ער האט געראטעוועט יידישע בחורים פון פריזיוו, פון לאנגיעריקער מילירישער דינסט און ער האט נישט געזשאלעוועט קיין מי און געלט, ווען ס'האט זיך געהאנדלט אין יידישער דיסקרימינאציע א.א.וו.

אין 1914 ביי די דייטשן האט ער געזארגט דאס שטעטל זאל נישט ליידן פון הונגער, אין די צייטן ווען מ'האט אפילו ברויט געטיילט בצמצום. א דאנק אים איז די טיילונג געווען אן ארענטליכע אן אונטערשייד פון רייך און ארעם, גוים און יידן. די קריסטן ארום האבן אים דערפאר געליבט און געשאצט.

ווען ס'האט זיך געענדיקט די וועלט מלחמה און פוילן איז אויפגעשטאנען, אין יאר 1919 האט אים דער גענעראל געלאזט רופן צו זיך ביים גלח אין שטוב, גענומען אים פארשן איבער חטאים, וואס ער איז נישט באגאנגען און אים פאראור־טיילט צום טויט. מיט אים איז אויך פאראמשפט געווארן צום טויט משה'קע דעם מעסיאנדזניקס.

די פוילישע וואנדאלן און לייכטזיניקע בלוט זויגער האבן זיי בײדע ארויס־געפירט אויסער דער שטאט, נישט ווייט פון וויגאדקע און זיי ברוטאליש דערמאר־דעט. פוילישע רייטער האבן זיי מיט זייערע שווערדן צעהאקט די קעפ לעבדיקערהייד.

דער נאציזם אין פוילן איז עלטער פון דעם דייטשישן.

דער ירושלמי

אזוי האט מען אים גערופן אין שטעטל, אפשר דערפאר ווייל ווי הרב מישקאווסקי האט ער אויך געשטאמט פון ירושלים.

זיין ריכטיקן נאמען געדענק איך נישט, ער האט געוווינט אראפ־בארג נעבן שמשול ברוך אהרונס, צוזאמען מיט זיסלען. זיין ווייב האט מען גערופן הענקע די טרעסיניכע, ווייל זי האט געהאט א קרענק זי האט זיך שטענדיק געטרייסלט.

דאס איז געווען אין יאר 1917, אין שטעטל איז אנגעקומען א נייער דייטשער קאמענדאנט וואס האט געהייסן פליגער. ביי זיין אנקומען האט מען באלד געזען, אלע יידן זאלן ארויסגיין אויפן מארק־פלאץ, דער ירושלמער איז אויך געגאנגען. ער איז געווען זער אשוואכער און דערפאר א לאנגזאמער גייער. ווען פליגער האט אים געזען גייענדיק אזוי לאנגזאם, איז ער צו אים צו פון הינטן און אים דערהרגעט, דאס איז געווען נעבן דער קרעטשמע ביים אנפאנג פון מארק.

דער טויטן מארש פון יידן צום מארק האט זיך אנגעהויבן נאך אין 1917.

הירש איציע

די פאפולערסטע פיגור ביי אונדז איז געווען צבי יצחק לעווין, ווי מ'האט אים גערופן הירש איציע גבאי. ער איז געווען דער אייביקער גבאי און שטאט האט אים געהאט צו פארדאנקען א סך אויפטוען פארן געזעלשאפטליכן רעליגיעזן לעבן פון די ווארענאווער יידן.

מיר יוגנטליכע האבן אים ליב געהאט צוליב זיין הארציקייט און ליבע צו אונדז קינדער, אליין נעבעך א קינדערלאזער פלעגט ער זיך באציען צו יעדן קינד פון שטעטיל מיט ליבע, געדולד און אויפמערקזאמקייט. תמיד באגעגנט אונדז מיט א שמייכל און מיט א קניפ אין בעקל. אבער ספעציעל ליב געהאט האבן מיר אים דוכט זיך פאר זיין זיסן הארציקן זינגען בשעת'ן דאווענען. ימים נוראים ווען ער האט געדאווענט פארן עמוד האט זיין קלינגענדיקע זיסע שטימע דורכגענומען אונדזער נשמה און ארייגעדרינגען אין הארצן, אפילו נישט רעליגיעזע יידן פלעגן באווירקט ווערן פון זיין הארציקן דאווענען, זיינע קדושות, הקדוש'ס, שמונה עשרה'ס האבן זיי צוגעצויגן צו קומען אין בית־המדרש, זיינע קינות תשעה באב האבן צעבראכן דאס הארץ און צוגעבונדן אויף לאנגע טעג און יארן צום בית המקדש

און צום לאנד און פאלק. דאס איז געווען זיין קראפט. נישט קיין אפיציעל אקטיווער ציוניסט האט ער דעם ציון־באנד פארפלאנצט מיט קלאנג און שטימע און פאר־שטארק די צוגעעריקייט צום אלטן ציון.

אין זיין טאטעגליכער אופפירונג האט ער געקאנט צוציען מענטשן און באצויבערן אלט און יונג, פרומע און פרייע, מ׳האט אים פשוט ליב געהאט צוליב זיין פשוטקייט, טראץ דעם וואס ער איז געווען טיף געלערנט אין תורה, גמרא און חכמה און צוליב זיין דינסטווילִיקייט טראץ זיין הויכער קלאס צוגעעריקייט פון אונדזער שטעטלשער הירעארכיע.

ווען ער איז געווארן גבאי האט זיך אלץ באנייט און לעבן פון שטעטל ער האט אויסגעבויט די נייע שול, ער האט באנייט דאס בית מדרש יידן זאלן זיך צוזאמענטרעפן און א פאסיקן ארט מיט זייער בורא, ער האט פארברייטערט דעם הקדש, כדי ארעמעלייט זאלן האבן ווו מענטשליך איבערנעכטיקן, אין זיין צייט איז תמיד געווען ווארעם און ליכטיק אין די שילן. ווו ער האט גענומען געלט האט קיינער נישט געוויסט.

ביים פארטיילן די עליות און כבודים האט ער נישט אונטערשיידעט צווישן ארעם און רייך און ס׳האט זיך אפגעפילט א דעמקראטיע און גענגזייטיקע אכטונג צווישן ווארנאווער מתפללים.

ווער ווייסט וויפל איבעריק בייז בלוט און כבוד־מחלוקותן האט ר׳ הירש איטשע פארשפארט ווארנאווע.

א גרויסע ערציערישע פערזענליכקייט איז ער געווען, וואס האט מיט זיין פערזענליכן מוסטער דערצויגן און באגייסטערט.

ראובן גול ז״ל

וועגן־אומוועגן צום ציוניזם

אויפן וועג ווילנע-לידע, ביי דער ליניע, צווישן גרינע לאנקעס און הויכע הימלדיקע סאסנאווע וועלדער איז געליגן מיין שטעטעלע וואראנאווע.

דאס גאנצע שטעטעלע האט זיך געצויגן אויף איין לאנגער גאס, אין מיטן איז געווען דער מארק און דער קלויסטער, דערפאר האט מען גערופן דאס שטיקל גאס פון ווילנער זייט ביז'ן מארק די ווילנער גאס און פארקערט דעם צווייטן עק צו לידע צו — לידער גאס.


וואראנאווע האט זיך גערעכנט אלס א קולטורעל שטעטל מער ווי אלע אין איר ארום. שוין פאר דער ערשער וועלט מלחמה איז געווען ביי אונדז א דראמאטישער קרייז, א מין פרייוויליקע טרופע, וואס פלעגט מאכן טעאטער׳ס, אויך א גרויסע רייכע ביבליאטעק, וואס אין יענע יארן איז דאס געווען א זעלטענע דערשיינונג.

אין 1910—1914 זענען שוין דא געווען ציוניסטן, וועלכע זענען געשטאנען אין פארבינדונג מיט דער רוסישער אלגעמיינער ציוניסטישער באוועגונג, אויך אין צארישן רוסלאנד איז דער ציוניזם געווען פארדעכטיקט, דאך האט עס נישט אפגעשוואכט די איבערגעגעבענע ציוניסטן ווי נחמיה שפירא, יוסף שמערקאוויטש (שטיסל׳ס) און זאב שעליוווסקי (דעם טערקס). ווען זיי האבן זיך מתיאש געווען פון די אלטע האבן זיי געזוכט וועגן צו דער יוגנט אריינדרינגען אין זיי א פונק פון אויפלעבונג און דראנג צום בעסערן. זיי איז געלינגען מיט קליינע מיטלן און באשרענקטע מעגליכקייטן צעפלאקארן אין אונדז א פלאם און ברען צו אלעם, וואס איז פארבינדן מיט ארץ־ישראל, זיי זענען אריינגעדרינגען צום לערער מילערס חדר, אונדז געבראכט עברעיש׳ע ביכער, עברעישע לידער, און מיר האבן געשלינגען די לידער ווי זיסע געטרענק. מילער אליין איז געווען א ציוניסט און שעהן האבן מיר פארבראכט מיט אים, זינגנדיק לידער ואם אשכחך ירושלים, שאו ציונה נס ודגל, די ציונסטישע שבועה, מיר הויבן די הענט צו מזרח און שווערן, אין דער סאכע איז מזל ברכה, און אנדערע לידער.

אין דער ערשער מלחמה איז אלץ אפגעשטארבן, די מענטשן זענען זיך צעפלויגן פון שטעטל, מיטן אופשטיין פון דער פוילישער רעגירונג האבן ציוניסטישע פירער באלד אנגעהויבן זוכן אנהאלט אין דער פעריפעריע און פארקערט, דערהויפט האבן דאס געמאכט די וואס זענען געשטאנען אין דער שפיץ פון די ציוניסטישע אקציעס, ס׳האט זיך אנגעהויבן דאן דער פאליטיש און זאכליכער ציוניזם פון איין זייט געלט־טעטיקייט און פון דער צווייטער זייט דאס זוכן וועגן צו דער גרויסער וועלט.

דאן איז געקומען די באלפור דעקלאראציע. מיר האבן פארשטאנען אז ס'איז געקומען די צייט צו שאפן פון דאסניי א ציוניסטישע ארגאניזאציע.

מיר האבן זיך פארבונדן מיט ווילנע, ס'זענען געקומען רעדנער, מ'האט זיך ארגאניזירט, מיר האבן באנייערט דעם דראמאטישן קרייז מיר האבן געשפילט טעאטער און דאס געלט געווידמעט דעם קרן־קימת און ביבליאטעק, ס'האט זיך אויך געשאפן א יוגנט־ארגאניזאציע ,,חרות ותחיה" מ'האט געמאכט פארזאמלונגען, געשפרעכן און געגרינדעט אוונט־קורסן און די אוונטען זענען געווארן פול מיט טאט און לערע.



חרות ותח"ה — 1924

אין איינעם א הייסן זומער־טאג 1920 איז געקומען צו אונדז א בחור פון ווילנע אין א ווייס היטל מיט א בלויער קאלישקע און געזוכט וועגן צו דער יוגנט פון 13—18 יאר. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז אליין אן איישישקער און געקענט א האלב שטעטיל, ער האט געלערנט אין ווילנע, כ'מיין ער האט געהייסן שאול קאלעקא דער שפעטער באוויסטער העברעיש פארשער און לעקסיקער. ער האט זיך צונויפגערעט מיט אסתרקע אלקאניצקי (מושעס), מיט חנקה ווינער און יענקעלע טראצקי, און זיי זענען געקומען צו מיר. אלץ איז געווען צוגעגרייט נאר איין זאך האט באשווערט: ווו קומט מען זיך צוזאמען די עלטערן זאלן אונדז ניט שטערן, מען האט אפגעפילט אז ס'וועט זיין נישט לייכט, ווייל ציוניזם איז געווען טריף־פסול ביי די עלטערן און מ'האט געמוזט ארבעטן אונלעגאל, די אופגאבע האט מען ארויפגעלעגט אויף מיר. רובקע אלטער דעם קצב'ס זון.

איך האב גערופן צו זיך חיים משהקע קפלן (יענקל די דודעס) און לייבקע קאפלן (דעם אלעקוץ), מיר זענען ארויף אויף דער ווייבערישער שול, אופגעבראכן די טיר און ס'האבן זיך געהיימערייד, פון מויל צו אויער צוזאמענגעקליבן א 30 מאן. דער רעדנער האט דערקלערט אונדזער אויפגאבע, אלץ איז געווען קלאר, נאר פון דער זייט האט זיך געעפנט א שארפע דיסקוסיע איבער דער אונגליקליכער פראגע: עברית אדער יידיש. די הויפטגעגנער פון עברית זענען געווען אינגאנצן דריי חברים, יוסף דווילאנסקי, פרומקע ביכביד (אלטע רעדעס) און לאה'קע רבינוביץ (נוח אליה דעם סטאליארס), א נס וואס די מערייט האט געזיגט און מיר האבן באשלאסן רעדן עברית.

אין ועד זענען אריין גיטל מישקובסקי (דעם רב'ס טאכטער) אסתרקע אלקאניצקי חנקע ווינער, ראובן גול, יעקב טראצקי, ישראל ווערסוצקי און שמואל גורוויץ.

מיר האבן גענומען א צימער ביי אלטער טראצקי פאר א לאקאל. כדי צוציען די יוגנט אין איר מערהייט האבן מיר באשלאסן שאפן א שפיל־און־ספארט־פלאץ אנגעהויבן האבן מיר מיט א הוידע (נדנדה) און ס'האט זיך געפרעגט ווו הענגט מען אויף די הוידע — ווו מאכט מען דעם שפיל פלאץ. דא בין איך געווארן פלוצעם דער מרכז אויף מיר האט מען ארויפגעלייגט שאפן מאטעריאל פאר די ספארט־איינריכטונגען און א פלאץ. דער עיקר א פלאץ ווו נעמט מען?

און דא הויבט זיך אן דער עיקר פון אונדזער געהיימקייט און אונלעגאלקייט דאס זוכן אומוועגן צו ציוניזים און פאר ציוניזם.

איך בין אוועק אין ווארענאווער הויף צום פריץ, כ'האב זיך אנגעגעבן אלס דער זון פון אלטער קצב און דער פריץ האט מיר דערלויבט אויסווילן זיך א פלאץ. דאס איז געווען אין עק שטעטל נעבן קריסטליכן צווינטער, ער האט מיר אפילו דערלויבט זיך באנוצען מיט בוימער פאר די ספארט־זאכן. צייט 2 טעג האב איך מיט חיים משה'קי קפלן געמאכט די אלע זאכן, דאן איז געקומען דער ועד און האט באשטעטיקט די זאך.

די יוגנט האט אנגעהויבן שטראמען צו אונדז, מיר האבן נאר אויפגענומען חברים פון דער באוועגונג צום שפילן און דאס האט געווירקט. יוגנט האט זיך פארשריבן די באוועגונס מיטגלידער האבן זיך פארמערט און ס'האט אויפגעוואכט ווארענאווע. אונדזער ספארט פלאץ איז געווארן דער יוגנט־צענטער אין שטעטל און... אין שטעטל איז געווארן א גרויסער געוואלד:

— מ'פארפירט די יוגנט, רחמנא ליצלן! מ'פארשלעפט זיי דער רוח ווייסט וווהין! וואס פלוצעם ארץ־ישראל מיט אנדערע נארישקייטן.

דער הויפט־געגנער איז געווען אייזיק בערמאן און איטשע דער טערק, ס'האט געקאכט געברויזט. ס'איז דערגאנגען צו אן „עכוב הקריאה" אין בית המדרש. ס'האבן זיך געשאפן צוויי פראנטן, א טאג האבן מיר געמיינט דער זיג וועט זיין פון אונדזערע אנהענגער, ווייל מיר זענען געווארן גרויס, שטארק און געוואקסן, מיר

האבן געשאפט געלט, געשפילט טעאטער געקויפט ביכער. אבער דאס פייער פון די געגנער האט זיך אלעמאל צפלאקרט מער און מער, זיי האבן געהאט א געזונטע טענה:

— ס'טייטש שבת!

און די צווייטע געזונטע טענה:

— ס'טייטש ייינגלעך מיט מיידלעך צוזאמן! און יידן שווייגן?

מען האט גערופן מיין טאטן צום רב:

— דיין זון איז דער הויפט־מאכער פון די אלע רחמנא־ליצלן־זאכן און דו מוזט אים אוועקנעמען וועט אלץ זיך צעפאלן.

זיי האבן אזוי לאנג געדרוקט אויף אים, ביז ער איז אוועק אויפן פלאץ און מיט אן האק אלץ צעהאקט און צעבראקט.

קיינער האט זיך נישט קעגנגעשטעלט, איך אודאי נישט, ווען דאס איז אן אנדער ייד דערוועגט ער אפילו נישט צוקומען צום פלאץ אבער ס'איז דאך געווען מיין טאטע.

ס'האט אבער נישט געהאלפן, די געביידע איז שוין געווען אן אויסגעבויטע. מיר האבן שוין געקאנט עקזיסטירן אן דעם ספארט פלאץ 200 ביכער פון די נייעסטע מאדערנסטע און יענער צייט האבן מיר געהאט און יוגנט האט געליינט ביי אונדז און



די ביבליאטעק־קאמיסיע — 1924

מיטגעלעבט מיט אונדז. מיר זענען געווען דער יסוד פון דער דראמאטישער סעקציע און געקריגן גרויסע פראצענטן פון דער איינקונפט, די עלטערע האבן זיך געפריווט יעדעס מאל אונדז אפצונארן, אבער מיר זענען געווען צו שטארק און וויפיל געלט מיר האבן געוואלט האבן מיר באקומען. ס'האט אמאל פאסירט און זיי האבן נישט געוואלט האלטן דעם אפמאך. האבן מיר זיי אזוי אנגעלערנט, אז זיי האבן פארזאגט א צענטן מער נישט אנהויבן מיט אונדז. דאס איז געווען סוכות צייט, געשפילט האט מען אין קרעטשמע פון שטעטל. מיר האבן אליין אויפגעשטעלט בענק פון ברייטער און דעם צווייטן טאג סוכות ביינאכט האט מען באדארפט פארשטעלן, זענען מיר אריין אין מיטן יום־טוב און פארשמירט אלע בענק מיט פעך. זיי זענען געקומען נאכמיטאג צו דער לעצטער רעפעטיציע און דאס דערזען האבן זיי זיך אונטערגעגעבן אינגאנצן.

ביז באנאכט האבן מיר דאס פאררעכטן, מיר האבן געבראכט א גוי א סטעלמאך, ס האט געקאסט געלט און ער האט אפגעפוצט די בענק.

מיט דער צייט האבן מיר זיך צוזאמענגעגאסן מיט דער אלגעמיינער ציוניס־טישער באוועגונג און מיט די עלטערע ציוניסטן פון אונדזער שטאט, מיר האבן אונדזער ביבליאטעק פאראייניקט מיט זייערער, אונדזער געלט געגעבן דעם קרן הקימת און דער ציוניזם בכלל איז געווארן א פאקטאר אין שטעטל.

אזוי האבן מיר געמוזט דורך וועגן־אומוועגן ארגאניזירן די יוגנט, זי ארויספירן אויפן וועג פון עליה פרייהייט און לעבנס־זיכערקייט.

נאאיווע, טייערע עלטערן אונדזערע, ווער ווייסט וויפיל נאך יוגנטליכע פון וואראנאווע אייערע קינדער וואלטן זיך געראטעוועט דאס לעבן, ווען נישט אייערע נאאאיווע נסים־גלויבערייען.

די סאסייטי פון וואראנאווער אין אמעריקע
און וועגן איזי דיקסון

(פון בולעטין פון דער סאסייטי)

מיט 67 יאר צוריק האבן זיך פארזאמלט א גרופע וואראנאווער לאנדסלייט און האבן באשלאסן צו גרינדען א סאסייעטי.

אזיווי די וואראנאווער לאנדסלייט זענען דאן געווען ווינציק אין צאל, איז די אויפגאבע געווען זייער א שווערע. זיי האבן געגארט צוזאמען זיך טרעפן מיט לאנדסלייט און ניט פארלירן די היימישע חבר׳שאפט און פריינשאפט.

דער ערשטער מיטינג איז גערופן געווארן אקטאבער דעם 22־סטן, 1904, ביי ווילי ראזענשטיין אין 198 הענרי סטריט, ניו יארק.

די וועלכע האבן זיך באטייליגט אין דעם ערשטן מיטינג און ווערן אריינגערעכענט אלס די ארגאנייזערס, זיינען ווי פאלגט.

אברהם בערנשטיין, אברהם טראצקי, מאקס מאבעליצקי, מאקס אסטרינסקי, הערי אסטרינסקי, העריס דיימ, לואיס לעווין, פיליפ אלקין, מאריס לעווין, סעם זאבינסקי, מאיר לעווין, אברהם דראזעץ, סעם וואלפיאנסקי, איזראעל ביקוויד, דזשייקאב גאלד, אלי צירינסקי, היימאן קאמענעצקי.

עס איז ווינטשענסווערט צו דערמאנען, אז אונדזער ערשטער טשערמאן איז געווען פיליפ דלוגין.

אייניגע פון זיי האבן פארלאזן די סטייט, און צום גרויס באדויערן זענען אייניגע פון זיי מער ניט צווישן די לעבעדיקע. ערע זייער אנדענקונג.

אזוי זענען פארלאפן יארן נאך יארן. מען איז זיך געגאנגען פארשיידענעם. עס איז געווען אומעגלעך צו עקזיסטירן, מיר האבן אבער ניט געוואלט אויפגעבן אונדזער קאמף.

אין 1498, ווען עס איז דערקלערט געווארן די זעלבסטשטענדיקייט פון ישראל, און מיר האבן זיך דערוואוסט, אז א סך וואראנאווער זענען אנגעקומען אין ישראל און זיי ווארטן אף אונדזער הילף, האבן מיר גלייך געגרינדעט אן „עמוירדזשענסי רעליעף״ מיט דער הילף פון דער וואראנאווער ליידיס אקזיליערי און דיקסאן, ווי שטענדיק, איז גלייך ערוויילט געווארן אלס פינאנס סעקרעטאר און ענערגיש זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט און געהאלפן זיי מיט פעקלעך, געלט, קליידער. מיר האבן אפילו באוויזן אריבערצוברענגען אייניגע לאנדסלייט פון ישראל און פון אנדערע טיילן פון אייראפע, זיי באזארגט מיט קליידער און פארשידענע אנדערע זאכן און איצט זיינען זיי עטאבלירט און מאכן א פיינעם לעבן.

איצט א פאר ווערטער צו איזי דיקסאן:

איזי דיקסאן איז אריינגעקומען אין דער סאסייעטי אויגוסט דעם 11־טן, אין יאר 1914, אין דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה. ער איז געווארן

זייער אקטיוו אום צו העלפן די לאנדסלייט אויף יענער זייט ים. ער האט געטרייט צו גרינדען א רעליעף, קאמיטע, געווען דער סעקרעטאר פון רעליעף לאנגע יארן. געהאלפן שיקן א שליח קיין ווארנאווע מיט 22 טויזנט דאלאר, וואס איז דורכגעגאנגען דורך זיינע הענט. איינגעארדנט דארט א פאלקסשול, א לייי־קאסע, אויך מעדיציניש׳ע הילף, א.א.וו. געטרייט צו זאמלען קליידער און שפייז און דאס געשיקט קיין ווארנאווע. און דא מוזן מיר געבן קרעדיט אונדזער ברודער איזי דיקסאן פאר זיין גיטער און נאבעלער ארבעט וואס ער האט געטאן פאר יארן און יארן.

אפריל דעם 28־סטן 1925, איז ער ערוויילט געווארן אלס פראטאקאל סעקרעטאר און האט אנגעהאלטן דעם אמט ביז 1927.

אין 1927 איז ער ערוויילט געווארן אלס פינאנס סעקרעטאר. אנגעהאלטן דעם אמט פאר 18 יאר. געשריבן די קאנסטיטוציע פעברואר דעם 15־טן, 1930. ער האט זיך באטייליגט אין אלע אקטיוויטעטן פון דער סאסייעטי.

אין דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען מ׳האט אוועקגענומען אונדזער באיס, האט די סאסייעטי באשלאסן צו שיקן פארשידענע פעקלעך צו זיי „אווער־סיס״ און אין די סטייטס. דיקסאן האט דאן ארייגעלייגט א וועלט מיט ארבעט צו פאקן די פעקלעך און אוועקשיקן זיי. עס איז קיין זאך ניט געפאלן שווער.

✶

מיר געבן דא דאס בילד פון אונדזער ברודער איזי דיקסון (דוקשטולסקי), וועלכער איז פארבונדן מיט לייב און לעבן מיט אלעס, וואס האט א שייכות צו ווארנאווער ברידער.



א „פארטי״ צום באנזיך פון די דיקסונס אין ישראל

אין לויף פון 56 יאר אין אמעריקע האט איזי דיקסון באוויזען צו האלטן פארבינדונג מיט ווארשאווער און אפרופן זיך מיט הילף ביי פארשיידענע געלע־גנייטן.

מיט דריקן אויס אונדזער אפשאצונג צו איזי דיקסון ספעציעל פאר זיין בייש־טייער צום יזכור בוך מיט געלט און מיט זאמלען געלט פאר דעם צוועק.



איזידאר דיקסאן

מיין לעבנ׳ס ליד

איך בענק נאך א טרייסט, אמאל דאס געהאט,
אין הונגער אוןליידן דאמיט געוועז זאט
איינזאם אויף דער וועלט בין איך פאבליבען,
א יתום געווארען צו א יאר זיבען.

איך געדענק ווי אין חלום מיין מאמע פלעגט מיט זינגען
דער נגון טוט מיר אין מיינע אויערן נאך קלינגען,
איך קען ניט פארגעסען דעם טייערן נגון,
די שלאף ליד מיט וועלכע זי פלעגט מיר פארוויגען.

„שלאף מיין קינד, מיין טייערער לעבען,
זאל דיר דער עוויגער לאנגע יאר געבען,
זאלסט אויפשטיין געזונד אויפ׳ן פרימארגען,
דער טאטע און מאמע וועט פאר דיר זארגען״.

יואו איז אייער ווארט וואס איר האט מיר פארשפראכען,
איר האט אייער צוזאג אין גאנצען געבראכען.
וואס שווייגט איר, וואס ענטפערט איר מיר ניט אצינד !
איר בלייבט שולדיג אן ענטפער אייער איינציגען קינד !

גבורה און אומקום

משה קפלן
און אביסל
חיה קפלן

א דאנק אונדזער קינד

די ערשטע אויסראטונג

אין 11־טן מאי 1942 זענען די דייטשן מיט זייערע היגע אונטערהעלפערס געגאנגען פון שטוב צו שטוב און ארויסגענומען אלע יידן פון קליין ביז גרויס, זיי געשטופט מיט שלעק און מיט מכות צום מארק־פלאץ וואו ס'האט געפריווט זיך ארויסדרייען האט געקריגן טויט שלעק מיט העק און שטעקנס, מיט אייזערנע פרענטעס.

ווען אלע זענען שוין געווען אויפ'ן פלאץ איז אויפגעטריטן דער נאצישער הערשער ווינדיש און געהאלטן א רעדע, ווו ער האט דערקלערט אז אין 1938 האט דער רייכסטאג אין בערלין אין זיין באהאנדלונג אויפגעוויזן, אז דאס יידישע פאלק איז שולדיק אין אלע צרות פונ'ם דייטשישן פאלק און פון דער גאנצער מענטשהייט. דאן איז אויך ארויסגעגעבן געווארן א טויט אורטייל אויף דעם יידישן פאלק און איצט וועט ער, ווינדיש, אים אויספירן ביי אונדז אין באצירק. ער פאדערט, אלזא, מיר זאלן האלטן ארדנונג. יעדער משפחה־עלטסטער וועמען מ'וועט אויסרופן זאל נעמען זיינע בני בית און אנדערע אפהענגיקע פון אים און זאל גיין אין דער ריכטונג פון לידע. ווער ס'וועט פרובירן זיך קעגנשטעלן אדער אנטלויפן וועט פררניכטעט ווערן מיט דער פולער גרויזאמקייט ווי עס קומט אים.

ער איז געווען א קליינוווקסיקער, א בלאנדער, אן אויסגעפוצטער אין אן עס־עס אנצוג און ווען ער האט גערעט האט א דעמאניש געלעכטערל אראפגעשיינט פון זיין פנים. נאך דער רעדע איז ער אליין געשטאנען אויפן קרייצוועג פון לידער גאס, די באן, און הערמנישקי און פארטיילט די יידן צום לעבן און טויט. די וואס זענען געגאנגען קיין לידער גאס זענען געגאנגען צום טויט. זיי זענען באלד געווארן הפקר און די ווילדע חיות די שכנים אונדזערע זענען געשטאנען באנדעס־ווייז און זיי באשיט מיט טויט־שלעק. נאך איידער זיי זענען געקומען צום קבר.

ביים לידער שאסיי איז שוין געווען א גרוב אויסגעגראבן און נעבן אים בערג פון קאלך און כלאָר. די יידן זענען צוגעגאנגען גרופנווייז, זיך אויסגעטאן ביי דער זייט און אריינגעגאנגען אין גרוב אריין נאקעט, דא האט מען זיי צעשאסן און לעבעדיקערייד, נאך פארן אויסהויכן די נשמה אויסגעלייגט זיי שיכטנווייז און צווישן אַיין שיכט און דער צווייטער אויסגעשפרייט קאלך מיט כלאָר פאר א

דיזענפעקציע. צווישן די באגראבענע זענען אויך געווען יידן, וואס זענען בלויז געווען פארווינדעט און זיי זענען דערשטיקט געווארן פון דער שווערער קערפערן־מאסע לעבעדיקערייד.

אזוי איז אומגעבראכט געווארן די מערהייט פון די ווראנאווער יידן און די יידן פון איר ארום. אן ערך דריי טויזנט יידן.

מיר, האנטווערקער און די „נוציקע יידן״ זענען מיר געבליבן און נאך באוויזן צו זען, ווי מ׳ברענגט צוריק די קליידער פון די טויטע און נאך אנדערע גרויל־בילדער, וואס ס׳איז אונמעגלעך זיי צו פארגעסן. דאס גרויזאמקייט פון אונדזערע שכנים קאן מען נישט פארשטעלן. זיי זענען געשטאנען פול מיט בלוט־דארשטיקער פרייד, גרייט אויסצופירן יעדע אכזריותדיקע אויפגאבע, וואס דער בעל־הבית וועט אויף זיי ארויפלעגן, צו אזא בלוט הוליאנקע זענען נאר פעאיק קאניבאלן. זיי זענען צוגעפאלן צום רויבן, זיי האבן געשלאגן די וואפנלאזע קרבנות ביז צום טויט, זיי זענען ארומגעלאפן צווישן די הייזער איינגעבראכן, גערויבט און צעשטערט, אבער מער פון אלעם האבן זיי געוואלט יידיש בלוט.

כ׳געדענק דאס נידערטרעכטיקע מערדערישקייט זייערס מיט אלי און חוה שפאקונער. דאס פארל, ווען זיי זענען אוועק אויפ׳ן מארק־פלאץ האבן זיי איבער־געלאזט זייער פיצל יינגעלע אין וויגעלע, זאל ער כאטש בלייבן לעבן, האבן זיי געקלערט. צום סוף האט ווינדיש זיי איבערגעלאזט צווישן די „נוציקע״ און ווען זיי זענען געקומען צוריק אין שטוב אריין, האבן זיי געטראפן זייער עופעלע צעפליישט און צעפיצעלט אין וויגעלע. דאס האבן געמאכט נישט קיין אנדערע נאר די בלוט דורשטיקע שכנים זייערע. ווער קאן זיך אין זיין פינסטערער פאנ־טאזיע פארשטעלן אזא נידערפאלן פון מענטש? איז דען דא א נקמה פאר׳ן טויט פון אן אונשולדיק קינדעלע?

פון אלע אונזערע יידן זענען געבליבן זיבנהונדערט, מ׳האט אונדז נישט געלאזט זיך צוריקקערן אין אונדזערע הייזער, די דייטשן האבן זיי שוין געהאט רעקווירירט פאר זיך. מיר זענען געבליבן אלע אין דער לידער־גאס און נאך א פאר טעג האט מען אונדז אריבערגעפירט קיין לידע אין דארטיקן געטא.

איידער מיר זענען זיך צעגאנגען האט ווינדיש ווידער געהאלטן א רעדע און געזאגט:

— איך האב אייך איבערגעלאזט צייטווייליק לעבן, ווייל דאס דייטשישע מיליטער דארף אייך נאך האבן. אבער דער סוף אייערער וועט זיין דער זעלבער.

אין לידער געטא אריין

שבת איז דאס געווען. ערשטער טאג שבועות. מ׳האט אונדז אלע ארויסגע־טריבן פון די הייזער און מיר האבן געוויסט, אז מען ווארצלט אונדז דא אויס אויף אייביק. יעדער האט גענומען פעקעלעך מיט עסנווארג און קליידער, וויפיל יעדער

האט געקאנט פארשלעפן און פארטראגן. אזוי האבן מיר פארלאזט וואראנאוועֺ, דאס געבורטס פלאץ פון אונדזערע אור־אור־עלטערן.

אויסער דער שטאט האבן די דייטשן מיט זייערע אונטערשטופערס אנגע־הויבן אראפרייסן די פעקלעך פון אונדז און זיי פארוואַרפן אין די ראוועס פון שאסיי, שלאגנדיק אונדז דאביי מכות רצח. ווער ס'האט זיך פארמאטערט גייענ־דיק און איז אונטערגעשטאנען האט געקריגן געשלאגן ביז בלוט.

אזוי האט מען אונדז געיאגט צופיס 9 קילאמעטער ביז באסטון. פון דארט האט מען אונדז אופגעלאדן אויף וואגאנעס און פארפירט קיין לידע.

דער יודנראט האט אונדז איינלאָקירט אין געדיכט־אנגעשטאפטע צימערן און ס'האט זיך אנגעהויבן דאס טרייבן צו דער ארבעט, דאס געשלעג און איזדי־עקעוועס זיך.

מיך מיט פאיקאווסקין, וואס מיר האבן געארבעט פריער ביי ווינדישן אלס פארבערעס האט מען צוגעטיילט צו זיינע ווארשטאטן. לויט זיינע פאראָרדנונגען האבן זיינע פריערדיקע קנעכט געערט צו אים. און יידן נעבעך האבן אונדז מקנא געווען.

איך האב געארבעט אויך אין אנדערע דייטשישע הייזער אלס פארבער. צווישן זיי אויך ביי ווערנערן. דאס איז געווען א געפערליכער סאדיסט. יידן וואס האבן געארבעט ביי אים האבן יעדן פארנאכט געמוזט זיך צושטעלן צום „אויסצאל־ארדער", ער פלעגט דאן דורכגיין מיט א גרויסן הונט, צוגיין צו יעדן איינעם און זאגן דעם הונט:

— באצאל אים!

און דער הונט האט אים צעריסן, צעריטשעט זיין הויט און פלייש. איך האב דאס געוויסט פלעג איך יעדן פארנאכט אויסדרייען זיך און אנטלויפן.

ווי איך האב זיך ארויסגעריסן פון לידער געטא

מיין שוואגער משה וואלפיאנסקי האט זיך אויסגעבאהלטן ביי א גוטן גוי, זיינער א באקאנטער און פריינד. אין איינעם פו די אוונטן זענען אריין צום גוי 2 דייטשן און געוואלט מיטנעמען מיט זיך משה'ן. זיי האבן זיך געווארפן אויף דעם גוי מיט געשרייען און דראונגען, פארוואס ער וואגט אויסבאהאלטן א יידן. דער גוי מיט משה'ן האבן זיך א ווארף געטון אויף די 2 גבורים, צוגענומען ביי זיי דאס געווער און משה האט זיך געראטעוועט. אבער ער האט געמוזט פארלאזן זיין חבר'ס הויז און אוועק אין וואלד אריין. אין א מיטאגס שעה ווען ער איז געווען מיד פון וואנדערונגען האט ער זיך אוועקגעלייגט שלאפן.

ווען די שארפע זון־שטראלן האבן אים אויפגעריסן פון שלאף, האט ער דערזען נעבן זיך א פוילישע יונגע שיינהייט, זי האט אים געזאגט, אז זי זיצט שוין אזוי העכער א שעה און קוקט אויף אים, איר ליבע צו אים האט זיך צע־פלאקערט און זי קאן זיך נישט איבערשטארקן. זי האט אים גענומען צו זיך אהיים.

אזוי איז ער אונדז פארשווינדן. מיר האבן נישט געוויסט וואס מיט אים איז געשען. מיר זענען אפגעריסן געווארן פון אים.

אין א געוויסן טאג ענדע מערץ 1943 איז צו אונדז געקומען די מוטער פון דער שיקסע, האט אונדז איבערגעגעבן פון אים א לעבעדיקן גרוס און געזאגט, אז זי וויל אונדז ארויסראטעווען פון געטא. מיר האבן אבער נישט געוואלט ארויסגיין אָן אברה׳מעלן, אונדזער פיצעלע יונגעלע. זי פלעגט פון דאן אָן קומען צו אונדז פון מאל צו מאל און אונדז ברענגען פעקלעך עסן און מער נישט גערעט פון אונדזער ארויסגיין פון געטא.

איינמאל האט זיך ווידער דערוועקט די פראגע פון אונדזער ארויסראטעווען פון געטא און ווידער די פראגע פון קינד. דאס מאל האט זי שוין באשטאנען אונדז נעמען מיט׳ן קינדעלע.

זי איז אוועק. מיר האבן געזאלט זיך באזארגן מיט קליידונג. איך האב מיין סוד דערציילט מולע׳ן (ער איז איצט אייגנטימער פון קולנוע אין הרצליה) און מיר זענעןביידע ארויס באנאכט און אוועק צום שוואגער. ס׳איז געווען אפגערעט, אז מיר זאלן קומען שפעטער נעמען יעדער זיין משפחה. מולע האט זיך אנגעהויבן דרייען צווישן די גויים און איך מיט׳ן שוואגער האבן מיר צוגענומען ביי א גוי א פערד און שליטן — און איך בין ארויס קיין לידע אליין.

גאנץ פרי בין איך אנגעקומען אין געטא. נעבן טויער איז געשטאנען לייבקע אזשעכאווסקי, א גוטער בחור פון לידע. כ׳האב אים א רוף געטון ביים נאמען האט ער מיר אויפגעעפנט דעם טויער און כ׳בין אריינגעפארן מיט׳ן גאנצן שפאַן.

כ׳האב מיך אפגערוט עטליכע שעה, און ווידער א דאנק לייבקען ארויס מיטאג־צייט דורכ׳ן טויער פון געטא. כ׳בין ארויס, קומט אויס לעגאל, אוועק איבער דער שטאט און דארט אוועקגעשטעלט זיך אפווארטן מיין פרוי מיט׳ן קינד.

מיין ווייב האט גענומען אברה׳מעלן, זיך ארויסגעגנבעט דורך א שפאלט פון פארקן אין דער הינטערשטער טייל געטא.

מיר האבן באשלאסן מיטנעמען מיט זיך 80 קוילן, כדי מ׳זאל אונדז אננעמען אין פארטיזאנקע. זי האט גענומען די קוילן צו זיך אין בוזעם. פון געטא צום שליטן איז געווען א גאנץ ווייטע שטרעקע, אינצווישן האט ביי איר ביוסטהאלטער געפּלאצט א בענדל. די קוילן האבן זיך צעשיט אויף דער ערד און דא גייען דייטשן אפּ און אוף. איר לאגע איז געווען שרעקלעך. זי האט זיך אבער באלד אריענטירט, אוועקגעלייגט דאס קינד אויפ׳ן שניי אויף די קוילן און האט אוועקגעקניעט נעבן אים צו איבערוועקלען אים קלאמערשט. זיי זענען דורכגעגאנגען דורך איר און נישט באמערקט איר אונגליק.

ביז זי איז צו צו מיר האט אוועקגענומען עטליכע גוטע לאנגע שעה. איך האב געזען דייטשישע פאליציסטן גיין דורך און קומען צו צו מיר, דאס הארץ

האט מיר כמעט געפּלאַצט, אָבער כ'האָב זיך געמאַכט נישט זעענדיק, געפּורקעט זיך ביים געשפּאַן, דערנאָך אויסגעשפּאַנט דאָס פערד און געפירט אים צום וואַסער, מיין פּויליש־מיליטערישׁ קליידונג האָט מיך גוט פאַרשטעלט און כ'האָב זיך געראַ־טעוועט.

פאַרנאַכט האָב איך זי געזען אַנקומען און קעגנאיבער איר האָב איך געזען גייען דייטשישע פּאָליציסטן, כ'האָב שרעקליך מורא געהאַט, אָבער אויך דאָס איז אַדורך בשלום און מיר זענען אַוועקגעפאָרן. אויפ'ן וועג איז אָנגעגאַנגען אַ פּוי־לישער פּאָליציסט און אַרויפגעשפּרינגען אויפ'ן שליטן, מיר האָבן אים אויסגעזען פאַרדעכטיקט האָט ער אָנגעהויבן אונדז אויספאַרשן וווּהין מיר פאָרן און פון וואַנען. מיין פרוי האָט זיך באַלד אָריענטירט און אים ענטפער געטון:

— דאָס קינד האָט געקריגן די טיפוס קרענק און מיר פירן אים צום דאָקטאָר.

דאָס האָט אים אַ ברי געטון. ער איז אַראָפּ מיט אַ שפּרונג פון שליטן און אַוועק.

מיר זענען אָנגעקומען צום שוואָגער בשלום.

דאָ איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונדזערטוועגן אַ בונקער אין דער קו־שטאַל פון זיינע פריינט די טשאַיקאָווסקיס און 8 מאָנאַט האָבן מיר אָפּגעלעבט ביי די גוטע טשייקאָווסקיס.

אין לויף פון די מאָנאַטן זענען אָנגעקומען נאָך פּופצן יידן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי יוסף טשייקאָווסקיס ברידער. ס'זענען דאָ געווען דוד, אליהו און יוסף גרשונאָוויטש, שרה־רבקה אַרקאָוו, יוסל שפּרינצעס, זיין קרוב, מולע חיות און זיין פרוי און זייער טעכטערל.

די טייערע טשייקאָווסקיס האָבן אונדז אויסגעהאַלטן מיט סכנות־נפשות איינשטעלנדיק זייער לעבן און פאַרמעגן פאַרן יידישן לעבן.

אין וואַלד אַן געווער — דאָס קינד אין גוישע הענט.

איינמאָל באַנאַכט האָבן די דייטשן באַפאַלן די כוטאָרן אַרום אונדז, פאַרברענט זייערע הייזער און אויסגעשאָסן איינוווינער. אַלס נקמה פאַר 2 דייטשן וואָס זענען דאָ געהאַרגעט געוואָרן. מיר זענען אַרויס מיט טויט־שרעק אין וואַלד אַריין. מער האָבן מיר נישט געוואָלט קומען צוריק אַהער. ס'איז געווען געפערלעך פאַר אונדז און פאַר אונדזערע בייהעלפערס. אין וואַלד האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן אין דער גרויסער בהלה פאַרגעסן דאָס קינד אין בונקער. כ'האָב זיך אומגעקערט. אין שטוב האָב איך געטראָפן די אַלטע טשאַיקאָווסקי, געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט און געוויינט. כ'האָב גענומען מיין קינדעלע און אַוועק.

אין וואַלד זענען די וועגן געווען בלאָטיקע פאַרפלאָסן פון צעגייענדיקן שניי, ס'איז שווער געווען אַרויסצושלעפּן די פיס פון דער זינקנדיקער בלאָטע און דער וועג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. מיר זענען געגאַנגען פול מיט שרעק שטילערייד און דאָס קינד האָט געהאַלטן אין איין וויינען. די מענטשן האָבן מורא געהאַט, אַז זיין געוויין וועט אונדז אויסגעבן און עמיצער האָט פאָרגעשלאָגן אין אַ באַראַטונג

מ׳זאל פטור ווערן פונם קינד. מיר האבן דאס געהערט. איינער א ייד פון סאלעצ׳ניק איז צו צום קינד, צוגעשטעלט די לופּע פון ביקס צום קעפּעלע פון קינדעלע און געפרעגט:

— דערשיסן, אדער נישט דערשיסן?

כ׳בין נישט באשטאנען, כאטש די ספקות האבן אויך מיך געפרעסן: צי מעג איך ברענגען א געפאר אויף אזויפיל יידישע נפשות צוליב איין קליין, אומשולדיק, זויבער קינד. כ׳האב גענומען דאס קינדעלע אויף מיינע הענט, כ׳האב אים געגלעט, געוואלט אים בארוהיקן, פארשטילן זיין געוויין, דערמיט אויך בארוהיקן די מיטגייענדיקע אבער די קעלט און דער הונגער האבן אים פארשאפט ווייטיקן. ער האט זיך געקורטשעט פון שמערצן אין בייכעלע און אין די הענט און פיסעלעך, ער האט אלץ שטארקער און שטארקער געיאמערט. דוד גרשונאוויטש האט זיך דערמאנט, אז דא אין נאענט דארף וווינט א גוי, אולאנאווסקי, לאמיר איבערלאזן דאס קינד ביי אים פאר א מלבוש און א ברויט וועט ער אים האלטן ביז איר, עלטערן וועט אים קומען אפנעמען.

ס׳האט מיר געווייטיקט דאס הארץ אבער כ׳האב געוויסט, אז דאס איז דער איינציקער אויסוועג.

דער גוי האט מסכים געווען. זיין שטיבעלע איז געווען א פּיצעלע. און איין קליינטשיקן צימערל זענען זיי געשלאפן 8 נפשות, מיט אן אלטער באבע אינ־דערמיטן. זיי האבן אריינגעלייגט אברה׳מעלען אלס ניינטן אין אלגעמיינעם בעט און ער איז געבליבן ביי זיי.

ווען ס׳איז אביסעל רוהיקער געווארן זענען מיר געגאנגען אים באזוכן פון מאל צו מאל, אים א דרוק טון צום הארצן און ברענגען עפּעס דעם גוי. ער איז געווען שמוציק, פארלייזיקט, ער איז געשלאפן צופוסנס פון אלע און זיך געמאטערט מיט זיי צוזאמען.

מיר פלעגן אים נעמען אמאל צו אונדז אין וואלד אריין, אבער די ריזיקע איז געווען צו שטארק, דאס קינד פלעגט וועלן אנהויבן גיין, אביסל זיך פעסטען און מיר פלעגן מוזן אים פארשטילן און דערדריקן אלע זיינע פארלאנגען.

פאראמאל האבן מיר זיך אויסגעגראבן א בונקער ביי אולאנאווסקין אין הויף. מיר פלעגן פארברענגען מיט אים א פאר טעג און ווייטער אוועק. מיר האבן זיך אומגעקערט צו טשייקאווסקין, אבער דאס קינד האט ער מורא געהאט צו נעמען צו זיך.

טעג פלעגן דורכגיין און מיר האבן אברה׳מעלען נישט געזעען. אמאל בין איך צו אים געקומען נאך א לאנגער צייט. די זון האט געשיינט, האב איך געהערט ווי ער פּישטשעט אויף זיין שטייגער. כ׳בין געגאנגען נאך דער שטימע. כ׳האב אים געטראפן אין דער בודע פון הונט. דער הונט איז אוועק האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך צעשפּריט אין דער בודע. כ׳בין געליגן פון ווייטן און זיך

צוגעקוקט צו אים ער איז געליגן אויפן בייכעלע און געפּליסטערט:

— אט איז א ווונד, נאך א ווונד, טוט וויי, טאטע, מאמע.

כ'האב געוואלט צו צו אים, אים אנרירן, אבער כ'האב מיר דאס נישט געקאנט דערלויבן.

איינמאל האב איך אים געזען ווי ער קריכט צו צו דער גרויסער משפּחה־שיסל זוכן רעשטלעך עסן און די שיסל איז ליידיק. ער האט געפּליסטערט „הונ־געריק" „איך הונגעריק". ער איז צוגעקראכן צו דער קו, אונטרגעלייגט זיך און אנגעהויבן זויגן די אייטער־וואָרצלן, אבער ער האט געשעפּטשעט:

— נישטא קיין מילך, נישטא.

ס'האַרץ האט זיך מיר צעריסן. ער איז צוריקגעקראכן אין בודע אריין ווי א פריבלודנע הונט, זיך אויסגעצויגן ווי א הונט וואס האט זיך אנטוישט פון רחמים, און איז געבליבן אן ברויט און אן אויפמערקזאמקייט. איך האב מיין ווייטיק פארשפּארט טיף אין הארצן און זיך אומגעקערט צו טשייקאווסקין.

אין א געוויסער נאכט זענען געקומען ווייסע פאליאקן צו אולאנאווסקין און אים געדראט מיט טויט, אויב ער וועט נישט אנדעקן די „יידן", וואס באהאלטן זיך ביי אים. עמיצער האט אים פארמסרט, מ'האט נאר נישט דערציילט ווי אלט איז דער געפערלעכער „ייד" וואס באהאלט זיך ביי אים. זיי האבן אים פארמאטערט מיט דראונגען, אבער ער איז אויסגעשטאנען אלץ און נישט אויסגעגעבן דאס קינד.

אויף צומארגנס איז ער דאך געקומען צו אונדז און געפאדערט מיר זאלן אפּנעמען דאס קינד. ווי האבן מיר אים געקאנט נעמען? מיר האבן זיך געוואלגערט אין די וועלדער בייטאג און געזוכט א פארבעלטניש ביינאכט און געגאנגען רויבן אונזער עסן ביי די גויים. דאך האבן מיר אים אמאל גענומען צו אונדז אין וואלד אריין, ער איז שוין אלט געווען 13 מאנאטן און ער האט נאך נישט געקאנט גיין, מיר זענען דוקא געווען צעפרידן דערפון, ווייל אזוי איז אים לייכטער געווען אפצוהיטן. פלוצים אין דער פרייקייט פון וואלד האט אברה'מעלע זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן קלאפּטשען מיט זיינע פיסעלעך. ער האט זיך אליין דערפרייט ביז היסטעריקע. ער האט געוויינט און געלאכט צוזאמען. דערוויל האט מען אויפ'ן שאסיי דערזען דייטשן גייען. מיר האבן זיך דערשראקן, געכאפּט דאס קינד און פארשטאפּט אים דאס מיילעכל, ער זאל אונדז נישט אויסגעבן מיט זיינע קולעכלעך.

מיר האבן אים שנעל צוריקגעבראכט צו אולאנאווסקין. מער האבן מיר אים שוין נישט געקענט נעמען צו זיך, ווייל ס'איז אים שוין שווער געווען צוצוהאלטן ביי זיך.

ווען מיר האבן אים באזוכט שפּעטער מיט א שטיקל צייט האט אונדז זיין בעלת־חסד דערציילט מיט טרערן און כליפּעניש, אז ערשט נעכטן האט זיך איר געטראפן, זי האט באמערקט, אז דאס קינד איז נישטא. זי האט זיך דערשראקן און ארויס אים זוכן אין פעלד, האט זי אים געפונען צווישן די בעיטן פון בלעטערדיקע

קארטאפל־פלאנצן, זיין בלאנד פלאקסן קעפעלע האט ארויסגעקוקט פון דער גרינ־קייט. זי האט אים געפרעגט וווהין ער גייט ? האט ער איר געענטפערט :

כ׳גיי צום טאטן.

פון דאן לויפט ער ארום אין צימער פון עק צו עק, ווי ער וואלט געוואנדערט אין ווייטקייטן אריין און עטוואס ארומגעזוכט.

מיר לעבן אלס וואלד־באנדיטן אדער וואלד־חיות

מיר האבן געפילט אז מיר מוזן אנטלויפן צו די פארטיזאנער. מולע איז שוין געווען מיט זיי פונלאנג מיר האבן ערשט געזוכט א וועג צו זיי.

איינמאל איז ארויס רובקע ארקין און דער לאדזשער אינזשיניער, וואס האט זיך אויפגעהאלטן מיט אונדז און האט זיך באגעגנט מיט פוילישע פארטיזאנער. די פאליאקן האבן זיי צוגעזאגט מיטצונעמען צו די פארטיזאנער. זיי זענען געקומען מיטנעמען זייערע פרויען מיט קינדער און זיי זענען אוועק צו די פאליאקן. ס׳זענען מיטגעגאנגען מולעס פרוי מיט׳ן קינד, דעם אינזשיניערס פרוי מיט זיינער א קוזינקע. מיר זענען געבליבןווארטן אויף א ידיעה פון זיי, כדי שפעטער אויך ארויס צו זיי. אין א פאר שטונדן ארום איז רובקע צוריק געקומען א צעשראקענער צום טויט און דערציילט, אז די פוילישע פארטיזאנער האבן זיי געלאזט צוגיין נאענט און דאן אנגעהויבן זיי צו שלאגן טויט־שלעק. דעם אינזשיניער האבן זיי דערשלאגן צום טויט, ער אליין איז אוועק אונטער די קלעפ, אבער די פרויען זענען געבליבן און ווער ווייסט וואס מיט זיי איז איצט. מיר האבן שוין דאן געהאט געווער זענען מיר געלאפן. מיר האבן אנגעגריפן די פאליאקן און באוויזן אפצוראטעווען מולעס פרוי מיט קינד און דעם אינזשיניערס פרוי, די קוזינקע זיינע איז שוין געווען טויט.

די פאליאקן האבן אונדז נישט געקאנט מוחל זיין אונדזער חוצפה. פון דאן אן האבן זיי ארומגענישטערט נאך אונדז מיט פארגרעסערטע כוחות און מיר האבן געמוזט פארלאזן דעם וואלד. מיר זענען אריבער אין פעטראקנער וואלד.

מיר זענען אמאל געליגן אין וואלד און געדרימלט אויס מידקייט, איך האב זיך אויפגעכאפט אויסלויזן מיינע פארלייזיקטע קליידער. ס׳איז געווען שטיל ארום און ארום כ׳האב נישט געהירט גארנישט, פלוצעם הויב איך אויף דעם קאפ און דערזע דייטשן דערנעענטרן זיך צו אונדז. כ׳האב א שפרונג געטון צום אנטלויפן און אויסגעשריגן :

— אנטלויפט דייטשן קומען.

מיר זענען זיך צעלאפן אלע. מיט מיר איז געלאפן הינדיטשקע דעם שטומאק׳ס. מיר האבן געזען דייטשן רינגלען ארום די הייזער און מיר זענען פארשלאסן און פאררינגלט נישט צום אנטלויפן, כ׳האב זיך א ריס געטון און דורכגעריסן זיך דורך די דייטשישע רייען. זיי האבן זיך דערשראקן און איך בין אוועק, אבער איינער האט זיך אפגעשאקלט אנגעהויבן נאכצולויפן נאך מיר און נאכגעווארפן א האנט גראנאט, כ׳בין אוועקגעפאלן און ניצל געווארן, ווען כ׳האב זיך אויפגעשטעלט איז

ער געווען נישט ווייט פון מיר, אבער ווען כ׳האב אויפגעהויבן מיין ביקס צו אים איז ער אנטלאפן, און זיינע חברים האבן זיך אויך אוועקגעווארפן אויפן באדן. אזוי איז הינדיטשקין געלינגען צו אנטלויפן און זיך פארשטעקן אין איינעם פון די הייף, אבער א פאליאק האט זי באמערקט און האט זי געשאסן אין הויף. פון מיין באהעלטניש האב איך נאך געהערט ווי זי בעט זיך ביי אים ער זאל זי לאזן לעבן, אבער ער האט נישט גלייגט קיין אכט אויף איר געבעט. מיין ווייב און אן איוויער ייד מיט׳ן צונאמען פולזשיד, זיין פרוי און טאכטער האבן זיך פארשטעקט אין א גערשטן פעלד און זענען געבליבן לעבן. מיין שוואגער האט זיך נישט אויפגעכאפט פון שלאף האבן זיי אים אין שלאף דערשאסן. מיט אים זענען אומגעקומען אוסקא און יוסף פופקע.

איך בין געלעגן אין דער הויכער תבואה ביז שפעט אין אוונט, כ׳האב געלעקט די פייכטע שטיינער, כדי אפצוקילן דעם פחד, וואס האט געזאטן אין מיר און פארטריקנט דאס מויל און דעם גארגל. ווען כ׳האב דערזען די לבנה אין איר פולקייט האב איך פארשטאנען, אז ס׳איז שוין מיטנאכט און כ׳בין ארויס צום נאענטן דארף זוכן א באהעלטניש פאר זיך און אפזוכן דערנאך מיין פרוי. כ׳האב מיט אמאל דערפילט א שרעקליכע איינזאמקייט, א מין געפיל פון איבעריקייט וואס דער טויט איז שוין בעסער פון דעם.

כ׳בין געקומען צו יוסף טשאיקאווסקין און געטראפן מיין ווייב. מיר האבן זיך ביידע צעוויינט. מיר האבן שוין נישט געקלערט זיך צו טרעפן לעבעדיק. מיר האבן געיאמערט געכליפעט ווי פיצלעך קינדער, אבער די גויים האט עס נישט גערירט. זיי האבן געפאדערט מיר זאלן זיי באפרייען. זיי האבן מורא געהאט.

מיר האבן צוגעווארט ביז נאכט און אוועק אין וואלד אריין.

מיר ווילן זיך איבערגעבן צו די דייטשן

די וועלדער זענען פול געווען מיט פוילישע אונטערערד גרופן, מיט ווייס־פוילישע פארטיזאנער און אנדערע גויישע גרופן. מיר האבן מורא געהאט פאר זיי אלע. מיר זענען געלאפן פון וואלד צו וואלד, ווי געיאגטע חיות, דערווייל איז דער הארבסט אנגעקומען, דאס פייכטקייט און די קעלט האט אונדז אפגעשוואכט אינגאנצן. יעדער טאג ווידער האט מיט זיך געבראכט נייע צרות און נייע שרעק.

מיר האבן אבער געוואלט לעבן צוליב דעם קינדעלע. מיר האבן תמיד געוואלט זיין נאענט צו אים. אמאל ווען מיר זענען אזוי געקומען צו אולאנאווסקין האט ער אונדז געבעטן מיר זאלן צונעמען דאס קינד. ער האט דערציילט, אז די ווייסע פאליאקן קומען צו אים דורך די נעכט און פאדערן ער זאל זיי איבערגעבן די „יידן" וואס ער באהאלט אויס. ער האט דערציילט, אז איינמאל האבן זיי אים אראפגעלאזט אין א טיפן גרוב פון א לעדיקער קרעניצע און האבן געשאסן איבער זיין קאפ, כדי אים אנצושרעקן, אבער טראץ דעם האט ער זיך געשוווירן פאר זיי, אז ביי

אים זענען קיין יידן נישטא און זיי האבן אים געלאזט אביסל צו רו, אבער ער האט מורא און ער בעט מיר זאלן נעמן דאס קינד.

אינצווישן האט אונדזער גרופע זיך צעשפליטערט. יעדער האט געזוכט פאר זיך א גוטן גוי. דוד גרשונאוויטש און זיין זון יוסף און שרה רבקה ארקאוו האבן די פאליאקן געכאפט און דערשאסן. אזוי האט מען מיר דערציילט.

אולאנאווסקי האט געהאלטן אין איין פאדערן מיר זאלן צונעמען פון אים דאס קינד. דערווייל האט דער פראסט זיך געלאזט אפפילן אין די נעכט, און אנגע־גריפן ספעציעל די דאך־לאזע, מיר פלעגן אויפשטיין אין וואלד באדעקטע מיט שניי. קיין עסן האבן מיר נישט געהאט. מיר זענען געווען הילפלאז און אונגליקליך. נעמען דאס קינד צו זיך וואלט געהייסן נעמען אים צו א זיכערן טויט, צו א לאנגזאמען טויט, וואס זיין פיין איז שווערער ווי דער טויט אליין. מיר האבן באשלאסן זיך איבערצוגעבן צו די דייטשן. צום שנעלן און זיכערן טויט.

מיר האבן געענטפערט אולאנאווסקין :

— טו מיט דעם קינד וואס דו ווילסט, מיר האבן אים נישט וווהין צו נעמען. מיר זענען אויסגעשטעלט אין וואלד אויף הונגער און פראסט. אויסער דעם גייען מיר זיך איבערגעבן די דייטשן אין די הענט אריין.

מיר זענען געווען זיכער, אז דער דאזיגער אמת וועט ווירקן אויף אים, ער איז געווען א גוט הארציקער גוי מיר האבן אויך געקלערט אפשר דער אויסזיכט פון אויסהאדעווען זיך א קינד וואס ער וועט אים נישט דארפן אפגעבן צוריק צו זיינע עלטערן, וועט אים אביסל ווייכער מאכן.

אויף צומארגנס זענען מיר אוועק צו די דייטשן. מיר האבן שוין מער נישט געקאנט אזויפיל ליידן.

מיר זענען ארויס פון וואלד, געגאנגען גלייך גרייט מ׳זאל אונדז כאפן און אט זענען מיר שוין נעבן דער נאצישער פאליציי סטאציע, אבער ווי נאר מיין פרוי האט דערזען די פאליציי האט זי אנגעהויבן וויינען :

— פארוואס דארפן מיר זיך איבערגעבן אליין, לאמיר ענדערן די ריכטונג, פרובירן אונדזער מזל נאך איין מאל, אפשר וועט אונדז געלינגען אנצוקומען צו די פארטיזאנער.

ס׳איז געווען נישט פשוט, מ׳האט באדארפט דורכגיין א באן ליניע, וואס האט געפירט צו געדיכט באזעצטע פעלצער מיט דייטשן.

מיר זענען צוריק אוועק אין וואלד אריין. געגאנגען נאר אין די נעכט. איך האב דעם וועג נישט געוויסט בין איך געקראכן אויף אלע פיר. געטאפט און געזוכט די סטעזשקעס און מיין ווייב האלט זיך אין מיין פאלע. מיט אונדז זענען אויך געגאנגען נחמה כץ און מאשינקי איר טאכטער. אויך זיי האבן זיך אנגעהאלטן אין דער פאלע פון דער בלאנדזנדיקער מענטשן־קייט. מיר זענען געשלאפן אין אנטון, אין לויף פון דער צייט האבן זיך אויף אונדז אנגעזעצט לייז און געפרעסן אונדזער פלייש און בלוט. די קליידער האבן זיך פארנעצט און אויסגעטרוקנט אויף

אונדזער קערפער, די שיך האבן מיר געטראגן אויף דעם האלדז, א שאד געווען צו גיין מיט זיי ווייל מיר האבן געוויסט, אז ס'שטייען אונדז נאך פאר פיל אנטלויפונגען.

די לעצטע טעג פון אונדזער פארווארפן קינדעלע

און דער ווינטער איז אויך געקומען.

די קעלט איז געווען נישט צום דערליידן. די פיס האבן אפגעפרירט און דער קערפער איז שוואך געווארן. דער הונגער האט אונדז גענצלעך אפגעשוואכט און די פארצווייפלונג איז געוואקסן און דערדריקט. אין אזעלכע טעג פלעגן מיר זיך דערמאנען אין אונדזער קליין יתומל. און אפשר... אין דעם וואס איז „געווען" אמאל אונדזער קינד און האט זיך פארלאזט אויף אונדז, אז מיר וועלן אים באשיצן און מיר האבן אים מפקיר געווען. פון איין זייט איז לייכטער געווען צו קלערן אז ס'איז בעסער וואס ער איז נישט מיט אונדז דא אָן א דאך און א צודעק. אבער צוריק גענומען האט דאס הארץ אונדז געצויגן צו אים. מיר האבן אזוי געוואלט אים זען, ארומנעמען, אים צודריקן צום הארצן אנרירן אים. מיר האבן געזוכט א וועג צו אים אין דארף אריין.

צופעליק האבן מיר זיך דערוויסט, אז אולאנאווסקי האט געמאלדן דעם דארף־עלטסטן, אז ער האט געפונען א קינד אין פעלד און ער ווייסט נישט וואס צו טון דאמיט און דער האט אים געראטן גיין צום דאקטאר ארויסנעמען א צייגניש, אז דאס קינד איז געזונט און נישט געיידישט, וועט זיך שוין געפונען עמיצער וואס וועט אים נעמען צו זיך. אולאנאווסקי — אזוי האט מען דערציילט — האט נעבעך געמוזט זיך מטריח זיין קיין טריקל ווו ס'האט געווינט א דאקטאר און דער דאקטאר האט ארויסגעגעבן א צייגניש, אז דאס קינד איז דורכגעגאנגען א נויטווענדיקע אפעראציע און נישט קיין יידישע „מילה", אזוי אז דאס קינד איז א פאלקאמער קריסט.

ווען ער איז אהיים געקומען האט ער געקלערט נישטא מער וואס מורא צו האבן, מיט אזא צייגניש וועט ער האלטן דאס קינד ביי זיך. אבער וואס, די גויים האבן געוואלט דאס קינד יעדער איינער צו זיך, און געפאדערט ער זאל זיי דאס אפגעבן. דער דארף עלטסטער האט אפילו געדראט, אז ער וועט אנטדעקן דעם גאנצן קאמפלאט מיט'ן דאקטאר. אולאנאווסקי האט נישט געהאט קיין ברירה, ער איז געקומען צו אונדז מיר זאלן קומען אפנעמען דאס קינד. ער האט מורא געהאט, אז זיי וועלן דאס קינד ענדלעך ליקווידירן.

זייענדיק ביי אים האבן מיר באשלאסן נישט נעמען דאס קינד. ער איז געווען שרעקלעך אפגעשוואכט, הויט קראנק און בלוט ארעם. מיר האבן געוויסט, אז ער וועט נישט אויסהאלטן אין דער קעלט פון וואלד אפילו א טאג, ער וועט אויך שטארבן פון הונגער. בעסער זאל ער בלייבן ביי אים איידער אים נעמען אויף א זיכערן טויט.

מיר זענען **אוועק.**

אולאנאוווסקי האט געשפאנט פערד און וואגן, געפארן אוועקפירן דאס קינד צום דארף־עלטסטן. דאס קינד האט אפגעפילט עפעס א שרעקליכע זאך און ער האט אנגעהויבן שרעקלעך צו וויינען און שרייען פאפאפא מאמאמא. דאס קעפעלע האט ער אויסגעדרייט צו אונדז און זיך געבעטן. געזוכט אונדז מיט די פארטערנטע אויגעלעך זיינע. מיר אבער האבן זיך פארבאלטן און אוועק.

ווען זיי זענען אוועק זענען מיר צוריק אריין אין אונדזער גרוב און געוואַרט צו הערן, וואס האט פאסירט מיט׳ן קינד.

מיר האבן אפגעוואַרט שעהן, אולאנאוווסקי איז נישט געקומען. ערשט פארנאכט האבן מיר פלוצעם דערזען די קלאטשע איז צוריקגעקומען מיט׳ן שפאן אויף זיך אן דעם וואגן, אן קיינעם, מיר האבן זיך שרעקלעך איבערגעשראקן, אבער ווען מיר האבן געזען אז זי לויפט שנעל אריין צום לאשעקל אין שטאל און זייגט אים אן האבן מיר פארשטאנען, אז זי האט זיך פשוט ארויסגעריסן צו איר קינד און מער גארניט.

טיף אין אונדזער הארצן האט זיך עפעס אפגעריסן :

שרעקלעך האבן מיר געטראכט, זי די שטומע חיה האט זיך ארויסגעריסן פון אלעם, כדי אנצוזייגן איר קינד, און מיר ? וואס זענען מיר ? ערגער ווי חיות ? ווי האבן מיר געקאנט אזוי מפקיר זיין אונדזער קינדעלע ? אונדזער בלוט און פלייש !

ווען אולאנאוווסקי איז געקומען האט ער דערציילט, אז מ׳האט אוועקגעשטעלט דאס קינד אויף א באנק, דער סטאראסטע איז צוגעגאנגען אויפגעהויבן דאס העמדעלע און אויפגעוויזן, אז דער „געפערלעכער פיינט״ איז א ייד. אלע האבן באשלאסן מ׳זאל דאס קינד אוועקפירן צו די דייטשן.

אולאנאוווסקי איז אוועק אין שטאט אריין איבערגעבן דאס קינד אין טורמע אריין. מיט אים איז געפארן זיין 13 יעריק טעכטעריל וואס האט שרעקלעך ליב געהאט איר שטיפברודערל. ווען דער עס־עסניק האט זיי דערזען האט ער א זאג געטון צו אולאנאוווסקין :

— נעם דאס קינד צו זיך און דו וועסט זיין פאראנטווארטלעך פאר אים.

ער האט נישט געוואלט און דער דייטש האט געקלינגען צום דארפס־גלח וואס האט אנגעפירט א יתומים־הויז און האט אים אוועקגעגעבן דאס קינד.

איצט זענען מיר אוועק בארוהיקט. מיר זענען אוועק זוכן א וועג צו די פארטיזאנער.

✶

צוריקקומענדיק פון וואלד נאכ׳ן נצחון זענען מיר אוועק צום גלח ער זאל אונדז אפגעבן אונדזער ייִנגעלע.

ווען מיר זענען אנגעקומען אין יתומים־הויז האבן מיר אים דערזען אין פענצטער. כ׳האב אים דערקענט, ער האט צוויי חן־פינטעלעך אין פנים און ער פארזשמורעט איין אייגעלע ווען ער פארקוקט זיך.

דאס קינד האט אונדז דערקענט נאך אזא לאנגע צייט. ער האט זיך צוגעטוליעט און געפּליסטערט אין אויפהער:

— פּאפּאפּא! מאמאמא!

אלע ארום האבן געוויינט אויף אונדז קוקנדיק.

כ׳האב מיר געטראכט:

זער סענטימענטאל זענען זיי די גויים. שטארק עמפּינדלעך. אבער ווו איז דאס אלץ פארשווינדן ווען ארום אונדז האט געבושעוועט דער גרויליקער יידן מארד? דעמאלט זענען זיי מיטגעריסן געווארן אין בלוט-קאראהאד און געוועזן די הויפּט-מחותנים אין דעם שדים געטאנץ.

מ׳טאר זיך נישט פארלאזן אויף גויישע סענטימענטן.

קיילע גראדזענטשיק־שמיר

לעצטע וואראנאוער טעג

(שטיקלעך זכרונות)

שבת 8.5.1942

מיר טרייסלען זיך אויף פון שלאף. מיר עפנער לאנגזאם שטיל די לאדנס, די לופט זעט איצט אויס ווי קאמפאקט, נישט צום אטעמען, ס׳דריקט און ס׳שטקיט אין הארץ, עמיצער באמערקט :

— היינט וועט עפעס געשען.

מ׳קוקט ארויס דורך די שפארונעס פון די פענצטער און מ׳גיט א זאג אזוי זיך ווי אן כונות :

— מיר זענען פארשפארט !

ארום אין ארום שטייען אונדזערע פוילישע שכנים באוואפנט מיט פארשידענע כלי־משחית, לאפעטעס, רידלען, גראבליעס, ווילעס און דראנגען. ס׳מאכט א דערדרי־קנדיקן רושם, ס׳דאכט זיך פאר א ווײַלע, אז ווען זיי וואלטן געקומען מיט ביקסן אדער אנדערע שוס־מיטלען וואלט עס געווען מער בכבודיקער, ס׳דערדריקט דיך טאפלט, אז דו זעסט מ׳גייט צו דיר מיט שטעקנס און דראנגען און מ׳גרייט דיר צו א מיתה־משונה טויט ווי פאר הינט וועגן, ווי אין דזשונגל.

דו קוקסט זיך צו און ווער קומט עס דיך הרגענען נישט פרעמדע זענען זיי, דאס זענען די פוילישע שכנים, דײַנע נאענסטע שכנים און באקאנטע, אט איז אזילטשוק, און אט בידיק, בורשע און אנדערע, זיי האבן ערשט נישט לאנג מיט דיר צוזאמען געלערנט אין שולע, האסט מיט זיי צוזאמען פארבינדן א פריינטשאפט, און אט, איצט האבן זיי זיך גענומען צו דיר, ס׳טוט וויי, ספרעסט אין הארצן ס׳ווערט דיר שווער צום דערשטיקט ווערן און ס׳עגבערט אין קאפ : איז וואס ? איז דאס אונדזער סוף ?

ס׳רייסן זיך ארויס קרעכצן, יידן האכצן אונבאהאלפענערייט, מיר ווייסן ס׳קומט אויף אונדז דער טויט און מיר קאנען זיך נישט ראטעווען. מיר זענען פארשפארט און פארשלאסן, ארומגערינגלט מיט פוילישע בלוט־גיריקע חיות און דייטשישע זשאנדארמען ווי אין קייט פון שטאל און אייזן.

אין מיין עלטערינס שטוב זענען צוזאמענגעשטופט א דרייסיק לאקאטארן, זיי זענען איצט אלע צוזאמען און יעדער פאר זיך, באזונדער. יעדער דרוקט אויס זיין מורא אויף אן אנדער אופן, איינער שווייגט א דונערנדיק שוויגן, אן אנדערער

ברעכט די הענט, קנאקט די פינגער, בייסט די נעגל, א דריטער האלט אין איין קנייטשן די פאלעס פון בלוזע, פון רעקל און די אויגן, אלע אויגן זענען א טיפער קוואל פון שרעק. דאס פרעסעגישט אין הארצן און די געדריקטע געפילן זענען צו שווער מ׳קאן נישט אויסהאלטן, יעדער בעט ביי גאט ס׳זאל שוין קומען דער סוף, ס׳זאל זיך שוין ענדיקן די צרות. ווער קאן אויסשטיין אזא גרויל. ס׳איז שוין בעסער דער טויט.

און די שעה׳ן ציען זיך, אלע געפונען זיך אין א צושטאנד פון ערוואַרטונג, אויך די רוצחים פון דרויסן און קיינער ווייסט נישט פארוואס פארזוימט מען זיך? וואס ווארט מען?

אמענדע, נאך לאנגע גרויזאמע שעהן האט מען אראפגענומען די באלאגערונג און די רוצחים זענען זיך צעגאנגען.

נאך נישט.

נישט היינט.

דער גרויל־טאג וועט זיך נאך ווייזן אויס אומקערן און מיט טאפלטער גרויז־אמקייט, דערווייל האט מען דאס אפגעלייגט און קיינער ווייסט נישט פארוואס און נאכוואס,

אויף צומארגנס קומען די גוטע שכנים נאכאמאל, איצט שוין אן ווילעס אין די הענט און קלערן אויף, אז דאס איז געווען א צופאל מ׳האט נאר געוואלט עפעס זוכן, אזא מין פרווו, אן אקספערימענט.

זונטיק 9.5.42.

ס׳איז נמאס, ס׳ווילט זיך אנטלויפן. דער געדאנק אליין אז אזא „עקספערימענט" קאן זיך איבערחזרן קאן פארגליווערן דאס בלוט אין די אדערן. די יונגע זוכן וועגן ווי צו אנטלויפן. יעדער זאגט ארויס זיין מיינונג איבער דער לאגע, איבער דער מעגליכער צוקונפט און ווי אזוי מ׳דארף אנטלויפן. מיין מאיר לעגט פאר מיר זאלן אנטלויפן. איך ווייס, אז ער איז גערעכט, אבער ווען כ׳גיי אריין אין צימער און כ׳זע אונדזער קליין טעכטערל פון פיר מאנאטן, ליגט זיך רוהיק און בעטעלע און פארלאזט זיך אויף אונדז, אז מיר וועלן זארגן פאר איר, אז מיר וועלן זי נישט מפקיר זיין לאזט מיך נישט דאס הארץ איך זאל אנטלויפן אן איר, מיט איר אנטלויפן — אונמעגליך.

זענען מיר געבליבןווארטן גלייך מיט אלע.

טעמא דלוגין קומט פון צווייטן עק שטאט און בארוהיקט די עלטערן, זי ווייסט, זאגט זי, פון א זיכערער קוועלע אז ס׳איז געווען נישט מער ווי א עקספערי־מענט, זיי האבן נאר געפרוווט זוכן און אזוי ווייטער. די נאאיווע נעבעך בארוהיקן זיך.

מאנטיק 10.4.1942.

מיר זענען ארומגערינגלט מיט א פארשטארקטער באוואפנטער איינהייט. דאס מאל זעען מיר זיי שוין, ווי זיי גייען אריין אין די שטיבער און שלעפן ארויס יידן אין מארק אריין. אונדזער ריי וועט אויך נאך קומען.

מיר זענען געווען צווישן די לעצטע, מ׳האט אונדז געהייסן ארויס אויפן מארק־פלאץ. מיר פילן אז איצט איז דער סוף, פון דארט וועלן מיר שוין אהיים נישט אומקערן זיך מער, מיר ווילן שוין גיין, אבער יוסקע דער פריזיער קומט צו גייז און זאגט:

— איר גייט נישט אוועק פון דאנעט ביז איר וועט מיך ניט צודעקן אין מיין בונקער, און אויף דעם דעקל זאלט איר מיר אוועקשטעלן א באליע וואסער.

צוליב וואס דארף עס דאס די וואסער ווייסן מיר נישט, אבער מיר האבן זיין ביטע דערפילט, ער איז אריין אין בונקער צוזאמען מיט זיין ווייב און פיר קינדערלך, און ער איז באמת געבליבן לעבן, שפעטער האט מען אים אויך געהארגעט, אבער דערווייל האט עס אים אפגעגליקט.

אויפן מארק־פלאץ זענען מיר די לעצטע, מיר קוקן זיך צו וואס ס׳קומט דא פאר.

א טיש איז געשטאנען אינמיטן פלאץ, נעבן אים די צוויי הערשער, יידן זענען צוגעגאנגען און מ׳האט זיי געווענדעט רעכטס צום טויט, לינקס צום לעבן ביזן נאענטען טויט. ארטשיק ווינער גייט צו מיט זיין משפחה און שוויגער דלוגין, דער אובערמייסטער פרעגט ארטשיק ווער געערט דאם צו זיין פאמיליע און ווען דער נאצי זעט אזא גרויסע משפחה צעפינקלען זיך זיינע אויגן, ער ווארפט ארויס א באפעל:

—לויף גלייך!

אבער ארטשיק בעט זיך, לאז ער כאטש וועניגסטנס איבערלאזן צום לעבן אים מיט דער פרוי, ס׳העלפט נישט.

חייקע מאנספעלד האט געהאט א מאן א דייטש, וואס האט זיך גע‏יידיטש נאך אין די צוואנציקער יארן, ווען די רוסן זענען אריין איז ער פארשווידן און קיין שפורן נישט געלאזט. חייקע האט געמיינט נאאיווערייד, אז אירע דייטשישע פאפירן וועלן איר העלפן. זי גייט צו צום טיש מיט דעם פאק פאפירן אין האנט ווי זיי וואלטן געווען איר לעצטע זיכערע האפנונג. זי פירט מיט זיך אויך איר שוועסטער מיטן מאן און זייערע קינדערלעך זיי זאלן אויך געניסן פון אירע דייטשישע רעכט. זי האט אויך מיטגענומען מיט זיך קייזי גורוויץ, רייזקע קוניכאווסקי מיט טאכטער, דער דייטש האט איר געהייסן זיך אוועקשטעלן אין א זייט, ער וויל קאנטראלירן אירע פאפירן, זי איז געשטאנען פול מיט זיכערקייט, אז זי וועט זיך ראטעווען און וועט נאך ראטעווען די אלע וואס זי האט מיט זיך מיטגענומען, אדאנק דעם דייטשישען ייחוס אירן.

ער האט זיך אויסגעקערט צו איר און א פרעג געטון:
— ווער זענען די מעטשן?
זי האט אים דערלאנגט די פאפירן און צוגעגעבן:
— מיין מאן איז א דייטש און די רוסן...
ער איז געווארן אן אויפגעקאכטער:
— און דו האסט דאס געוואגט צו לעבן מיט א דייטש!
גלייך ווי זי וואלט דא באגאנגען א שווערן פארברעכן, ער האט זי גלייך געשיקט צו די פאראורטיילטע צום טויט.

מיר זענען געבליבן אליין, אן ערך אן האלבע שעה זענען מיר געבליבן איינער אליין, אַן אונדזערע הארציקע וואראנאווער, נעבן מיר איז געזיצן ביירל לעווין, א יודנראטלער, ער האט ארונטערגעריסן דעם ארעם־באנד פון יודנראט און מיר געבעטן כ׳זאל אים באגראבן אין דרערד. אין דער זעלבער מינוט איז צוגעקומען דער געביטסקאמיסאר ארויסצונעמען אים צום טויט, אבער זיין חבר, דער אובערמייסטער פון ווארנאווע האט זיך מיט אים געשפארט און געשריגן:
— כ׳בלייב מיט אלע „דומע יודן" כ׳וועל נישט האבן צו וועמען צו רעדן, מ׳מוז מיר איבערלאזן דעם יידן מיט אלע איבעריקע יודנראטלער.
זיי זענען געבליבן לעבן, פארלויפיק.

מיר זענען נאך געבליבן 2 וואכן אין ווארנאווע 13 אונגליקליכע משפחות, צעפליישטע נשמות. צעבראכענע העצער. האלבוועשקעס. אויסגייגענדיקע האל־בוועשקעס, דאך האבן מיר געוואלט לעבן.

ווען מען האט אלעמען ארויסגעשיקט קיין לידע, איז מאיר מיינער געגאנגען זיך געזעגנען מיט זיינע עלטערן, אין עק שטאט, איך בין געבליבן מיט מיין קליין טעכטערל אין שטוב, כ׳האב געזען א בילד וואס כ׳קאן דאס נישט פארגעסן, די פאליאקן, אפילו די יוגנטליכע זייערע האבן זיך א לאז געטון אין די יידישע הייזער, די פאריתומטדיקע שטיבעלאך און האבן רראבירט און ארויסגענומען אלץ, און וואס איז שוין משטיינסגעזאגט דארט געבליבן צום נעמען? אבער יעדער זאך האט זיי געלאקט און געצויגן — אממערסטן דאס גענֵיסן פון הפקר.
איך בין געזיצן אין ביניאקאנסקיס שטוב איינינקע אליין מיט מיין קליין עופעלע אויף די הענט און כ׳זע דאס אלץ, אלץ גייט פארביי מיינע אויגן און כ׳קלער:
— רבונו של עולם אט האסטו דיר די גוטע שכנות, די פוילישע שטאלצע קולטור, אט דאס איז זייער אריסטאקראטיע, דאס אלץ צוזאמען איז פארשווינדן און נישט געווארן ווי נאר ס׳האט זיך געמאכט א מעגליכקייט גענֵיסן פון אן הפקר זאך אפילו פון צעבראכענע שארבנס און אלטע שמאטעס.
אין דעם זענען אריין אין שטוב יונגאטשעס, צעהיצטע, צעיאכמערטע, איינער פון זיי, מיינער א שול־חבר האט א ווארף געטון:
— פריילן גראדזענטשיק, וואס טוסטו דא?

כ׳האב אים נישט געענטפערט כ׳האב זיך א ריס געטון, ארויסגעלאפן און גאס ארויס און זיך אוועקגעזעצט מיט מיין טעכטערל מיין האפנונג אין מיטן גאס, כ׳האב געוויסט אז אין די הייזער לויערט דער טויט.

די דייטשן האבן אפגעפילט, אז מיינע פאריקע שכנים און פריינט וועלן מיר מאכן א לינטש, האבן זיי מיך אריינגענומען צו זיך אין הויז, אין הויז פון עטל אולקאניצקי, ווו זיי האבן געוווינט, זיי האבן מיך דארט געהאלטן ביז מאיר איז צוריקגעקומען.

זיי האבן געמוזט האבן מאירן האבן זיי מיך אויך אפגעראטעוועט פון די פוילישע הענט.



י. קוניכאווסקי

אין מיין אייגענער פארטיזאנקע

מ׳קושט די רוסישע טאנקען

די לעצטע יארן פאר דער נאצישער קריג האט דאס וואראנאווער יידנטום געליטן פון פוילישן רעזשים, נישט נאר רעליגיעזע דריפות נאר פשוטע כוליגאנישע שיקאנעס און עקאנאמישע פארדרענגונגען. מיט דעם רוף פון „סוואי דא סוועגע" האט מען אויפגעשטעלע פוילישע געוועלבן און נישט דערלאזט די פאליאקן קויפן ביי יידן. די יוגנט ווידער איז געבליבן צוקונפטס לאז און געזוכט אויסזיכטן, ווער — אין ציוניזם און עליה און ווער אין קאמוניזם.

אין 1939 ווען די רוסן זענען אריין אין וואראנווע, האבן יידן דאס אנגענומען אלס צייטווייליקע פארלייכטערונג און די יונגט האט געקושט די פארשטויבטע טאנקען און געטאנצט פאר פרייד.

איך בין באלד באשטימט געווארן אלס פירער פון דער צייטווייליקער ארדנונג. כ׳האב באשטימט א קאמענדאנט און ארגאניזירט א געמישטע פאליציי פון יידן, ליטווינער און ווייסרוסן. ס׳האט דאס לעבן אנגענומען נייע איינגעארדנטע פארמען.

שפעטער בין איך אוסגעווילט געווארן אלס דעפוטאט אין דער פאלקס־פארזאמלונג אין ביאליסטאק, וואס האט געזאלט באשטימען דעם גורל פון דעם פארנומענעם מערב ווייסרוסלאנד. פארשטייט זיך, אז נאך עטליכע טעג פארהאנדלונגען האט מען איינשטימיק באשלאסן צו פאראייניקן דעם מערב מיט׳ן מזרח ווייסרוסלאנד וואס געערט צו סאוויעט רוסלאנד.

צומארגנס, באלד נאך דער אפשטימונג איז שוין געווען דארט די פארטיי־פירער פון סאוויעטישן ווייסרוסלאנד און גענומען איינשטעלן די מאכט.

די גרעסטע טייל פון דער וואראנאווער יוגנט האבן געקריגן מלוכה־פאסטנס, אסתרקע אלקאניצקי און יעקב טראצקי האבן געארבעט אין פאסט צבי סאקאליק,

בערקע פסח׳ס, אלקאניצקי און קאנאפקין האבן געארבעט אין קאאפעראטיוון געוועלב, קאנאפקין אין שפאר־קאסע צבי קראשונסקי אין פאליציי, יצחק אולקאניצקי אין רעסטאראן און אנדערע אויף אנדערע פאסטנס. איך בין געווארן דירעקטאר פון דער סאציאלער פארזיכערונג (רא־סא־ביעז) אין קרייז ארום. כ׳האב באדארפט אויפנעמען אלע אלטע פוילישע פענסיאנערן און באשטימען נייע ארבעטס־און־קריגס פענסיאנערן. כ׳האב זיך געוואלט ארויסדרייען פון דעם אמט, אבער ווען כ׳האב געזאגט, אז כ׳בין צו שוואך פאר אזא פאראנטווארטליכן פאסטן האט מען מיר געענטפערט „ניע זנאיעש נאוטשים, ניע כאטשעש זאסטאווים״ (קאנסטו נישט וועלן מיר דיך לערנען, ווילסטו נישט וועלן מיר דיך צווינגען), אזוי האב איך זיך גענומען צו אן ארבעט וואס כ׳האב אין איר קיין אנונג נישט געהאט.

נאך דעם וואס כ׳האב גענומען א אינספעקטאר אין א בוכאלטער און אנגעגעבן א מודעה אין צייטונג ווער ס׳קאן קריגן פענסיע בין איך איבערגעגאנגען א קורס פון עטליכע טעג און באשטימט די לעבנס פון וועטעראנען און אלטע מענטשן. מיט דער צייט האט מען מיך קריטיקירט אויף יעדער פארזאמלונג און כ׳האב געזען, אז אין דעם סאוויעטישן רעזשים דארף מען נישט ארבעטן ריכטיק, כדי אויסצומיידן קריטיק, מ׳דארף נאר אנגעבן גוטע באריכטן ביזטו באשיצט פון דער פאלקס קריטיק. לויטן באריכט לויבט מען דיך. האב איך זיך אויסגעלערנט דאס פאך און מיינע באריכטן זענען געווען אזעלכע, אז כ׳האב געקריגן פרעמיעס און לויב געזאנגען אין די צייטונגען.

ערשט שטאלין פון די סאוויעטן אין באלד א שפיאן.

אין 1941 מיטן אוסברוך פון דער רויסיש־דייטשישער מלחמה האט מען מיך באשטימט פון וואינ־קאמאט, אלס מיטהעלפער ביים מאביליזירן מענער אין דער רויטער ארמיי. מיר האבן געארבעט אין פאלאץ. נאך א פאר שעה ארבעט האט מען אונדז אנגעזאגט, אז די דייטשן זענען שוין אין שטעטל. מיר זענען ארויס דורך טיר־און־פענצטער און אוועק אין נאענטסטן וועלדל. פון דארט זענען מיר אוועק קיין מזרח צופוס, אויפן וועג צו דזוויענישאק האבן מיר זיך אנגעטראפן אויף א סאוויע־טיש־מיליטערישער איינהייט און נאך לאנגע דינגעגנישן, זענען מיר צוגעטיילט געווארן צו א מיטליטערישער אפטיילונג, ווו מ׳האט אונדז באוואפנט מיט גראנאטן און באפוילן זיך איינגראבן אין וועג ביים וואלד, אז ווען דייטשישע טאנקען וועלן דורכגיין זאלן מיר זיי באווארפן מיט גראנאטן.

ס׳האט זיך געהערט דער רעש פון די טאנקען, די ערד האט געציטערט פון זייער שווערן שריט, דער קאמאנדיר האט באפוילין:

— גרייט זיין! ווארטן אויפן באפעל „פייער״! דערווייל גייען שוין די טאנקען. זיי גייען פארביי נעבן מיר, דער ערשטער, דער צווייטער איך ליג אליין און ווייס נישט צו טון, דאן הערט זיך דער באפעל:

— „אוגונ״ (פייער)

כ'וואָרף מיין גראַנאַט און ס'הויבט זיך אָן אַ שיסעריי, אַ מלחמה, אונדז געלינגט זיי אָפּצוהאַלטן, זיי אַנטלויפן און לאָזן איבער עטליכע ברענענדיקע טאַנקען, דער קאָמאַנדיר איז געווען שטאָלץ מיט אונדז, אויף אַ פאַרזאַמלונג וואָס ער רופט באַגריסט ער אונדז און זאָגט:

— אַזוי וועלן מיר זיי פאַריאָגן קיין בערלין, כ'בין שטאָלץ מיט אייך, מיר וועלן זיי לערנען ווי צו קעמפן.

אָבער נישט לאַנג וואָרטנדיק איז אָנגעקומען אַ גרויסער כּוח פון דייטשישע טאַנקען און זיי האָבן אונדז געלערנט „ווי צו קעמפן".

אונדזערע זענען אַנטלאָפן ווי מייז, יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. איך מיט נאָך פון וואָראָנאָווער וואָיענקאָמאַט, דוכט מיר אַז איינע איז געווען צבי קראַשונסקי זענען מיר געלאָפן אויפן וועג קיין ליפּנישקי, דאָרט האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף רוסיש מיליטער, זיי האָבן אונדז אָנגענומען פאַר שפּיאָנען און באַלד אַרעסטירט. די וואָך איז געווען אַ שטרענגע, מיט די ביקסן אָנגעשטעלט צו אונדז, מיר האָבן נישט געטאָרט פאַרבייטן אַ וואָרט איינער מיט'ן צווייטן. צום סוף האָבן זיי אונדז אָפּגעפירט טיף אין וואַלד אַריין, וווּ מיר זענען געזיצן לאַנגע שעה'ן, ביז ס'איז געקומען אַ באַפעל, „צום פּראָקוראָר".

פאַרן געדאַנק זענען אונדז געקומען פאַרשידענע סאָוויעטישע פּראָצעסן און ס'איז אַדורך אַ שוידער אין די גלידער, ווער ווייסט וואָס מ'וועט מיט אונדז דאָ מאַכן? אין דעם קומט איינער און רופט מיך צום פּראָקוראָר, דאָרט האָב איך געהאַט יענעם פאַרהער ער האָט מיך געפרעגט פאַרשידענע פראַגן, אַלץ ווי שפּיאָן איך קלער אים אויף, אַז מיר זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן, כ'ווייז, אים מיין רונדן שטעמפּל, און ער גלייבט נישט:

— מי וואַס זנאַיעם (מיר קענען אייך) איר זענט פּעאיק צו אַלעמען. (איר־מיינט יידן).

און צו איינעם גיט ער אַ וואָרף:

— אָטפּראַוויט! (אָפּפירן)

ווער ווייסט וווהין אפשר קיין סיביר, אפשר קיין מאָסקווע און מאַכן אַ פּראָצעס, אָבער ביי מיר איז זיכער, אַז אין קריג'סצייט וועט מען אונדז ערליידיקן אָן אַ פּראָצעס בכלל.

נאָך אַ לאַנגער אויספאָרשונג פון פאַרשידענע אויספאָרשער גיט דער פּראָקוראָר אַ באַפעל:

— אָסוואָבאָדיט (באַפרייען)

און צו אונדז זאָגט ער:

תּיכף זיך צושטעלן צום נאָענטסטן וואָיען־קאָמאַט.

מיינע אידיי הכּרים — רוּיבער מערדער

האָבן מיר באַשלאָסן גיין קיין איוויע און דאָרט זאָלן מיר זיך צושטעלן צום מיליטער־אַמט. זענען אָבער שוין דאָרט געווען די דייטשן.

מיר זענען אוועק קיין לובטש. מיר האבן דארט געטראפן א שרעקליך בילד, דאס שטעטל איז געווען באזעצט מיט גויים פון ארום וואס האבן געבראכן און געראבעוועט וואס ס׳האט זיך נאר געלאזט. מיט פורן זענען זיי געקומען, געפאקט און אוועקגעפירט יידישע פראציע יידיש האב־און־גוטס, פאר מיר איז עס געווען שרעקליך, ווען כ׳האב צווישען די רויבער דערקענט מיינע אידיי חברים, וואס כ׳האב מיט זיי צוזאמען ערשט אָ מיטגעארבעט און געוואלט זיך שאפן א בשותפותדיקן בעסערן מארגן פאר אונדז. אט איז כאוואר לייקאוויטש, א גוי מיט וועלכן איך בין צוזאמען געזיצן אין קאמער, און אט אבראמטשיק דער שטילער פילאזאף און אנדערע. א פינצטערער חלום האב איך געמיינט, ס׳איז אבער נישט געווען קיין חלום, ס׳איז געווען א פינצטערע ערנסטע ווירקליכקייט.

די יידן זענען געווען מאכטלאז, פארשלאסן אין די הייזער, קיין טראפן וואסער איז ניטש געווען ביי וועמען צו בעטן.

מיר זענען ווייטער אוועק, די וועגן זענען געווען געפאקט. טויזנטער יידן גייען, לויפן, ווייסן נישט וואוהין, מיר דינען נישט די פיס, פאר די אויגן שטייט מיר לובטש און כ׳ווייס נישט צו וועמען לויף איך.

אזוי זענען מיר אנגעקומען קיין מינסק, אבער די דייטשן זענען געקומען פאר אונדז, דארף מען גיין צוריק, מ׳דארף דורכגיין דעם קודאנאוואר (דזערזשעינ־סקער) וואקזאל, און ס׳איז אונמעגלעך, ס׳איז געווען פארשפרייט מיט מענטשליכע גלידער, מיט צעפליישטע קערפערס. אויף טעלעפאן דראט זענען געהאנגען מענטש־ליכע געדערים, קערפערס וואס האבן נאך גלעבט זענען געליגן און זיך געבעטן הילף, אייניקע פארחלשטע האבן זיך געבעטן א לעק וואסער, פון אונטער די רוהינעס האבן פארשפארטע קערפערס געשריגן מ׳זאל זיי ראטעווען. אזוי העלפנדיק די וואס האבן נאך געלעבט זענען די דייטשן אנגעקומען און אונדז פארכאפט.

כ׳אנטלויף פון דייטשישן גרויל

זיי האבן אונדז אוועקגעפירט אויף א ווייטן פעלד, ארייגעזעצט אין א גרוב און שטארק באוואכט, מיר האבן איינס דאס אנדערע געפרעגט מיט די אויגן, וואס וועלן זיי מיט אונדז מאכן. די שרעק איז גרויס, מיר זענען הונגעריק און פארמא־טערט, אין דעם פרעגט איינער א דייטש ווער פון אונדז קאן דייטש. קיינער האט נישט געענטפערט, פרעגט ער:

— ווער איז דא א יודע.

זיי האבן אנגעוויזן אויף מיר, ער רופט מיך צו, איך גיי. ווען כ׳בין צו אים צוגעגאנגען האט ער מיך געפרעגט ווער כ׳בין, האב איך געענטפערט א יודע, האט ער מיר פארפארן מיט׳ן פוס א פאר מאל און געזאגט:

א שמוציגער, יודע.

אזוי עטליכע מאל ווען כ׳האב נישט געוואלט ענטפערן, ווי ער וויל האט ער מיך געשלאגן מיט זיין נאהייקע ביז כ׳בין אוועקגעפאלן אין גרוב, אנמעכטיק, דאן האט ער מיך געלאזט צו רו.

ער האט זיך אזוי אפגעשפּילט מיט נאך קרבנות ביז ס׳איז צוגעפאלן די נאכט.

דא איז מיר געקומען דער געדאנק, אנטלויפן. וואס שנעלער. ס׳איז ממילא נישטא וואס צו פארלירן. כ׳האב זיך צוזאמענגערעט מיט עטליכע לידער חברה און צבי קראשינסקי פון דער אראפגאס און מיר זענען אנטלאפן.

אבער נישט אלעמען איז עס געלונגען, די דייטשן האבן דאס באמערקט, כ׳בין געבליבן אליין.

כ׳בין געלאפן איינער אליין אין דער גרויסער נאכט, ביז כ׳בין מיד און דערשעפּט אוועקגעפאלן און אנשלאפן געווארן ערגעץ אין א פעלד.

זיי האבן מיך געפונען א שלאפנדיקן און גענומען קיין שטאלפּצע. אלע פארהאלטענע האבן זיך ארומגעדרייט אין א מיל ווו זיי האבן איינגעארדנט א לאגער. מענטש אויף מענטש אן עסן, נאך דריי טעג איז מיר געלונגען צוצוקומען צום קעסל, האב איך אבער נישט געהאט א כלי אין וואס צו נעמען דאס ביסל שיטערע זאפּ, כ׳האב דאס גענומען אין היטל און געזופּט וואס ס׳איז פארבליבן.

די מאנאט שיידער אויף א ווארנאווער ביידעם

כ׳האב ווידער באשלאסן אז מדארף אנטלויפן. כ׳בין אוועק דורך פעלדער, ווייט פון וועגן און אנגעקומען קיין איוויע. זיך געטראפן מיט באקאנטע זיך אנגעהערט וואס די דייטשישע מערדער טוען אפ יידן, און... מאדנע דוקא דאס האט מיך א צו געגעבן צו גיין אהיים זען וואס מאכט מיין ווייב און קינד.

כ׳בין אנגעקומען קיין ווארנאווע, אז קיינער האט מיך נישט באמערקט, כ׳האב געבעטן דער מומע פעשיע־רייכל איבערגעבן מיין ווייב רייזקען, אז כ׳בין דא. געקומען איז מיין טעכטערל ביענעלע, זי האט מיר איבערגעגעבן, אז מ׳האט נעכטן ארעסטירט שייקע אַלקאניצקין, יצחק וואלפיאנסקין, שלובסקין, זאכארקין א.א. און אז אויך איך בין אויף דער ליסטע.

כ׳האב זיך געבאלטן אויפן בוידעם ביי דער מומען און אפגעליגן דריי מאנאטן, דורך א שפּאלט פלעג איך ארויסקוקן אין גאס אריין און זען שרעקליכע זאכן, כ׳האב אמאל געזען ווי מ׳יאגט קלארע מאנשפעלד גאס אראפּ און מ׳האלט זי אין איין שלאגן, וועלוועל ראטמאן האט מען אנידערגעווארפן אויפן בריק און געטרעטן מיט די פיס און אויפער, יצחק אולקניצקי מיט נאך יידן האבן געקערט די גאס נעבן דער מומען. ס׳האט זיך צו מיר דערטראגן די ידיעה וועגן דעם מאסן מארד און איישישאק, כ׳האב געזען אז די מלחמה איז נישט אויף א ווײלע און באשלאסן פארלאזן דעם בוידעם מיטן שטעטל.

אין א פניצטערער נאכט זענען מיינע טייערסטע רייזקע מיט ביענעלן געקומען זיך געזעגנען מיט מיר און כ׳בין אוועק גיין קיין ראדין. די נעכט האבן געשראקן מיט פארשידענע גערוישן, אין הארץ האט געציפּט דער געדאנק, אז כ׳האב מיינע נאענטסטע איבערגעלאזט, אוועק, זיי נישט געקאנט העלפן און ווער ווייסט ווען מ׳וועט זיך זען. די נאכט האט זיך געצויגן, האסט שוין געוואלט זען דעם שיין פון טאג

און וויסן ווו געפונסט זיך, הגם דער טאג האט געבראכט מיט זיך לעבנס געפאר. ענדליך האב איך אין א פארטאג דערזען דעם שפיץ פון ראדינער קלויסטער. אריינגעקומען צום ערשטן באקאנטן האט ער מיט א שרעקליכער מורא מיר אנגעזאגט, אז כ׳האב דא אן אייגענע מומע, ער האט מיך אפילו נישט געהייסן זיך זעצן, כ׳בין אוועק צו איר זי האט מיך ווארעם אויפגענומען און כ׳בין אוועק אין יודנראט זיך רעגיסטרירן אויף א צווייטן נאמען, כ׳האב געוואלט דא א ביסל מנוחה צום סוף קריג איך א בריוועלע פון מיין רייזקען דורך מאיר איצקאוויטש, אז מ׳האט מיך געזוכט אין ראדין, ווייל איין גוי האט מיך דערקענט. כ׳האב ווייטער געמוזט לויפן.

כ׳האב מיר געמאכט א פארטיזאנקע

פון ראדין פלעגט מען פירן יידן צו צוואנגס ארבעט אין וואלד אריין אויף א גאנצע וואך און פרייטיק פלעגן זיי פארן אהיים. איך האב זיך פרייוויליק אנגעגעבן צו דער ארבעט, אבער כ׳פלעג פרייטיק אויך בלייבן אין וואלד און נישט צוריק פארן, כ׳האב געארבעט ביים וואלד וועכטער.

איינמאל זענען געקומען פאליציאנטן צוזאמענגענומען די יידן קיין ראדין אינמיטן דער וואך, האב איך באשלאסן יעצט נישט צו גיין צוריק כ׳האב צוגערעט נאך עטליכע יידן, מיר האבן געגעבטיקט אין וואלד, דעם טאג איז ראדין ארומגער־ינגעלט געווארן מיט באוואפנטע מענטשן — חיות, די דייטשן האבן ארויסגענומען עטליכע און זיבציק יונגע יידישע בחורים זיי געגעבן לאפעטעס, ארויסגעפירט זיי צום בית עולם, אויסער דער שטאט, די בחורים האבן פארשטאנען, וואס דא וועט זיין האבן זיי זיך צוזאמענגערעט, באפאלן די געסטאפאווצעס מיט לאפעטעס און שטיינער זיי גוט צעשלאגן און אנטלאפן, א טייל האבן די מערדער באוויזן צו שיסן, אבער די גרעסערער טייל האט זיך געראטעוועט. זיי האבן געוויסט אז איך בין אין וואלד, האבן א טייל פון זיי זיך געווענדעט צו מיר, מיר זאלן שאפן א פארטיזאנען גרופע.

די ערשטע זארג איז געווען צו קריגן געווער אינצווישן זענען געקומען עטליכע ראדינער יידן מיט בעביכעס צו אונדז, האבן מיר זיי פארקויפט און ס׳איז מיר געלונגען קויפן די ערשטע פראנצויזישע ביקס מיט געציילטע קוילן. דער פוילישער פאליציאנט, וואס האט אונדז פארקויפט די ביקס האט אונדז געזאגט, ווו ס׳איז נאך דא ביקסן צו קריגן און די נייע ביקסן האבן מיר שוין גענומען מיט כוח. אין א קורצער צייט האבן מיר געהאט עטליכע שטיקלעך געווער און מיר האבן באשלאסן אנהייבן א פארטיזאנישע טעטיקייט געגן די מערדער פון אונדזערע טייערסטע פרויען, קינדער, ברידער און עלטערן.

די ערשטע זאך זענען מיר אוועק אויפן וועג לידע־גראדנע און אונטערגעצינדן די בריק, נאכדעם האבן מיר אויפגעריסן און רואינירט זיי די מילכיקערייען אין

שטעטעלע זאבלאץ און אין דארף נאציע, וועלכע פלעגן צושטעלן די מערדער פוטער, קעז און אנדערע מילך פראדוקטן.

מיר האבן געמוזט זוכן אזעלכע „זאדאטשעס" וואס זאלן אונדז נישט ברענגען צו קיין צוזאמענשטויסן מיט די שווער באוואפנטע מערדער־דייטשן, אבער מיר האבן נישט געוואלט אפהאלטן אונדזער טעטיקייט, אזוי האבן מיר צוגענומען 120 קי פון דייטשישע פאסטוכער וואס האבן זיי אוועקגעטריבן פון די פויערן און זיי געטריבן צו די דייטשישע קאמאנדעס אין גראדנע.

אין וואשילישאק, ראדין האבן מיר פארברענט דייטשישע מאגאזינעס מיט תבואות און עסנווארג וואס איז געווען פארבערייט פאר די הערשער.

נאך זייענדיק גאר קליין האבן מיר אויפן וועג גראדנע ווילנע אויפגעריסן א באן מיט פרימיטיווע מיטלן און ווי מ'האט איבערגעגעבן זענען דאן געווען א גרויסע צאל דייטשישע קרבנות.

כ'האב געהרגעט דעם מערדער פון ראדינער יידן

מיר זענען געווען שוין 27 בחורים נישט אלע באוואפנט אבער ענערגישע און געזונטע און מיר האבן אויפגעלעבט פון אונדזער נקמה אין רוצחים, מיר האבן געזוכט ממש זיך קאנפראנטירן מיט קליינע דייטשישע גרופן, פאראמאל האט א פוילישער באפריינדעטער קאמענדאנט אונדז אנגעזאגט, אז נישט ווייט אין א דארף געפינען זיך 4 פאליציסטין און זיי קלויבן זיך צוריק צופארן. האבן מיר באשלאסן זיי אנפאלן און ענטוואפענען. מיר האבן זיך צוזאמענגעקליבן, פארטיילט די אויפגאבן יעדן איינעם, נישט אלע זענען געווען קאמפספעאיק, איך בין באשטימט געווארן אלס ערשטער, לויט מיין צייכן האט יהודה בונק, א ליטווישער בחור, א געוועזענער מיליטער־מאן, געדארפט ארויסלויפן אויפן וועג און פארהאלטן דעם וואגן.

מיר האבן אוסגעוויילט א גינסטיקן פלאץ, צוגערוקט זיך אויף די בייכער און געווארט מיט אונגעדולד אויף אונדזערע קרבנות, און נאך מער אויף דעם הייליקן געווער.

כ'בין אבער ערשטוינט געווארן ווען כ'האב דערזען אנשטאט איין וואגן עטליכע און אנשטאט 4 מאן — 28—30 דייטשן, באוואפנטע פון קאפ ביז די פיס און מיט זיי די פאליציאנטן, זיי זענען צוגעקומען גענוי נעבן אונדזער פונקט אראפ פון די פירן און געגאנגען גלייך אויף אונדז מיטן געווער גרייט. כ'האב נישט געוויסט וואס צו טון. קלאר איז געווען, אז מ'האט אונדז פארראטן און זיי זעען אונדז, ס'איז נישט געווען לאגיש זיי צו אטאקירן, ס'איז געווען צוועקלאז צו אנטלויפן, ס'איז געווען נאך נארישער זיי דורכלאזן און אוועק, אין דער מינוט האב איך שוין געהאט נעבן זיך א דייטש מיט א אווטומאט געווענדעט צו מיר. ס'איז געווען דער אוברמייסטער פריד פון ראדינער געטא, וועלכער האט אנגעפירט

פערזענליך מיט דער שחיטה פון ראדינער יידן, כ'האב א צי געטון דאס צינגל פון מיין ביקס און ער האט זיך א דריי געטון אוועקגעפאלן טויט.

דאס איז אבער אויך געווען דער טויט־צייכן פאר יהודה בונק, ער האט געמיינט, אז כ'הייס ארויסלויפן אויפן וועג, איז ער ארויס און מער נישט געקומען. אונדזער גליק איז געווען, וואס די דייטשן האבן זיך דערשראקן און אוועקגעפאלן אויף דרערד, זענען מיר אנטלאפן.

די פויערן האבן אויפצומארגנס דערציילט, אז נאך א לאנגע צייט זענען זיי געלעגן, די דייטשישע פחדנים און נישט געוואגט אויפצושטיין און ווייטער פארן.

שלמה סאדאווסקים נקמה א מינוט פאר זיין טויט

די באציונגען מיט די רוסישע פארטיזאנען זענען געווען זער שלעכטע, זיי פלעגן פשוט אנטון צרות זייערע יידישע קאמפס־ברידער שפעטער האבן מיר זיך דערוויסט, אז דאס זענען געווען פארברעכער, וואס רוסן האבן מיטגעבראכט פון סיבירער טורמעס, כדי זיי זאלן אויפשטעלן קאזארמעס, אויסבויען באן ליניעס און פלוג־פעלדער און ווען די רוסן זענען אפגעטרעטן, האבן זיי באשלאסן צו בלייבן אין די פויליש־ליטווישע וועלדער, זיי האבן געלעבט פון רויב און מארד אונטערן דעקמאנטל פון פארטיזאנער.

ס'זענען אבער אויך געווען רוסישע פארטיזאנען, וואס מיר מיט זיי האבן ברידערליך מיטגעארבעט, אמאל זוכנדיק א גרעסערע קערפערשאפט, זיך אנצושליסן אין אים האבן מיר אנגעטראפן אויף א רוסישער גרופע פון געוועזענע רוסישע אפיצירן, זיי זענען געזעסן אין א פושטשע פון דעם אזוי גערופענעם דריטן רייך. צווישן זיי זענען געווען דריי יידן פון וואשילישאק, מיר האבן זיך פאראייניקט און א רוסישער אפיציר איז געווארן קאמענדאנט פוןביידע גרופן, מיר זענען ביידע געווען ארעם אין אמוניציע, אבער מער געניגט צו אויפטוען. מיר איז אמאל אויסגעקומען אויפרייסן א באן מיט א סנאראד, אנדערע — מיט אנדערע פרימיטיווע מיטלן, אבער קיין איין מינוט איז נישט אריבער אן פלענער וועגן נקמה און טויט פאר די דייטשישע רוצחים.

אינצווישן האט זיך אפגעשפאלטן א בעסערער טייל פון די פארברעכערישע גרופן און געשאפן אן אפטיילונג פון פארטיזאנער, נישט ווייט פון אונדז אין דער זעלבער פושטשע, מ'האט זיך געוואלט פאראייניקן, אבער ס'האט זיך אנגעהויבן א קאמף פאר דער פירערשאפט און מיר האבן געמוזט אפטרעטן.

פארן אפטרעטן, און איינעם א שנייאיקן טאג האבן די דייטשן געכאפט א פארטיזאנס א ברודער און אים געצווינגן ער זאל זיי אויסגעבן די פארטיזאנען פלעצער, ער האט זיי צוגעפירט נאנט צו אונדז און זיי געזאגט זיי זאלן אויסשיסן וועלן די פארטיזאנען ארויס פון די זעמליאנקעס און זיי וועלן זיי כאפן. די פארטיזאנער האבן אבער געענטפערט מיט פייער און זיך צעלאפן. דער ברודער

אויך. מיר ווידער זענען ארויס אויפן וועג, זען וואס ס'טוט זיך, האבן אונדז די פורמאנעס פון די דייטשן אלץ דערציילט און אויך ווי פיל דייטשן זענען דא.

מיר האבן זיך פארלייגט נישט ווייט פון זייער זאמלפונקט און ווען זיי האבן זיך דערנעענטערט האבן מיר געעפנט א זאלב־פייער און אוועקגעלייגט פון זיי 8 פגרים מיטן געווער, פון אונדז איז געפאלן נאר איינער, אבער נישט פון זייערע קוילן, ער האט פלוצעם אנגעהויבן נאכלויפן נאך די אנטלאפענע דייטשן געשאסן און געשריגן:

— דאס האט איר פאר איירע מעדערערייען! וואס האט איר געהט צו מיינע ברידער און שוועסטער?

און אזוי שרייענדיק און לויפנדיק איז ער אנידערגעפאלן אן אטעם און געשטארבן. דאס איז געווען שלמה סאדאווסקי פון סאבאטניצע.

לויט פרטיזאנישע עטיק און באגריפן, איז דאס געווען דער אמתער באטעמ־טער טויט, ווען א מענטש הויכט אויס זיין נשמה ביים שיין פון פאלנדיקע, אנטלויפנדיקע, פחדנישע מערדער פון זיין פאלק און משפחה.

1943 — מיר וואקסן, איך ווער נאגראדירט

מיר זענען אריבער אין א צווייטן וואלד. דארט איז צו אונדז געקומען פון הויבט פארטיזאנען שטאב אן ארגאניזיר גרופע, וועלכע האט אונדז אלעמען ארגאניזירט אין איין אטריאד, מיט'ן נאמען „קאטאווסקי".

די פארברעכער גרופן האט מען ליקווידירט אויף א סאוויעטישן אופן און מיר האבן גענומען אויפלעבן, מ'האט אונדז געשיקט אויף גרויסע אקציעס, ביי מיר פערזענליך זענען דאס געווען אינהאלטספולע טעג אין מיין פארפייניקט לעבן. איך בין געווארן א גרופן פירער. אלע האבן מיך אפגעשאצט, אלע האבן געוואלט גיין אונטער מיין אנפירערשאפט אין קאמף און אויף „זאדאטשעס", ווייל כ'בין געווען א פארזיכטיקער פאראויסגייענדיקער קאמאנדיר, אבער אמוויכטיקסטן איז געווען דאס וואס ביי מיר איז קיינמאל נישט פארלוירן געגאנגען קיין מענטש. איך פלעג נישט ערלויבן צו שכורן און האב געוויסט וועגן יעדן איינעם ווו ער געפונט זיך. איך האב ביי די שווערסטע אומשטענדן געוויסט ווו צו געפונען יעדן איינעם און אים ברייננגן אין אטריאד אריין.

אבער איבער דעם אפשר ביי א אנדער געלעגנייט.

מ'האט מיך אמאל געשיקט מיט מיין גרופע אויף דער ליניע דרוזגעניק אוראן אראפלאזן א באן מיט דייטשישע אפיצירן, וואס זענען צוריקגעפארן פון א חפש. מיר האבן געהאט דאס פארגניגן צו הערן, אז אריבער 100 טויטע זענען גע־פאלן פון זיי, אויסער פיל צענדליקער פארוואונדעטע. אבער צוריקגייענדיק האט זיך חברה פארוואלט נאך נעמען אביסעלע נקמה פון א פוילישן וואלד וועכטער, וואס האט געהארגעט און אויסגעגעבן יידן צוליב רויב צוועקן, ער האט געוווינט נישט ווייט פון דער באן סטאציע אוראן, מיר האבן אים געטון זיין רעכט, אבער

צוריקגייענדיק האט מען אונדז שווער באשאסן. מיר האבן געמוזט אפציען, אבער איך האב קיין איין מענטשן נישט מפקיר געווען. מיר האבן זיי געשלעפט אויף די פלייצעס און געבראכט אין אטריאד אריין.

אין דער זעלבן מאנאט כמעט, האב איך אנטייל גענומען אין א אקציע אויף דער באן־ליניע מארצישאנץ — זובראווע, מיר האבן געדארפט אופרייסן די קליינ־באן ליניע מיט וועלכער זיי פלעגן ארויספירן האלץ פון די וועלדער. ס׳האט זיך דא ענטוויקלט א שווערער קאמף. די דייטשן האבן איבערגעלאזט 7 טויטע און 3 פארווינדעטע וואס זענען שוין מער צום לעבן ניט געקומען. פון אונדז איז פארווינדעט געווארן איינער שלמה קורלאנצ׳יק פון שטעטעלע אוראן, אויף דער באזע האט ער נאך באוויזן צו פרעגן, וויפיל שונאים ס׳זענען געפאלן, ווען מיר האבן געענטפערט: — צען, האט ער א זאג געטון:

— נו, וועט מיר איצט זיין לייכטער... און איז געשטארבן.

צום סוף פון 43 סטן יאר האט מען מיך געשיקט אופרייסן 5 קילאמעטער טעלעפאן מיט די סלופעס אויף דער ווילנא־גראדנער ליניע איך האב דאס אויסגעפירט מיט ווייניג רייס מאטעריאל און אן קרבנות.

אין דער צייט האב איך אויך אויף דעם זעלבן פלאץ אויפגעריסן א באן פון אמוניציע מיט די זעלנער צוזאמען.

ווען כ׳בין געקומען צוריק, האט מיך דער קאמאנדיר גערופן און מיר אנגעגעבן א הויכע נאגראדע, לויט א פאראארדנונג פון צענטער ס׳האט געהייסן **פון מאסקווע.** (די קאפיע פון דער נאגראדע — זע זייט 339)

מיר ווערצלען אוים די דייטשישע מיטארבעטער

א ספעציעלע אויפגאבע האט מען ארויפגעלייגט אויף אונדזער חברה יידן אין דעם יאר.

ס׳האבן זיך דאן געמאכט אייניקע ליטווישע דערפער ארום ווילנע, ווו די דייטשן איז געלונגן ארגאניזירן די באפעלקערונג, זיי באוואפנען און באווירקן זיי זאלן באקעמפן די פארטיזאנער. דאס געווער האט זיי געלאקט און נאכמער די מעג־ליכקייט אויסצוראטן יידישע פארטיזאנער, איז געווען נאטירלעך, אז מ׳האט געשיקט דערצו יידן, און מיר זענען געגאנגען מיט פרייד זיי אויסצוווארצלען.

איך האב געקעמפט אין דעם ליטווישן מערדערישן דארף מאסטייקע, מיר האבן זיי ארומגערינגלט, ארויסגענומען אלע זייערע קעמפער די אזוי גערופענע „סאמא כאווע" מערדער צוליב רויב, און זיי פארניכטעט ביז צו איינעם, אין דער אקציע האב איך זיך געטראפן מיט משה קאגאנאוויטש פון איוויע.

דאס 43־סטע יאר איז געווען א יאר פון טאט און קאמף פאר מיר. ס׳איז געווען א שטיקל צייט, ווען מיר האבן יעדן טאג געמוזט דורכגיין פון דריטן רייך קיין ווייס־רוסלאנד און דער גרענץ גארניזן האט באוואכט די גרעניץ און האט די שפיל געמאכט גאנץ ערנסט, ווי היטלר האט געבאטן און אפגעהיט דאס געביט וואס

ער האט געוואלט אנעקסירן צום דריטן רייך מיט א שטארקער וואך. האבן מיר געמוזט זיך אדורכרייסן יעדעס מאל מיט קאמף און בראווורע פארמאטערט זענען געווארן זיי און מיר האבן נאך א בלוטיקן קאמף פארשטילט אויף תמיד דעם גארניזאן. מיר האבן אפילו אפיציעל באהערשט דעם דורכגאנג און די געגנט ארום.

שווער איז געווען די אפראוויזאציע פראגע, מיר האבן געהאט א אפטיילונג פון משפחות, צווישן זיי די מערהייט יידן. נישט יעדער האט דאס געקאנט באנעמען, צו האדעווען „קאמפסלאזע עלימענטן" ווען דער פרעוויאנט איז אזוי קנאפ און פארבינדן מיט אזויפיל סכנות מיר יידן האבן דאס יא פארשטאנען און יא געטון, אזוי אז צו די אלע קאמפן וואס די קריסטן האבן געהאט האבן מיר געהאט דעם צודאט פון קריגן עסן און ווירטשאפטס באדערפנישן פאר די משפחות. זיי זאלן נישט אונטערגיין ערב דער באפרייונג און זיג, ביי אזא קאמף איז געפאלן אונדזער גוטער פארטיזאן און חבר טענצער און זיין בלוט האט באשפריצט מיינע קליידער.

אנטיסעמיטיזם פון פארטיזאנער

מיר זענען געוואקסן פון טאג צו טאג. פון אונדזער קאטאווסקי אטריאד איז אויסגאוועקסן א גאנצע בריגאדע, אונטערן נאמען „לענינסקי קאמסאמאל" און זי האט אנגעהויבן קריגן געווער פון רוסלאנד דורך פארשידענע וועגן אויך דורך עראפלאנען.

מיר האבן אפילו אנגעהויבן מאביליזירן מענטשן פון דער בירגירליכער באפעלקערונג און ס'האט זיך אנגעהויבן צו פילן א ביטערער אנטיסעמיטיזם אין די רייען, נאכער אויך אין די קאמאנדירענדיקע שיכטן, מיר זענען זיי געווארן איבעריק. שוין מ'דארף אונדז נישט מער, די פאראדנונגן זענען געווען שוין שונא־ישראלדיק, „ארוסישיקן א טייל יידן קיין מזרח" א.א.וו.

אין וואלד האבן זיך פארמערט די ווייס־פוילישע מערדערישע פארטיזאנען וואס פלעגן אנפאלן אויף אונדזער גרופן, זיי פלעגן פירן פארהאנדלונגען מיט די רוסישע פארטיזאנער, מ'זאל זיי אריסגעבן די יידן וועלן זיי מער נישט אנפאלן אויף די רוסישע פארטיזאנער. איינמאל האבן זיי פארכאפט א פאר רוסן און געפאדערט פאר זייער באפרייונג עטליכע יידישע חברים, גוט איז געווען, וואס אזעלכע פראגען האט מען געמוזט באהאנדלען אין פארטיי און דא איז מיין פאזיציע געווען א פעסטע, צוליב מיין ריינער פארגאנגנהייט און צוליב מיין קעמפערישער געגנווארט. פארט א קעמפער מיט 2 העלדישע נאגראדעס און א ליסטע פון צענדליקער דייטשישע געהארגעטע פון מיין האנט. מיט מיר זענען געווען נאך א פאר אזעלכע ידישע העלדן און א דאנק אונדז איז זיי נישט געלונגען אונדזער לעצטע אויסראטונג, די פארניכטונג פון לעצטן ביסל געראטעוועטן יידנטום. צו ענדע האט מען אונדז דריי יידן אויך באשטימט צו אפיציעלע אויפגאבן, אין וועלכע מיר זענען געשטאנען אין א דירעקטער פארבינדונג מיט מאסקווע און דורך דעם נס איז אונדז געלינגען צו בלייבן לעבן ביז צו ענדע.

כ׳האב זיך ווידער געראטעוועט פון וואראנאווע

נאכן קריג נאכן ארויסגיין פון וואלד האט מען מיך באשטימט אלס פאר־זיצער פון ראיאנער סאציאל פארזארגונג אין א שטעטל אוסטרינא. כ׳האב געטון אלץ און מ׳האט מיך אריבערגעפירט קיין וואראנאוע, אויף דעם זעלבן פאסטן, וואראנאווע איז געווען פוסט פו׳ן יידן. פון אלע יידישע פענצטער האבן ארויסגעקוקט היימישע גזלנים, גויישע וואס האבן צוגערויבט די יידישע הארוואניע און קיינער האט זיי נישט געווערט.

איינמאל בין איך געפארן מיט נאך 5 חברים קיין פאלעצקישקי, א דארף 11 קילומעטער פון אונדז, דורכצופירן א זאיאם א מין מלוה עממי. מיר האבן געגעכטיקט ביי א גוי, א חבר, א געטרייען. באנאכט האט מען אנגעקלאפט כ׳זאל ארויסגיין, כ׳האב פארשטאנען, אז דאס זענען די ווייס־פולישע פארטיזאנער דער בעל הבית האט מיר געזאגט אז מיר זענען ארומגערינגלט. כ׳האב געוויסט, אז מיין טויט איז זיכער, כ׳האב א כאפ געטון מיין נאגאן אין האנט, געהייסן די חברים זיך ראטעווען און כ׳בין ארויס דורך א אונטערשט פענצטער שיסנדיק און אנטלאפן. מיט מיר האט זיך אויך געראטעוועט א גוי א ווכטיקער דאס האט מיך נאכאמאל אפגעראטעוועט. ווען נישט וואלטן מיינע בעסטע חברים געזאגט, אז כ׳בין געווען אין פארבינדונג מיט די פאליאקן אין מקריב געווען די געפאלענע חברים מיינע.

ס׳איז מיר קלאר געווארן צום הונדערסטן מאל, אז צווישן גויים האט א ייד קיין לעבנס־אויסזיכט. כ׳האב מיר אליין אויסגעשריבן א קאמאנדיראווקע קיין גראדנע, פון דארט בין איך אוועק מיט דער באן קיין לאדז. דארט האט מיר מאיר שמיר ארויסגעהאלפן און כ׳בין שנעל אוועק פון דעם פארשאלטענעם פוילן און אויף אייביק.

✶

נאך דעם נאצישן אומקום בלייבט דאס פארכאפן יידיש האב און גוטס דורך די יידישע מערדער מיט דעם דעקמאנטל פון נייער מאכט נישט קיין קלענערער פארברעכן.

אין וואראנווע האב איך דורכגעלעבט א צווייטע טיפע טראגעדיע.

זלמן דוקשטולסקי

געווארן א העלד נישט ווילנדיק

פון ווילנע קיין ווארנאנאווע אויף א דערנער וועג

ווען די קריג צווישן רוסלאנד און די נאציס איז אויסגעבראכן אין יוני 1941 בין איך געווען אין ווילנע, די ליטווינער האבן געוויסט, אז עס גרייט זיך א מלחמה, האבן זיי גוט אויסגענוצט די אפהענדיקייט פון די רוסן זייערע אגרעסארן און האבן זיי אויסגעשאכטן ביז צו איינעם, דאס ליטווישע מיליטער האט דא אויס־געפירט א גרינטליך שטיקל ארבעט.

די דייטשן זענען אריין אין ווילנע אין 24.6.41 איך האב דעם טעם פון זייער רעזשים גוט אפגעפילט האב איך שנעל געמאכט א ויברח, ווען זיי זענען אנגעקו־מען בין איך אוועק. כ׳בין פארפארן קיין ביאלע וואקי, כדי פון דאנען אוועק קיין ווארנאנאווע.

אין ביאלע וואקי האט מען געגראבן טארף פאר דעם פוילישן רעזשים, די דייטשן האבן דא באשעפטיקט יידן ביים אויסגראבן דעם הייץ־מאטעריאל, אבער זיי האבן נישט געצוויגען די יידן צו זיין אין א פארשלאסענעם געטא. דאס איז געווען א גאנץ גוט געפיל, און כ׳האב באשלאסן צו בלייבן דא, אבער די דייטשן אליין האבן פארשפרייט א קלאנג, אז אין ווארנאנאווע לעבן די יידן בעסער און שענער ווי איבעראל, ווייל דאס איז א פוילישער באצירק און ס׳הערש דארט א ליבעראלער רעזשים, כ׳האב פארלאזט ביאלע וואקי און אוועק געפארן מיט מיין משפחה קיין ווארנאנאווע.

פאר דער שטאט האבן מיך אפגעהאלטן פוילישע פאליציאנטן, זיי האבן געזוכט מיין ברודער, ער איז געווען אן אלטער קאמוניסט האבן זיי מיך אנגענומען אלס מיין ברודער און מיך ארעסטירט.

אין טרומע האב איך געטראפן יצחק דוויליאנסקי און נאך עטליכע יוגנטליכע פון שטעטל, די פאליאקן האבן אונדז געפייניקט צום טויט, מ׳האט אונדז אריינגע־שטיפט און צוזאמענגעקוועטשט אין ענגע צימערן, נאר צום שטיין און מיר האבן אפילו אונדזערע מענטשליכע באדערפנישן געמוזט מאכן שטייענדיק.

ערב יום כפור האבן באשלאסן די פאליאקן, צווישן זיי אויך אונדזערע שול־חברים זיך „אפרעכנען" מיט אונדז זיי האבן ארומגערינגלט די טורמע און אריינגעשאסן אונאויפערליך דורך די פענצטער מיר האבן זיך אנגעבויגן, צוזאמענ־געקנוילט איינס אויפן אנדערן און בנס געבליבן לעבן.

צופעליק האט זיך דא באוויזן דער בירגערמייסטער, א פאליאק וואס איז אנטלאפן פון די רוסן און געוווינט צייטווייליק און ווילנע, ער איז געווען אן אינוואליד און איך האב אים דאן געהאלפן ווי מ'העלפט א שטעטישן מענטש, האב איך געפריוווט רעדן צו זיין געוויסן און ער האט מיך באפרייט.

האב איך ווידער געווינט אין ווארענאווע ביי א ייד אין עק שטעטל, פאראמאל האבן די פאליאקן געכאפט זיין ווייב, ווען ער האט זיך דאס דערוויסט, אליין א אונטערוועלט מענטש איז ער ארויס און אנגעבראכן די פוילישע פאליציאנטן די ביינער, ביינאכט זענען זיי געקומען מיט א פארגרעסערטער גרופע און מ'האט ארעסטירט אלע מענער. ער אליין איז דערווייל אנטלאפן און פארשווינדן, האבן זיי אונדז געבראכט אין „טעלעפאניסטן הויז” זיי האבן אונדז אויסגעטאן ממש נאקעט, אריינגענומען אונדז איינציקווייז אין צימער, אנגעשטעלט א פאטעפאן און ביי די קלאנגען פון דער מוזיק אונדז געשלאגן צום טויט ביז מ'האט פארחלשט, ווען דער געשלאגענער האט פארחלשט האבן זיי אים ארויסגעווארפן אויפן גאס, איך האב זיך אביסל אפגעפרישט אין גאס און פארקראכן אויף אלע פיר צו א באקאנטן אין שטוב אריין ווו זיי האבן מיר דערמונטערט.

אויף צומארגנס האט מיך באגעגנט איינער אזא פוילישער פאליציאנט פון מיינע באקענטע, האט ער זיך פארווינדערט, וואס כ'לעב נאך, וואס כ'גיי נאך ארום אויף זיין וועלטל און ער האט מיר פארזיכערט, אז מ'וועט מיך סיי ווי סיי הרגענען, כאטש דאס מאל האב איך זיך אפגעראטעוועט.

כ'בין אנטלאפן צו משהקי קפלנס ברודער, משה איז דארט אויך געווען. כ'האב געוואלט וואס שנעלער אוועק צו מיין משפחה, געווען בין איך בלוי און שווארץ פון די מכות וואס כ'האב געקריגן, כ'האב זיך געפילט איינזאם און אונבאַ־האלפן ווי א קינד.

כ'האב זיך געשלעפט אהיים צו גיין, גייענדיק און פאלנדיק. דאס איז געווען אין פעברואר 1942 די הערשער האבן געמאכט אן אבלאווע אויף ווילנער יידן אין ווארענאווע, מ'האט זיי צונויפגעזאמלט אין קינא־זאל און מ'האט זיי אויסגעמארדעט ביז צו איינעם. צווישן זיי איז אויך געווען מיין פרוי א ווילנערן איך האב דאס נישט געוויסט, אבער צוריקגייענדיק אהיים האב איך באגעגנט איינעם א ווילנער, פון אברהם מארעווסקיס טרופע, ער האט זיך געראטעוועט בנס און איז ארויס פון שטעטל פארשטעלט אלס גוי, ער האט זיך נישט געמאכט וויסנדיק און זיך געווענדעט צו מיר ווי א גוי, מיט בארעמהערציקייט האט ער מיך געווארנט נישט צו גיין קיין ווארענאווע. ער האט מיך גענומען קיין זשערמון, 16 ק"מ פון לידע און פון דארט זענען מיר אוועק קיין לידע, פון אים האב איך זיך דערוויסט וועגן מיין ווייבס טויט. אין לידע דא האבן די יידן נאך געהאט אביסעל רו, מ'האט זיך צו זיי באצויגן מער ליבעראלער. דער יודנראט עלטסטער, ה' ליכטמאן האט יארנלאנג געלערנט צוזאמען מיט'ן געביטסקאמיסאר, האבן זיי זיך איצט פריינטליך פארהאלטן. דער שטעטישער גלח איז אויך געווען א יידן־פריינט און אדאנק אים האבן די

דייטשן געמוזט זיך האלטן מענטשליך און פארלייכטערט דא די געטא און פארשפארונג באדינונגען. די געסטאפא האט עס נישט געשמעקט. איינמאל האבן גנבים זיך ארייגעבראכן צום גלח אין שטוב און אים באגנבעט, דער גלח האט אינ־דערפרי געפונען א יידישן ראק מיט א געלער לאטע, און ער האט געפאדערט פון די יידן אין געטא מ׳זאל אים ארויסגעבן די גנבים און אומקערן די גנבה, די גנבים זענען באמת געווען יידן און גנבים פון פאך און זיי האבן געוואלט אראפווארפן פון זיך די שולד, האבן זיי אויסגערטראכט, אז:

— ס׳ווייזט אויס אז פרעמדע יידן פון ווילנע האבן דאס געמאכט, ווייל היגע יידן וועלן דאס נישט טון זייער גוטן גלח, ווילנער יידן האבן זיך פארשטעלט אלס געטא יידן און אויסגעפירט דעם רויב, זיי האבן אויך צוגעגעבן, אז ווילנער יידן האבן געגעבן כאבאר דעם יידנעלטסטן און דעם געביטסקאמיסאר, אז מ׳זאל ניט זוכן ביי זיי.

דאס איז געווען א כאראקטעריסטישער אונטער־וועלט טריק, דאך האט די געסטאפע זיך אנגעכאפט אין דעם, זיי האבן באלד ארעסטירט די שטאט עלטסטע, די יידן האבן זיי אלע צוזאמענגענומען אוין שטאטישן פלאץ און די פארברעכער זענען ארומגעגאנגען צווישן די שורות און אנגעוויזן וועלכע יידן זענען דא פרעמדע. די געסטאפע האבן ארעסטירט די אנגעוויזענע באלד אויפן פלאץ. איך בין אויך ארייגעפאלן צווישן זיי.

10 טאג זענען מיר געזיצן אין טורמע, מיר זענען געווען א זעכציק מאן און ליכטמאן צווישן אונדז, אויפן צענטן טאג האב זיי אונדז אלע ארוסגעפירט צום שיסן. צופעליק האט „מיין קויל״ מיך נאר צעריטשעט, ס׳האט גערונען פון מיר בלוט כ׳בין אוועקגעפאלן פון שוידערלעכן שאק, די דערשאסענע נאך מיר זענען ארויפגעפאלן אויף מיר מיך פארדעקט און כ׳בין געבליבן לעבן. שפעטער מיט עטליכע שעה אין דער נאכט האב איך מיך אויפגעמונטערט און ס׳האט מיך פארדראסן, וואס כ׳בין לעבן געבליבן. מיין לעבן איז מיר נמאס געווארן, מיין ביטערע איינזאמקייט האט מיך דערשלאגן און באטריבט כ׳האב זיך אופגעזעצט, אויפגעשטעלט און דערזען נאך צוויי לעבן־געבליבענע, כ׳האב דערקענט, צוויי ווילנער קאנסקי און פערלשטיין, מיינע באקענטע. מיר האבן אנגעהויבן אינסטיקטיוו צו לויפן, אריבער דעם פארקן און אנטלאפן, איך בין אריין צו סלומניצקין אין הויז, כ׳האב פארברענט מיינע פארבליטעקטע קליידער און אנגעטון אנדערע.

אויפצומארגנס בין איך ארויס אין גאס, און געגאנגען זוכן אן אנהאלט, ערגעץ ווו צו ארבעטען כ׳בין געגאנגען צו די פארבערעס, זיי האבן געהאט בעסערע באדינגונגען אלס נוציקע מענטשן פאר די דייטשן, וועלכע האבן זיי אויסגענוצט פאר זייערע פריוואטע צוועקן, דארט האב איך באגעגנט אונדזער משה קאפלן.

יידן האבן זיך באלד דערוויסט, אז כ׳האב זיך אפגעראטעוועט. מיינער א קרוב האט זיך אויסגעבאלטן ביי א גוי האט ער אים געשיקט, ער זאל מיך אויפזוכן און מיך ברייגגן צו אים. כ׳האב מיטגענומען מיט זיך אויך פערלשטיינען און בין

געגאנגען. כ׳האב פריער געוואלט גיין קיין ביאלי וואקי. דער ווינטער איז געווען שרעקליך און כ׳האב געוויסט, אז די מאמע האט איבערלאזט קליידונג ביי א באקאנטער קריסטין, האב איך צוויסן געטון מיין מאמען, אז כ׳דארף ווארעמע קליידער, איז זי אוועק צו דער קריסטין, נעמען אביסל אנטון פאר איר גרויס קינד נעבעך, האט זי די קריסטין אויסגעגעבן צו די מערדער און זיי האבן זי דערמארדערט. מיין עלנטקייט איז נאך מער געוואקסן, מיין לעבן איז מיר געווארן דערעסן, ס׳איז מיר דערעסן געווארן צו זיין א געיאגטע חיה, דאך בין איך געבליבן לעבן און יעדער טאג וואס ס׳איז מיר געלינגען צו בלייבן לעבן האט אין מיר דערוועקט א ווילן צו טון אלץ און לעבן.

אין ביאלי־וואקי האבן יידן נאך אלץ געארבעט ביי גראבן טארף און זענען געווען באוועגונגס־פריי. איך האב דאך באשלאסן אנטלויפן און אוועק צו די פארטיזאנער, און מיר זענען אוועק.

ווען מיר זענען געווען נאענט צו דער פושטשע האבן מיר געבעטן גויים זיי זאלן אונדז אריבערפירן אהין, ווייל מיר האבן געהערט אז דארט זענען דא פארטיזאנער, די גויים האבן געוואלט פון אונדז געלט זיי האבן אויך געפאדערט פון אונדז ווייץ און קארן. מיר האבן געמוזט אליין זיך דורכברעכן א וועג, אין דארף סאראק טאטאראוו האבן מיר באגעגענט א טאטער, א בארעדעוודיקן, ער האט אונדז דערציילט, אז באנאכט קומען אער „באנדיטן" וואס רויבן צו עסנווארג און פלייש. מיר האבן פארשטאנען ווער זענען די באנדיטן, ס׳איז מיר קלאר געווארן, אז אין דער געגנט רדין־איישישוק געפונען זיך די „באנדעס" זייערע, כ׳האב ארגאניזירט א גרופע פון 12 מענטשן (צווישן זיי גרישע גורעוויטש דער שפעטערדיקער פארטרעטער פון יצחק שדה אין פלמ״ח און ליובא כץ די וואס ארבעט איצט אין אוניווערסיטעט און נאך), מיר האבן געקריגן געווער מיט שווערע ריזיקא און טעג־פארלוסט און מיר זענען אוועק צו דער נאטשער פושטשע נעבן ראדין.

מאי 1942.

מיט צרות, הונגער און גויישע געיעגן זענען מיר אנגעקומען צום וואלד, דעם וועג האבן מיר געמאַכט מיט׳ן כוח פון אונדזער געווער און ווייל מיר זענען גרייט געווען צום קאמף פאר אונדזער לעבן.

מיר האבן געפרעגט איין גוי אין פעלד, צי ס׳זענען דא אין דער געגנט פארטיזאנער, ער האט זיך שטארק דערשראקן, אבער מורא האבנדיק פאר אונדז אויך האט ער געענטפערט מיט א גויישער דיפלאמאטיע:

— אז איר וועט דא בלייבן באנאכט וועט איר עפעס געפונען.

מיר האבן אים געגלעבט.

מיר האבן זיך באהאלטן און אנטשלאפן געווארן האלב־ואכע, אינדערפרי האבן מיר געהערט דאס קלאפן פון וועגנער, ווען מיר זענען ארויס פון באהעלטניש האבן מיר געזען אויפן וועג שלעפן זיך וואגנס פול מיט עסנווארק. קלאר, אז דאס זענען

פארטיזאנער. מיר זענען צו צו זיי און געבעטן זיי זאלן אונדז מיטנעמען מיט זיך, זיי געזאגט, אז מיר זענען יענקילי קוניכאווסקיס חברים פון וואראנאווע האבן זיי געגלייבט, אז מיר זענען „כשר". ער איז געווען ביי זיי א וויכטיקע פערזענליכקייט דאך האבן זיי אונדז איבערגעלאזט אין דער זייט און אין לאגער נישט אריינגעלאזט געוואלט ווארטן ביז דער קאמאנדיר זייערער סטאנקעוויטש וועט קומען.

פארנאכט איז ער געקומען. א רוסישער מוטיקער פאראשוטיסט, מיט אים איז אויך געקומען זיין פארטרעטער, ווען זיי זענען צוגעקומען צו אונדז נאענט איז זיין פארטרעטער כמעט אראפגעפאלן פון פערד, דאס איז געווען ליובע׳ס ברודער ליאווע כץ. די ברודער און שוועסטער באגעגניש איז געווען א שרעקליך דראמאטישע. מ׳האט אונדז באלד צוגעקאאפטירט צו די פארטיזאנער.

מיר האבן באלד אנגעהויבן אנטייל נעמען אין די פארטיזאנען טאטן, מיר האבן אופגעלעבט, מיר האבן צוריקגעקריגן אונדזער מענטשליכן כבוד. דער געדאנק פון נקמה אין די מערדער האט פארווישט יעדן קלער וועגן די סכנות פון צוזאמענ־שטויסן זיך מיט דייטשן.

מיך מיט גרישקען האט מען פון מאל צו מאל געשיקט אנהאלטן די פארבינדונג מיט נאליבאקער פושטשע — ווו ס׳איז געווען אונדזער באצירק.

אויפן וועג האבן מיר זיך אמאל דערוויסט, אז אין איישישוקער געגנט באהאלטן זיך אויס יידין ביי קריסטן, און ווען ס׳גייט זיי אויס דאס געלט הויבן זיך אן זייערע בעלי־טובות צו טשעפן צו זיי און דערמארדן זיי. מיר האבן באשלאסן אויף אייגענער פאראנטווארטליכקייט אפטון א יידיש שטיקל ארבעט, מיר זענען באנאכט אריין צו א גוי, וואס האט דערמארדעט א יידן, מיר האבן אים דערמארדעט און איבערגעלאזט א מעלדונג:

— דער קריסט איז דערמארדעט געווארן צוליב זיין פארברעכן געגען א ייד, וואס האט זיך ביי אים אויסגעבאלטן און אזוי וועלן מיר אפטון יעדן פון אייך, וואס וועט וואגן הרגענען יידן אדער זיי איבערגעבן צו די דייטשן.

זאלבעדריט האבן מיר דאס געמאכט. נאכדעם איז צו אונדז צוגעטרעטן אויך ניאמקע זאגאווסקי, (איצט א חבר אין אגד חיפה). דאס האט געווירקט, די פריוואטע יידן מארדן האבן אויפגעהערט.

דעצעמבער 1942.

ס׳איז געקומען א דעלעגאציע פון ווילנער געטא, זיי דערציילן, אז דארט זענען דא יידן, וואס זענען גרייט זיך איינשטעלן און ארויס אין די וועלדער, מיר האבן זיי צוזאמענגעפירט מיט סטאנקעוויטשן ער האט אונדז געפרעגט ווער איז גרייט צו גיין אין געטא ראטעווען די מענטשן האב איך מיך אנגעגעבן, כ׳האב געבעטן מ׳זאל מיר מיטגעבן צוועלף מענטשן און מיר זענען אוועק קיין ווילנע.

מיר האבן זיך אפגעשטעלט אין ביאלי וואקי. זעקס זענען מיר נאר ארויס פון וואלד צום געטא, זעקס זענען געבליבן אויף א פאל ווען די ערשטע זעקס וועלן אריינפאלן אין דייטשישע הענט.

מיר זענען אריין אין געטא די דייטשן זאלן אונדז נישט באמערקן, די ידישע געטא פירער האבן יא געוויסט וועגן אונדז. מ׳האט אונדז באלד גערופן צו גאנס׳ן דעם פארזיצער פון יודנראט און דעסלער דער יידישער פאליציי קאמענדאנט. איידער מיר האבן געפריוווט אויפקלערן אונדזער אויפגאבע, האט דעסלער ארויסגענו־מען זיין רעוואלווער, געדארט און געפאדערט מיר זאלן זיך שנעל אפטראגן, גאנס האט אונדז יא אויסגעהערט און האט מסכים געווען מיר זאלן בלייבן אין געטא, אבער מיר זאלן זיך פארפליכטן נישט ארויסנעמען פון דאנעט יידן „דאס קאן אויף אונדז ברענגען א גרויס אונגליק". מיר האבן געוויסט פארוואס ער האט מורא, דער מענטש איז געווען אויף זיין שטייגער אן ארנטליכער, מיר האבן אים צוגעזאג נישט ארויסנעמען קיין מענטשן פון דאנען.

מיר האבן זיך פארהאלטן אין געטא אפאר טעג און מיר זענען אוועק... מיט פערציק מענטשן, די מערהייט פון זיי יינגע, נאציאנאל געשטימטע. אויפן וועג האבן מיר זיך אנגעשטויסן אויף א דייטשישער לויערונג, ס׳האט זיך אנטוויקלט א קאמף און אייניקע פון די פערציק געראטעוועטע זענען געפאלן, זיי האבן דעם וואלד נעבעך נישט זוכה געווען צו זען.

אין נאטשע, אין דעם פאלק אויפ׳ן נאמען „לענינסקי קאמסאמאל" איז די לאגע געווען זער א שווערע, אין דער צייט וואס מיר זענען דא נישט געווען זענען דא פארגעקומען אבלאוועס און קאמפן, די נייע מענטשן האבן נישט געהאט קיין געווער און מיר האבן זיי געמוזט אריבערפירן קיין נאליבוקי.

אונדזערע פארטיזאנער האבן אפגעטרעטן פאר די ווייסע פאליאקן, מיר האבן אפגעטרעטן קיין רודניק, דארט איז שוין געווען א רוסישער דעסאנט. אין דער זעלבער צייט זענען אער אנגעקומען פארטיזאנער פון געטא ווילנע מיט אבא קאוונער אינדערשפיץ. מיר האבן זיי געדארפט העלפן, אונדזער אינהאלט איז איצט געווען, העלפן יעדן יידן וואס האט זיך געראטעוועט אין וואלד אריין, און ווייטער ווירקן, כדי צו ראטעווען נאך יידן. מיר זענען אוועק פונדאסניי קיין ווילנע און ארויסגענומען נאך גרופן פאר די פארטיזאנער. איינמאל ווען מיר האבן געפירט אזא גרופע זענען מיר אריין אין א קאמף מיט פאליאקן, חיים לאזע, איצט הויפט סעקרעטאר פון קופת חולים לאומית אין ישראל האט דאן פארלוירן זיין האנט. עטליכע מאל האבן מיר געפונען בלאנדזענדיקע יידן אין די וועלדער.

זיי זענען געווען פארשטעקט אין פארווארפענע ווינקלען, אפגעריסן פון אלע וועגן פון האפנונג און זיכערקייט. זיי זענען דאס אנטלאפן פון די פאליאקן, וועלכע האבן נאכדעם וואס יידן האבן זיך געראטעוועט פון היטלערן, זיי פארפאלגט און דערמארדעט. זיי האבן געוואלט דערגענצן די יידן אויסראטונג. מיר האבן זיי גענומען צו זיך, זיי באשיצט ביז מיר האבן זיי צוגעקאאפטירט צו די קעמפערישע אפטיילונגען. איינע פון די רעשטלעך איז געווען ליזקע וויינשטיין, איצט אין ועד הפועל פון דער הסתדרות.

דא אין דער געגנט האבן מיר געהאט שווערע פארמאטערנדיקע קעמפן מיט די ווייסע פאליאקן, וואס וועלנדיק אפגעווינען צוריק זייער היימאט האבן זיי דערווייל אויסגעמארדעט די רעשטלעך יידן. פון מאל צו מאל זענען מיר געווען געצווינגען אפטרעטן פון אונדזערע לאגערן, כדי צו פארמיידן קרבנות.

אין איינעם פון אזעלכע ריקמארשן האבן מיר זיך באגעגנט מיט אן אפטיילונג פון נאראטשער פארטיזאנער, פון די טשאפאיווצעס, וועלכע האבן געקעמפט אין ווילנער געביט, זייער קאמענדאנט לונקא האט אונדז אריינגענומען אלס מינענלייגערס.

מיר האבן אנגעהויבן מינירן דייטשישע מיליטער באנען און הונדערטער הונדערטער דייטשישע זעלנער האבן באצאלט מיט זייער לעבן. צוויי וואָכן צייט זענען אוועק מיט מינירען באנען, סאבאטאזש און קאמפן, מיר האבן זיך דאן צוריק געקערט אין דער באזע מיט טראפעען, איך בין געקומען מיט א פוילישן פולימיאט ר,ק,מ. און טוביה שירס מיט א דייטשישן אוטאמאט, דא האבן זיך צוגעטשעפעט צו אונדז אונדזערע וואפנברידער מיט ברוטאליטעט און צוגענומען ביי אונדז אונדזער מיט שרעק און לעבנס־געפאר דערווארבענעס אוטאמאטישע געווער, דאס איז געווען אויסגעשפראכענער אנטיסעמיטיזם. די רוסישע ברידערלעך האבן זיך בכלל נישט גערעכנט מיט אונדזערע באדערפענישן און מיט דעם, אז אין אונדער געפארפולער אויפגאבע נייטיקן מיר זיך מער ווי אנדערע אין פאלקא־מערן געווער. זיי האבן פשוט נישט פארגינען יידן זאלן זיין בעסער באוואפנט ווי זיי. אויף אונדזער גליק איז אונדזער בשותפותדיקער קאמענדאנט מארקאוו געווען פארהייראטעט מיט א יידישקינד, האבן מיר אים דערציילט, וואס ס׳האט פאסירט און אים איבערגעגעבן אונדזער מורא און פארדאכט צו די קאמפ׳ס חברים אונדזערע.

ער האט עס גוט פארשטאנען און גערופן צו זיך דעם קאמיסאר פאר „ספּעציעלע" אנגעלעגנייטן און אים געהייסן טון אלץ דאס געווער זאל אונדז אומגעקערט ווערן. פארשטענדליך, אז ס׳האט זיך געהערט א שטארק אנטיסעמיטיש בורטשן. זיי האבן זיך קעגנגעשטעלט, אבער ער האט זיי גערופן און זיי געגעבן צו פארשטיין:

— נו גיט א קוק יידן ווילן נישט אוסבאהאלטן זיך אין די קוכן, זיי ווילן קעמפן, זיי זענען „באיצי" קעמפער ווי אונדז און אונדזערע ברידער, פארוואס שטערט איר זיי?

דאן האט מען אונדז צוגעטיילט צו א ספעציעלער אפטיילונג און אונדזער אויפגאבע איז געווארן אינטערעסאנט.

דער גרויסער זיג און די גרויסע געפאר

אין פעטראטשי איז געשען א מערקווירדיקע זאך וואס סוצקאווער און קאטשערגינסקי האבן באשריבן נאכדעם וואס זיי האבן ביי אונדז גענומען פרטים וועגן דעם געשעעניש:

די פּאַטשט פון ווילייקי, פּאסטוו און נאראטש האט געזאלט אנקומען און איז נישט אנגעקומען. דער דייטשטשער פּאסט־עשאלאן האט מורא געהאט פארן נאענטקייט פון די וועלדער, ער האט מורא געהאט זיך באוועגן צו לאנג אין די וועגן, האט ער זיך פּארטיילט אויף צוויייען איין טייל איז געקומען פון איין זייט, די צווייטע פון דער צווייטער זייט און אין מיטן וועג האבן זיי זיך באגעגנט און איבערגענומען די פּאַטשט איינער פון צווייטן.

אונדזער שפּיאַנאזש אפּטיילונג האט זיך דערוויסט פון דעם און מיר זענען ארויס לויערן אויף די דייטשן, עטליכע שעה האבן מיר זיי אפּגעוואַרט און אז ס'איז געקומען די מיאדזשולער דייטשישע פּאליציי, מיט די זאק האבן מיר זיי אדורכגעלאזט און פון אונטן זיי אנגעגריפן און זיי ליקווידירט ביז צון איינעם.

דאס זענען געווען ביעלארוסן און פּאליאקן אונטער דער קאמאנדע פון א דייטש, די שמחה איז געווען גרויס מיר זענען געווען אויסער זיך פון גרויסן זיג. זענען מיר אריין אין נאענטן דארף, זיך אנגעטרונקן און אביסל איבערגעכאפּט די מאס. מיר האבן געהאט גליק וואס די וואדקע איז געווען קנאפּ זענען מיר נאך נישט אינגאנצן געווען שכור, אנדערש ווער ווייסט וואס ס'וואלט פּאסירט. דער פּאסטאווער גארניזאן איז דערווייל אנוטערגעקומען און אנגעטראפן זיך אויף אונדז דער קאמף האט געדויערט 6 שעה, פּארטיזאנער פון ארום זענען אונדז געקומען צו הילף, אבער צו שפּעט, אינצווישן האבן מיר זיי אליין אויסגעהרגעט און נאך גענומען 20 געפאנגענע.

די געפאנגענע זענען געווען פון די ארומיקע דערפער, די פּארטיזאנער האבן זיי גוט געקענט און האבן געבעטן דעם קאמאנדיר ער זאל זיי אונדז איבער געבן צום משפּט, די נקמה האט געזאטן אין יעדענס העצער. דער קאמאנדיר האט דורכגעפירט א פּראצעס ווי ס'געערט צו זיין. דער אורטייל איז געווען קלאר, מיר האבן זיי אויסגעראטן אויף זייער שטייגער. זיי האבן זיך געמוזט אליין אויסגראבן זייערע גריבער דאס איבעריקע האבן מיר שוין געמאכט. מיר האבן נישט פארשווענ־דעט אויף זיי קיין קוילן, מיט מעסערס האבן מיר זיך באנוצט, מיר האבן אפּגעפּילט דעם טעם פון נקמה אין אלע זיינע עלעמענטן אויך אין דעם עקעל.

און נאך וועגן א קאמף, אויך א זויבערער און גערעכטער.

מיר זענען געגאנגען איינצונעמען א פיינדליכן לאגער פון ליטווינער, האבן מיר דארט פארלוירן א גוטן חבר אונדזערן א באוויסטער העלד, וואס האט געקריגן די העכסטע סאוויעטישע אויסצייכנונג נאך זיין טויט, ער האט געהייסן איצקע בלאט, געווען פון גלובאקע. איצקע פלעגט איבערגיין די דייטשישע ליניעס און אויספּילן די געפערליכסטע אויפגאבן. ווען מיר האבן שוין געהאלטן ביים איינצונעמען דעם לאגער האט ער געוואלט מיט זיין אויסגעשפּראכענער ליטווישער שפּראך זיי איבערצייגן, זיי זאלן זיך פרייוויליק אונטערגעבן און פארמיידן דערמיט אומזיסטע אונגליקן, זיי האבן אים ארייגעהאקט א קויל פון דער נאענט. דאס איז געווען

נידערטרעכטיק פחדנותדיק ווי עס פאסט פאר פחדנישע מערדער, נאך אנדערטהאלבן יאר אין פארטיזאנקע איז ער געפאלן פון א פחדנישער קויל. האבן מיר זיי באצאלט לויט ווי מיר קאנען, מיר האבן שוין אויסגעפירט א סך אויפגאבן אבער דער קאמף, שיינט מיר, איז געווען דער אינטערעסאנטסטער און דער זויבערסטער.

אלס טשאפאיעווצעס האט מען אונדז געלערנט מיר זאלן זיך אויפפירן ווי עס פאסט פאר זיין נאמען, דאס הייסט אויסראטן יעדן שפור פון דייטשן און זייערע מיטהעלפער ווו נאר מיר געפונען זיי. מיר האבן עס געטון ווי מ'האט אונדז אנגעזאגט. א סך דייטשן זענען אריינגעפאלן אין אונדזערע הענט און מער די וועלט נישט געזען. דאך זענען געווען דייטשן, וואס מיר האבן זיי געלאזט לעבן לויט די אנווייזונגען פון מאסקווע, זיי האבן דערנאך מיט אונדז גוט מיטגעארבעט געגן זייערע אייגענע ברידער. ווען מיר האבן זיך באפרייט האבן מיר זיי געלאזט לעבן, זיי זענען באמת געווען איבערגעגעבן צו אונדז און האבן זיך דאס לעבן פארדינט. זיי זענען זיכער געווען נאך דעם דער יסוד פון דער מזרח דייטשישער מדינה. דער רוסישער אימפעריליזם איז געווען דאן און איז תמיד ביי זיי העכער ווי דער אלגמיין מענטשליכער און יידישער נקמה אינטערס.

אין נארטש הערשן יידן

דא האבן מיר קאנצענטרירט א שטארקע פארטיזנישע קאמאנדא איינהייט, מיר האבן געמוזט האלטן אין איין קעמפן און צאלן מיט טייערע קרבנות. די דייטשישע בלאקאדעס ארום אונדז האבן אונדז געצווינגען אפט מאל צו פירן לעבנס קאמפן און פון מאל צו מאל אויך צו ליגן אין בונקערן. דער נאצישער טערור האט אונדז נאך אלץ באדראט און מיר האבן קיין רו נישט געהאט, אבער דאס האט צוגעגעבן א באזונדערן אינהאלט אונדזערע פארמעסטונגען מיט זיי, מיר האבן געקעמפט קעגן דעם טויט שרעק, וואס האט געלויערט אויף אונדז אונאויפערליך. פארשטענדליך אז דאס האט ספעציעל באוויזן די יידישע אפטיילונגען מער ווי די אנדערע, דא האט זיך אויסגעצייכנט די איינהייט פון פאדפאלניען, א יידישער בראווער בחור ווי א לעמפערט, ער האט אנגעווארפן א שוידער אויף דער גאנצער פארערטערישער סביבה ארום אונדז, ס'איז דערגאנגען דערצו, אז דער גאנצער וואלד, וואס האט זיך געצויגן ביז בארנאוויטש-נאליבוקי, צענדליקער קילאמעטער די טיף און די ברייט איז געבליבן א פארטיזאנישע טעריטאריע און נאר מיט אונדזער פאספארט האבן מענטשן זיך געקאנט באוועגן, אין דער צייט, וואס ארום און ארום האבן געהערשט די דייטשן.

אמת, די דייטשן האבן זיי פארברענט די הייזער, ווייל זיי האבן זיי חושד געווען אז זיי זענען איבערגעגעבן די פארטיזאנער און מיר ווידער האבן אויף זיי ארויפגעלייגט שווערע שפייז-קאנטריבוציעס און אלץ אוועקענומען פון זיי מיט צוואנג.

אונדזער יידישער ביישטייער צום רוסישן זיג איבער די נאציס

דעם 1־טן מאי 1944 האט אונדזער צענטער פון מאסקווע ארויפגעלייגט אויף אונדז די אויפגאבע, אויפצורסיין אלע באן ליניעס אויף אלע וועגן פון ווילנע ביז דעם פראנט פון ניעמאן, דאס האט געזאלט זיין די יום־טוב מתנה פאר „מוטרעל־ראסייע".

מיר האבן אונדזער אויפגאבע פולשטענדיק אויסגעפירט. ביז דעם 22־טן יוני ד.ז. יאר זענען אלע באן ליניעס געווען צעשמעטערט און צעשאסן.

דאן האט זיך אנגעהויבן דער רוסישער קעגן אנגריף פון סטאלינגראד און אונדזער שטיקל ארבעט האט זיי גוט צוגעהאלפן, די דייטשן וואס זענען געבליבן אפגעריסן פון זייערע טראנספארט ליניעס זענען געווארן צוגעשמיד צו באזונדערע שוואך פונקטן, דערוויטערט פון זייערע קאמאנד־פונקטן און זייער מפלה האט זיך דערנעענטערט פון טאג צו טאג.

דאס האבן מיר יידן אויסגעפירט אן קיינעמס־הילף, מיר האבן געוואלט אונטערשטרייכן אונדזער ספעציעלן ביישטייער צו דער נאצישער מפלה. צווישן אונדז זענען געווען יונגן קעמפערס, בראווע און מוטיקע כ׳געדענק טעווקי שערס, מגיד, קוטשער און אנדערע, שפעשער האבן מיר געדארפט איינגעמען מיאדזול, א שטעטל וואס איז געשטאנען אינגאנצן אויף אוזיערס, און איז געווען א דייטשישער אינדזול, שטארק באזעצט דורך זיי און שווער באשיצט מיט זייער מאדערנסטן געווער, מיר האבן זי איינגענומען און געפאנגן א סך דייטשן, צווישן זיי איז אויך געווען א רוסישער פארטיזאן, וואס האט אונדז, פריער פארראטן, מיר האבן געטון זייער אלעמענס רעכט, ווי ס׳באדארף צו זיין.

ענדילך האבן מיר זיך צוגאמענגעטראפן מיטן רוסישן מיליטער, כ׳האב באמערקט צווישן זיי א ייד אן אפיציר ער האט מיך אויך דערקענט. ווי יוסף מיט בנימינען אין חומש האבן מיר זיך גוט צעוויינט ער האט זיך פארענטפערט:

— וווהין כ׳בין געקומען ביז איצט האב איך נישט געטראפן א זכר פון יידן און אלע שפורן פון זייער אומקום זענען געווען פארווישט, כ׳האב נישט געגלייבט, אז ס׳זענען נאך דא לעבעדיקע יידן.

זיי זענען אוועק און מיר זענען ווייטער געבליבן אין די וועלדער און חדשים נאך לאנגע זענען אוועק פול מיט שפאנונג, קעמפן און נקמה.

ארויס פון די וועלדער

מיר האבן געלעבט מיט דער האפנונג, אז אט וועט זיך דאס אלץ ענדיקן און מיר וועלן קומען אהיים, ברייגגען טרייסט די רעשטלעך פון אונדזערע טייערסטע, אבער קיינער איז נישט געבליבן. ליידער.

ווילנע איז געווען טיילוויז צעשטערט, אבער א גרויסער טייל ידישע הייזער זענען נאך געשטאנען גאנץ און נישט באריגט. זיי זענען געווען באזעצט דורך די

גויים די „גוטע" שכנים, טעבקי שערס האט יא געפונען זיין טאטן מיט זיין ברודער לעבעדיק.



ר׳ יונה דער פעלטשער

מיך האבן די רוסן אויפגענומען מיט גרויס כבוד, זיי האבן געמיינט, אז איך בין מיין ברודער דער אלטער קאמוניסט פון דעם פוי־לישן רעזשים נאך. זיי האבן מיר איבערגעגעבן א וויכטיקן פאסטן און מיך נאמינירט פליציי־קאמענדאנט און טורגאל, כ׳האב אנגעהויבן דארט ארגאניזירן די פאליציי. דארט האט מיך געטראפן א יידישער בחור מיט וועלכן כ׳האב געארבעט ביים טארף ווען כ׳בין אוועק פון וואראנאווע, ווייזמאן, ער איז איצט אין נתניה, האט ער מיר געזאגט:

— אנטלויף פון דאנען, ווי אמשנעלסטן, ווי נאר זיי וועלן זיך דערוויסן אז ביזט א ייד וועלן זיי דיך באנאכט דערמארדן און קיינער וועט אפילו נישט רעאגירן דערויף.

כ׳בין אנטלאפן ווידער קיין וואראנאווע.

ס׳איז געווען מיט־אויגוסט 1944, כ׳האב דארט געטראפן יצחק דוויליאנסקין, מאיר שמיר איז געווען דארט פריער און איז אוועק, משה קאפלן איז געווען אין רוסישן מיליטער, ס׳זענען נאך געווען דארט אייניקע מענטשן, מערסטנס פרויען, און ווידער די זעלבע טראגעדייע, ידישע הייזער שטייען נישט גערירט און גויים וווינען אין זיי, זיי דרייען זיך ארום אין וואראנאווע און פירן זיך ווי ביי זיך אין דריים אן א שום געוויסן־ביסן, מ׳האט מיך נאמינירט אלס פייערלעשער קאמאנדיר, כ׳האב צוווישן די פייערלעשער געפונען אלע מערדער פון אונדזערע עלטערן, זיי זענען געווען טרומע וועכטער איבער אונדז אין די דייטשישע טורמעס. ווען כ׳האב דאס געגעבן צו וויסן די מאכט־האבער, האבן זיי מיר געענטפערט:

— מיר ווייסן, מיר ווייסן! (זנאיעם דאַ זנאיעם)

כ׳האב נישט געקאנט בלייבן ווייטער אין וואראנאווע, די גויים האבן געהארגעט יעדן פארבליבענעם יידן ווען נאר ס׳האט זיך געלאזט, איך בין געווען מיט דוויליאנסקין מיר האבן ביידע אפגעפילט א שלעכט געפיל. דער פאקט אליין, אז דו דרייסט זיך ארום ביי דיר אין שטעטל, סעפנען זיך טירן און דו מיינסט, אט אט וועט זיך באווייזן אין זיי א באקאנט געזיכט פון מענטשן, וואס זענען דיר טייער און אנשטאט זיי דערשיינען פאר דיר גויישע מארדעס, עמלק׳ס אייניקלעך, דאס אליין איז געווען געגוג אפצוטויטן ביי דיר יעדן ווילן צו בלייבן וווינען דא.

אינצווישן איז אנגעקומען אער משה קאפלאן, ער האט אויך געהאלטן, אז

מ׳דארף אוועק פון דאנען. אין רוסישן מיליטער האבן געפעלט פריזיערן, בין איך מיט אים מיטגעפארן, אייגנטליך האב איך דעזערטירט הייסט עס, אבער כ׳האב אנדערש נישט געקאנט טון.

כ׳האב געהאט א געוויסע פאראנטווארטליכקייט פאר דוויליאנסקין, טאמער וועט מען זיך טשעפן צו אים צוליב מיר, זענען מיר בײדע אוועק צו אונדזער קאמאנדיר, וואס האט געזוכט פלייש פאר זיינע זעלנער און מיר האבן אים פארגעלייגט פארן קיין ווארנאוועס וווּ פון יעדער שטוב קאן מען נעמען א קו. אזוי האבן מיר אריבערגעבריינגט דוויליאנסקען צו אונדז.

דא איז געשען א באמערקונגסווערטע זאך.

אונדזער איינהייט האט באדינט די אפטיילונג „נאראמאנדיע־ניעמאן״, דאס זענען געווען די פראנצויזישע לופטפליער, וואס האבן בייגעהאלפן דער רוסישער ארמעע. די קאמענדע איז געווען אין רוסישע הענט, דער פראנט איז נאך גאנץ שטארק אנגעגאנגען, ס׳זענען נאך געפאלן מענטשליכע קרבנות, נאר אונדז האב׳ן זיי נישט געשיקט אויפן פראנט, ווען מיר האבן געוואלט פארשטיין די סבה דערפון האט אונדז איינער פון שטאב אופגעקלערט:

— אייך וועלן מיר נישט שיקן געהרגעט ווערן, איר זענט אזוי ווייניק לעבן געבליבן, אייך טאר מען נישט איינשטעלן אפילו איינעם פון אייך, אויף דער וועלט זענען געבליבן געציילטע יידן, מ׳האט אייך גענוג געהארגעט, מ׳טאר נישט.

אין גערדא, דייטשלאנד איז אונדז געקומען באזוכן דער גענעראל וואלפיאנאוו פון טשעלושקינס עקספעדיציע, די לאגע דא איז געווען קריטיש, דא איז געפאלן דער בארימטער יידישער העלד, גענעראל טשארניכאווסקי. וואלפיאנאוו איז דא געקומען אפציען פון דאנעט מענטשן פון אלע פארמאציעס צום פראנט צו, ער האט שוין געהאלטן ביים נעמען אויך אונדז, אבער דער מאיאר כהן, קאמאנדיר פון נ.ק.וו.ד. דא, האט מיך פארגעשטעלט מיט דוויליאנסקין אלס פארשטייער פון די פארטיזאנער, וואס האבן די גאנצע יארן פון קריג געקעמפט קעגן דעם שונא, וואלפיאנסקי האט זיך אויפגעשטעלט פאר אונדז, סאלוטירט און געזאגט:

— מיין פולסטע אנערקענונג, אזעלכע מענטשן דארף מען אפהיטן שיקט זיי נישט אויפן פראנט!

*

כ׳האב זיך קיינמאל נישט געהאלטן אלס קעמפער, אלס מענטש פון מיליטערישן אונטערגרונט, סאבאטאזשניק און שמעטער־מאן, אבער נישטא אין לעבן קיין דערשטוינענדיקע סיורפריז, דער נאצישער שטן האט דערוועקט אין מיר אזעלכע כוחות. און איך בין נישט איינער אזעלכער, אלע מיינע ווארנאווער חברים פארטיזאנער זענען מיר אזעלכע געווען, אזוי האט דער נאציזם זיך אליין אונטערגעלייגט זיין אייגענעם קערנער פון זיין טויט.

דאס איז א לערע, וואס איז וויכטיק זי צו געדענקן אויך אין די קינפטיקע דורות, מ׳דארף נישט זען דעם מענטש אזוי ווי ער זעט אויס, מ׳דארף אים זען אלס אונדער־שעפּליכער קוואל פון מעגליכקייטן און קרעפטן, וואס ווען ער ווערט אויפגעפאדערט אדער אויפגעצווינגען זיי צו אנטדעקן און באנוצן אנדעקט ער זיי און באנוצט זיי.

דאס איז א וויכטיקע קאנסעקוועני פאר אונדז, און פאר אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, מענטשן פון קליינעם יידישן פאלק.


ВРЕМЕННОЕ УДОСТОВЕРЕНИЕ № 66943

Предъявитель сего Конюховский
(фамилия)
Яков Готлидович
(имя и отчество)
Награжден приказом начальника Белорусского штаба партизанского движения № 314/рк от „24“ Апреля 1945 г.
за доблесть и мужество, проявленные в партизанской борьбе против немецко-фашистских захватчиков медалью „Партизану отечественной войны“
„I“ степени медаль №

Начальник Белорусского штаба
партизанского движения

Подпись вручающего
(должность и фамилия)

18 Июня 1945 г.

א דאנק יאנקעלע קוניכאווסקין זענען מיר געווארן כשר.

י. קוניכאווסקיס פארטיזאנישער מעדאל

קיי ליסורסקי

אונדזער קינד האט אונדז געראטעוועט

ווען ס׳האט אויסגעבראכן די דייטשיש־רוסישע קריג איז מיין מאן געווען אין רוסישן מיליטער און איך בין געבליבן אליין מיט מיין פיצעלע קינד אין לידע.

דאס קינד איז דאן אלט געווען קוים א יאר מיט 22 טעג.

דעם טאג האבן זיי אונטערגעצינדן דעם געטא אין לידע פון אלע זייטן. איך בין אנטלאפן. אין מיין שויס, איינגעבונדן אין דער פאלע פון מיין קליידל האב איך געטראגן מיין קליין פייגעלע. כ׳בין געלאפן אין מיין געבורטשטעטעלע וואראנאווע.

אויפן וועג בין איך מיד געווארן און כ׳האב זיך אפגעשטעלט נעכטיקן אין באסטון, א 10 קילאמעטער פון וואראנאווע. צוזאמען מיט מיר האט דארט גענעכטיקט אויך פרוי לעווין, יושקע לעווינס מוטער. אינדערפרי איז געקומען א פור פון וואראנאווע כדי אונדז אהיים צו נעמען. מיין טאטע, מיין געטרייער האט אינזינען געהאט זיין טאכטער. כ׳האב זי געבעטן זי זאל מיטפארן מיט אונדז, אבער זי האט נישט געוואלט. דער פורמאן האט אונדז דערציילט, אז אין ווראנווע געפונען זיך די דייטשן און זי האט זיך נישט געאיילט אזוי שטארק אריינפאלן צו זיי אין רעזידענץ. די זעלבע נאכט האט מען באמבארדירט באסטון און פרוי לעווין איז דארט געפאלן.

10.5.42 שבת, האט מען ארומגערינגלט וואראנאווער געטא און נאך דריי טעג באלאגערונג האבן זיי אנגעהויבן צו שיסן דירעקט אין געטא אריין.

פאר דעם האבן די דייטשן געבראכט אין אונדזער געטא אלע יידן פון סאלעטשניק, דזווינישק און באסטון. ס׳איז געווארן שרעקלעך ענג, נישט צום לעבן, נישט צום אוסהאלטן און דאס שיסעריי, דאס פייפן פון די קוילן האבן אנגעווארפן א שרעק. די קוילן זענען געפלויגן פון אלע זייטן, יידן האבן זיך פארבאהאלטן, זיי האבן נאך געוואלט נאך אביסל לעבן. זיי האבן געוויסט, אז דאס שיסן און די באלאגערונג ברענגען מיט זיך טויט און אונטערגאנג, דאך האבן זיי נאך געוואלט לעבן אביסעלע.

מיר האבן געהאט א בונקער ביי אונדז אין הויז אונטער דער פאַל, אלע יידן האבן זיך דארט פארבאלטן, מיר זענען געבליבן אויסער דעם בונקער, מיר האבן מורא געהאט טאמער וועט דאס קינד זיך צעוויינען און דאס וועט אויסגעבן דאס געבעלטניש. אבער דאס פיצעלע מיינס האט נישט געוויינט, גלייך ווי דאס וואלט געוויסט די לאגע און האלט זיך איין צוליב אונדז.

זונטיק זענען די יודנראטלער ארומגעלאפן און געשריגן:

— יידן גייט ארויס פון די בונקערס, מ׳וועט אייך גארנישט נישט טאן.

אבער די יידן זענען נישט ארויסגעגאנגען און געבליבן אין די בונקערס.

מאנטיק האבן די דייטשן מיט זייערע יוצר משרתים פארשטארק די וואך ארום דעם געטא. זיי זענען געגאנגען פון שטוב צו שטוב און האבן ארויסגענומען אלע יידן.

טויזנט מיט אכט הונדערט יידן האבן זיי ארויסגעפירט אויפן מארק פלאץ. מ׳האט זיי געצווינגען זיך אויסצולייגן אויף דער ערד און פאטאגראפירער מיט אפאראטן, זיי זענען ארומגעלאפן און זיי פאטאגראפירט ליגענדיק.

דער סאלעטשיקער רב׳ס זון, אן איוואליד מיט אפגעשניטענע פיס האט זיך אויך אוועקגעלייגט. ווען דער געביטס קאמיסאר האט אים דערזען פון ווייטנס איז ער צו אים צוגעגאנגען, האט אים געפרעגט ווו האט ער אנגעווירןביידע פיס, דער בחור האט אים דערציילט. דער דייטש האט אים אויסגעדרוקט זיין מיטלייד. מ׳האט געזען אין זיין פנים צייכנס פון אמתער רחמנות און מיטגעפיל, אבער דאס אלץ האט אים נישט געשטערט באלד נאכדעם אים צו דערמארדן. א פאר מינוט פאר דער שחיטה האט דער ארכי־מערדער רחמנות געהאט אויף זיין פיס־לאזן קרבן.

ארום־און ארום זענען געשטאנען אונדזערע טייערע שכנים מיט דראנגן און העק, מיט רידלן און ווילעס און אונדז אפגעהיט מיר זאלן נישט אנטלויפן פון טויט.

ס׳איז געפאלן דער באפעל:

— אויפשטיין! מארש!

פאר אונדז זענען געגאנגען מיינע עלטערן, מיין שוועסטער. מיין מאן איז געווען פול מיט שרעק איבערן גורל פון אונדזער קינד. איך האב געקוקט אויף מיין עופעלע און ער האט געקוקט צו מיר מיט זיינע קליינע אייגעלעך, צו מיר און צו מיין מאן, צו מיר און צו מיין מאן, פלוצעם האט ער א זאג געטון:

— זיי וועלן אונדז נישט הרגענען, זיי וועלן אונדז לאזן אהיים גיין.

ער האט געוויסט, אז מיר דארפן רחמים און ער האט זיך אונטערגענומען אונדז צו טרייסטן.

אויף דעם קרייצוועג איז געשטאנען דער געביטסקאמיסאר און פארטיילט די יידן צום לעבן און צום טויט. אונדזערע עלטערן האט ער געשיקט גלייך, מיר האבן זיך צוגעטוליעט צו זיי, געוואלט זיין מיט זיי אין יעדן פאל. אבער דער פיינער רוצח האט אונדז א שטופ געטון אויף רעכטס, אונדז אפגעריסן פון טאטע־מאמע און אונדז פארשיקט צום... לעבן. ער האט זיך נאך געניייטיקט אין אונדז. מיר האבן ביידע געהאט פאכן און פאך־צייגנישן, האט ער אונדז נאך געדארפט האבן.

מיר זענען געבליבן זיצן, מיר האבן אויסגעהערט די שיסערייען, וואס האבן פארענדיק מיט אלע אונדזערע טייערסטע. ווען ס'האט זיך געענדיקט די שי־סערייען איז צו אונדז צוגעגאנגען א פוילישער פאליציסט און א זאג געטון:

— זארגט נישט, איר בלייבט לעבן!

גלייך ווי דאס וואלט געווען איצט אונדזער איינציקע זארג.

פארנאכט האבן זיי ווידער צוזאמענגענומען די רעשט פארבליבענע אויפ'ן מארק־פלאץ, א פאטאגראף האט אונדז ווידער פאטאגראפירט, ווייזט אויס, כדי פעסטצושטעלן וויפיל ידן האבן זיי דעם טאג אויסגעראטן. סטאטיסטיק צוועקן.

זיי האבן ביי אונדז אראפגענומען דאס גאנצע צירינג, צוזאמענגעווארפן אלע טייערע זאכן אין גרויסע פאטשיילעס, וואס זענען געווען אויסגעשפרייט אויף דר׳ערד און מ'האט אונדז געהייסן גיין אהיים.

ווען כ'האב זיך אויפגעהויבן בין איך גלייך געלאפן צו די גרויסע ברידער קברים. זיי זענען שוין געווען פארשיט מיט ערד, אבער די גאנצע ערד האט זיך גערירט, חלקימווייז האט זיך דער באדן־דעק געהויבן און ארונטער געלאזט ווי א גרויסע ברוסט וואס אטעמט און שעפט לופט. די רוצחים האבן זיי באגראבן לעבעדיקערהייד אדער האלב לעבעדיק.

*

שפעטער מיט 10 טעג האט מען אונדז געשיקט אין לידער געטא.

מ'האט אונדז דערלויבט צו נעמען נאר דאס וואס א מענטש קאן פארטראגן. ביז באסטון האט מען אונדז געטריבן צו פוס, דארט האבן זיי אונדז געפאקט אין לאסט־וואגאנען און געפירט קיין לידע.

23־טן מאי 1942 זענען מיר אנגעקומען אין לידער געטא.

די גויים פלעגן יעדן טאג קומען און אונדז אנזאגן די בשורה, אז נאך א פאר טעג וועט מען אונדז אלע אויסשחטן.

מיין מאן האט געארבעט אין א ווארשטאט אויסער דער שטאט, ווען מיר האבן דערפילט אז ס'קומט אן דער לעצטער טאג פון אונדזער אויסראטונג זענען מיר אוועק צו אים. ער האט מיך מיט'ן פיצל קינד פארבאלטן אין א שאפע. אין שראנק האב איך געזאגט צום קינד:

— איצט וועסטו זיין פארזיכטיק און זאלסט נישט רעדן.

ער האט צוגעלייגט זיין קליין פינגערל צום מיילעכל און געענטפערט:

— שא, נישט רעדן.

און ער האט נישט גערעט. וויינען האט ער אויך געוויינט שטילינקערייד, אזא געוויין וואס לאזט זיך נישט הערן.

אין א פאר טעג ארום האבן זיי אונדז געפונען און צוריקגעשיקט אין געטא אריין.

*

אחרון־של־פסח איז מיין מאן אוועק אין וואלד אריין. איך בין געבליבן אין געטא מיט מיין קינדעלע. ער איז קראנק געווארן אויף דיפטעריט און כ'האב געוואלט פריער אים אויסהיילן פון דער טויט־קרענק כאטש די אויסזיכטן זענען געוועזן שוואכע. אלע דיפטעריען קראנקע אין געטא זענען אויסגעשטארבן צוליב מאנגל אין הייל־מיטלן, שפייזלאזיקייט און מינימאלער באדינונג. צו מיין גליק איז געוועזן אין געטא א יונגער יידישער דאקטאר (ווייי איז מיר, כ'האב זיין נאמען פארגעסן) און ער האט זיך אונטערגענומען אויסקורירן מיין פיצל עופעלע. אויף זיין באפעל בין איך ארומגעלאפן אין געטא, אין סכנת נפשות פון איין פלאץ צום צווייטן און האב געפאקט אן איינשפריצונג געגן דיפטעריט. די אפטייקערן האט נישט געקאנט צוזען מיין צער און האט מיר אוועקגעגעבן אלע פלעשלעך, וואס זי האט געהאט. מיין קינד איז געזונט געווארן. דער דאקטאר איז נישט אוועק פון זיין בעטעלע ביז ער האט אים נישט געזען א געזונטן.

ווען מיין מאן איז געקומען דאס צווייטע מאל ענדלעך אונדז נעמען אין וואלד אריין האבן מיר געוואלט מיטנעמען דעם יונגן דאקטאר. ער האט נישט געוואלט ער האט נישט געוואלט איבערלאזן אויף הפקר די געטא מענטשן אן זיין מעדיצינישער איבערגעגעבענער אויפזיכט. נו זאגט אליין ווער איז דאס דער מענטש וואס זוכט יידישע העלדישקייט אין די נאצישע געטאס און געפונט נישט?

*

גייענדיק אין וואלד האבן מיר אויסגעשטאנען שרעקליכע שוועריקייט ס'איז געוועזן א הייסער אייר טאג. א חדש נאך פסח, ס'איז שווער געוועזן צו גיין אין דער היץ. צו דעם נאך האבן מיר געבלאנדזעט און נישט געפונען דעם וועג. נאך א שווערן טאג זענען מיר אריין צו א גויה אין שטוב אריין, איר זון איז געוועזן א פאליציסט ביי די דייטשן אין לידער געטא, א מערדער א יונג, זי האט אונדז אויסגעשטעלט א פולן טיש מיט עסן און אונדז דערקוויקט די נשמה.

דאס קינד האט נישט געגעסן. ער האט צוזאמענגענומען די אנגעשניטענע שטיקלעך ברויט מיט זיינע קליינע הענטעלעך און זיי אויסגעשטעלט אין שטויסן. די גויה האט אונדז געבעטן מיר זאלן אים פרעגן פארוואס ער עסט נישט, האט ער געענטפערט:

— מאמע, כ'וועל דאך ווען שפעטער אויך עסן.

*

אין וואלד האט אונדז קיילע גראדזענטשיק (שמיר) געגעבן א שטיקל ברויט האב איך דאס צעבראכן אויף צווייען, דאס צווייטע שטיקל געבאלטן אויף שפעטער האט ער געוואלט נאר בידע מיט אמאל, אז כ'האב אים נישט געוואלט געבן און כ'האב אים געזאגט:

דו וועסט דאך שפעטער אויך ווען עסן האט ער געענטפערט:

— מאמע וואס הארט דיך, אז האסט נישט קיין ברויט דערקוטשע איך דיר דען? אדער כ׳וויל דוקא עסן?

*

די אבלאוועס אין וואלד זענען געווארן אלץ אפטער און אפטער, ער איז שוין געווען מער פרייער אין וואלד, נישט איינמאל האב איך מורא געהאט, טאמער איז ער נישט געגוג פארזיכטיק, טאמער האט ער פארגעסן וואס ער האט געלערנט אין געטא, די שרעקליכע לערע פון גרויל־טעג, אבער ווי נאר ס׳איז געפאלן דער באפעל צום גיין, זיך פארבאלטן, אועק אין אן אנדער פלאץ אין וואלד צוליב די אבלאוועס, פלעגט ער באלד א שפרינג טון אויף מיין מאנ׳ס פלייצעס, גרייט צום רייטן אין די פינצטערע ווייטקייטן פון די פושטשעס מיט זייערע סכנות און שרעק. גייענדיק — לויפנדיק פון אן אבלאווע פלעגט ער ווידער זיך פארשליסן אין זיך און זיך איינהאלטן נישט צו וויינען, צו רעדן, אדער פאדערן עסן.

אין אונדזערע פינצטערע וואנדער וועגן פון די נאצישע גרויל־טעג האבן מיר אויסגעשטאנען הונגער, נעץ און קעלט וואס האבן צעבראכן אונזער גייסט און נשמה, אבער ער דאס פיצעלע מענטשעלע האט אלע דריי אויסגעליטן מיט געדולד און מוט ווי א דערוואקסענער מענטש און אפילו מער פון א דערוואקסענעם.

אין טעג פון גענצליכן הונגער אין וואלד טאג־איין־טאג־אויס איז מיר שווער געווען צוצוקוקען ווי מיין פיצעלע ייִנגעלע לעכצט נאך א ביסן עסן, אבער ער האט געהאט א ספעציעלן אינסטינקט אין אזעלכע שעהן אונדז צו טרייסטן און פארלייכטערן אונדזער שווער געמיט. מיט זיינע טרייסט ווערטער און גוטע ריידעלעך האט ער אונדז צוגעגעבן מוט צום לעבן און האפנונג.

און אזוי זענען מיר צוליב אים און א דאנק אים געבליבן לעבן.



מינע קאנאפקע (מוטשניק)

ס׳האט פונקט גערעגנט

א טאג איידער די דייטשען האבן פארנומען אונזערע געביטן האבן זיי אראפּגעווארפן א באמבע אין פאלאץ, און ווען מיר האבן מיט שרעק גערעדט וועגן דעם האט אונז איינער פון רייקאם פארטיי געזאגט:

— האט ניט מורא אזוי ווי גראז קען ניט וואקסן אויפן האנט אזוי קאנען דא די דייטשן ניט זיין. צומארגנס האבן די רוסן גענומען מאביליזירן די מענער אין אטייל פרויען, אזוי ווי אין פיריגאנצע 10 ק״מ פון ווארנאווע האט זיך געבויט אן אעראדראם האט מען מיך מיט דינה קודלאנסקין געשיקט דארטן ארבעטן אין קופע. אויפן וועג זענען שוין געווען פיל געהארגעטע און פארוואונדעטע פון די דייטשע באמבעס און ווען מיר זענען אנגעקומען אויפן פלאץ איז געווארן א טומל, אז ס׳איז ניטא קיין טעלעפאנישע פארבינדונג מיט קיינעם, און אז די דייטשן זענען נאענט פון דאנען. די רוסישע אנגעשטעלטע האבן זיך גלייך געזעצט אויף פארשיידענע פאר־מיטלען און אוועקגעפארן און מיט זיי אויך דינה (זי איז אגב נאכדעם צוריקגעקומען מען האט איר ניט אריינגעלאזט אין רוסלאנד). איך בין געבליבן, כ׳האב זיך ניט געוואלט שיידען מיט מיין פאמיליע. די פויערים האבן גלייך צעראבירט אלץ וואס ס׳איז דארט געווען, און אזוי ווי גיין גלייך אהיים האט מען ניט געקענט, בין איך געגאנגען מיט די באקאנטע שיקסעס מיט וועלכע איך בין געקומען, כדי צוזאמען איבערנעכטיקן ביי א פויער. דארט האבן זיך צונויפגעקליבן די שכנים און מע האט גערעט, אז איצט וועט מען אביסל נקמה נעמען אין די יידן.

די שיסערייען זענען געווען שרעקליך, דער הימעל אינגאנצן רויט פון שרפות און זיי האבן געזאגט אז ווארנאווע ברענט אינגאנצן און די יידן האט מען אלע געפטרט. זיי האבן געגעסן אין געטרונקען אין פאר מיר איז די נאכט געווען איין אייביקייט. אויף צומארגנ׳ס ווען די דייטשן האבן זיך נאר באוויזן אין דארף האבן מיר גענומען גיין גלייך אהיים, מיט מיר גלייך זענען זיי שוין ניט געגאנגען נאר איך בין זיי נאכגעגאנגען. כ׳בין געקומען אין שטעטל עס האט ניט געברענט.

כ׳האב אלעמען געפונען מיט צושראקענע אויגן, מ׳האט זיך מורא געהאט צו ווייזן אין גאס און דערציילט ווי אזוי דייטשן זיינען פלוצלינג אנגעקומען. מ׳טראכט וועגן דער ביטערער צוקונפט, אבער פארשטייט זיך אז אויף שחיטות האט מען זיך ניט פארגעשטעלט. ווען ס׳איז געקומען בתיה פינקלטיין מיט איר פאמיליע וועלכע האבן געוואוינט אין א שטעטל נעבן דער ליטווישער גרעניץ און דערציילט, אז דארטן שיסט מען די יידן האט מען איר ניט געגלויבט, מיין שוועסטער בתיה מיט איר פאמיליע האבן זיך אויך געפונען אין יענער געגנט אין א שטעטעלע רודזישקי, האבן מיר באצאלט א קריסט ער זאל פארן ברייגגן זיי צו אונז. זיי האבן זיך טאקע זייער דערפרייט מיטן ערשטן גרוס פון אונז, נאר די עלטערן זייערע קענענדיק די דייטשן פון דער ערשטער מלחמה האבן ניט געגלויבט וואס מען דערציילט און ניט געוואלט נאך פארלאזן די היים... ווען מיר האבן דעם קריסט געשיקט א צווייט מאל ער זאל זיי דאך ברייגגן, האט ער זיי שוין געפונען ווי מען פירט זיי אויף א זאמלונג פלאץ מיטן קינד און פעקעלע פארן האנט, זי האט בלויז א שאקל געטאן צו אים מיטן קאפ.

מ׳האט אלע יידן פון דארט דערטרונקען אין טראקער אזיערע. ס׳איז א קלארער פאקט.

אזוי האבן זיך אנגעהויבן ביסלעכווייז די צרות ביי אונז. מע איז געווען אלע פארצווייפעלט, כאטש א טייל האבן געהאט אביסל האפנונג אייניקע האבן געזאגט, אז דאס ספירטיזם טישעלע קלאפט אפ אויף גוטן און האבן זיך פארלאזט אויף אנדערע איינגערעטע סימנים, ביז עס האט זיך אנגעהויבן די אקציע ווען זיי זענען געגאנגען פון שטוב צו שטוב און געשאסן אלע קראנקע.

אין א געוויסע צייט ארום האט מען א נעם געטאן 6 מאן זרח, אסתר, און דוד שעלובסקי, יצחק וואלפיאנסקי ישעיהו אולקניצקי, גרשון איישישקי, און מ׳האט זיי שוין ניט אומגעקערט. מ׳האט געהערט אז אין די ארומיקע שטעטלעך און אין לידע איז שוין א שחיטה־טאג געווען, און יעצט האט זיך דערנענטערט אונזער שחיטה־טאג. ווען מ׳האט דערשאסן די 5 מאן בנימן קאפלאן מיט זיין פרוי, ניאניע גראדזענציק, לייזער קאצענעלענבויגן, און גערשענאוויטש און איך קום א וויינענדיקע צו רחל קאצענעלנבויגן זאגט זי:

וויין ניט, אין א פאר טעג ארום וועלן מיר זיך אלע טרעפן און אונדז וועט ניט זיין ווער עס זאל באוויינען.

זי איז טאקע אומגעקומען צוזאמען מיט יהודיתן און פאמיליע.

*

3 טעג פאר דער שחיטה האבן מיר ניט געטארט ארויסגיין פון די הייזער, נאר מיר פלעגן זיך דורככאפן איינע צו די אנדערע, איך קום אריין צו דלוגינען, זיי האלטן, אז אזוי ווי אהרן ראמט די וואוינונגען ביי די דייטש וועט מען זיי אפשר לאזן לעבן. דאס זעלבע זאגט עטקע לובעצקי ווען זי קומט צו מיר, אזוי

ווי איר דודה אסתר ליכטמאן קען דעם שטאבס־לייטער וועט זי אפשר זיי אלעמען ראטעווען. ליידער האט עס זיי ניט געהאלפן.

עס קומען צו אונז איטקע אלעקניצקי אין חיה דעם מיאדלער רב׳ס טאכטער פארצווייפעלט פרעגן וואס מיר טראכטן צו טאן, מיר זאגן זיי אז מיר טראכטן זיך פארשטעקן איבערהויפט צוליב די עלטערן. מיר האבן דאן געוואוינט ביי קאלמא־נאוויטשן אין האל, ווו די רוסען האבן אונז געהאט איינגעקווארטירט, האלטענדיק, אז פאר א ציוניסטישע פאמיליע איז אונזער פריערדיקס הויז צו גרויס און צו גוט, זיי האבן אונז צווײמאל געביטן די וווינונגן ביז מיר האבן שוין געווארט זיי זאלן אונדז שיקן אויף סיביר. מיט אונדז צוזאמען האבן געוואוינט דזשוענישקער פאמי־ליעס בלעכערס, האבן מיר זיך צוזאמען געמאכט א מעלינע.

אזוי ווי מען הויבט אן טרייבן צום פלאץ, גייען ארויס אונדזערע שכנים, דער קלעצקער רב מיט זיין פאמיליע, ער פלעג פאריכטן די דייטשן זייגערלעך און ער האט געטראכט, אלס נוציקער ייד וועלן זיי אים און זיין פאמיליע לאזן לעבן. זיין ברודער הירשל האט געהאט צוגעגרייט 2 פלעשער בענזין כדי א ווארף צו טון אויף זיי און אונטערצינדן אלץ, נאר מ׳האט אים ניט געראטן דאס צו טון ווייל עס וועלן זיין פיל יידן אין מעלינעס און זיי וועלן אומקומען.

די רבנים האבן געהאט יעדערער זיינע אנהייגער און ניט געשטימט צווישן זיך און געלעבט אין מחלוקת אבער אויפן זאמלונגס פלאץ האבן זיי זיך איבער־געבעטן. מיט זיי צוזאמען איז אויך געגאנגען דער סעלעצ׳ניקער רב און זיין זון דער אינוואליד אין א וועגעלע, ער ווייזט זיי דאקומענטן אז ער איז אן אינוואליד פון דער ערשטער וועלט מלחמה וואן ער האט געקעמפט פאר דייטשלאנד, זיי פירן אים אוועק אביסל ווייטער און שיסן אים. אונדזערע אנדערע שכנים יצחק דוויליאנסקי, בישל אין זייערע פאמיליעס, ווי אויך די דזשוענישקער פאמיליעס בלאכער, יאנקעלעוויטש, און שניידער כאפן זיך אריין צו אונז אין שפייכלערעס כדי צוצוגרייטן א גוט פארמסקירט טירעלע. אין דער מעלינע האבן מיר זיך באהאלטן צוזאמען עטליכע און צוואנציק מאן. פון אינווייניק הערן מיר ווי מ׳גייט אלע ווילע אריין אין שטוב מ׳קלאפט די ווענט און מ׳זוכט, מיר האלטן זיך איין, מ׳דריקט און מ׳קושט די קליינע קינדער זיי זאלן זיין רואיק, פונדעהויך איבער אונדז, אויפן בוידעם שלעפט מען אראפ שיינקע בלאכאראוויצ׳עס ברודער, וועלכן מ׳האט געפונען פארשטעקט אין שטרוי און מ׳שיסט אים אויפן פלאץ. מיר טרייסלען זיך פון שרעק עטליכע שעה ביז ד״ר גארדאן פון נאוואגראדעק וועלכער האט געוויסט פון אונז, האט אונדז אנגעקלאפט אז מיר קענען שוין ארויסגיין, אין אזוי האבן מיר זיך דערוויל געראטעוועט.

*

אין לידער געטא טרעפט מען זיך אפט מיט די ביסל געראטעוועטע ווארא־נאווער, מיט אנדערע ארבייט מען צוזאמען, די לאגע ווערט וואס ערגער, די גרוסן פון ארומיקע שטעט און שטעטלעך דערציילן בלויז וועגן שחיטות, מ׳זאגט

אז אין ווילנער געטא איז אביסל די לאגע בעסער רחל שבח און פאמיליע פרובירן זיך דערשלאגן קיין ווילנע, אויפן וועג פערהאלט מען זיי, זי אנטלויפט און בלאנדזשעט מיט דעם קינד אין וואלד אין ווען זי קומט אין געטא צוריק האט זי זיך מורא צו ווייזן, ווייל מען זוכט זי. מ׳דערוווּסט זיך דערווייל פון ביעלסקיס אטריאד אין וואלד ווו מען קען זיך ראטעווען.

רחל קאפילעוויץ ווארט דער ברודער זאל זי אפנעמען אין וואלד, אבער ווען זי דארף גיין ווייגט דאס קינד אין וועג און זי קומט צוריק.

מיינע שוועסטער קומען אין וואלד מיט גרויסע שוועריקייטן, אין א קורצע צייט ארום קומט דארט פאר גרויסע אבלאווע און זיי מוזען צוריק קומען אין געטא. פייטשע גראדזענטשיק זאגט אז מ׳קען זיך מיט דעם קינד אין ערגיץ ניט רירן און זיי באשליסן צו טיילן דעם גורל מיט אלע יידן.

מיר האבן אנגעהויבן ריידן צו אונזערע שכנים אז מ׳דארף מאכן א מעלינע, מ׳האט געגראבן גאנצע נעכט. נאך שווערע ארבייט האט מען געמאכט א טונעל ביז אונטער א שטעלכל אויפן הויף. דער ארייגאנג פון קארידאר מיט א פארמאסקירט טירעלע.

מיין מאמע האט איין פארטאג אין ספטמבער א קוק געטאן אין פענסטער זען וואס עס הערט זיך אין געטא, האט זי פונוייטן נעבן די דראטען געזען סילועטן און האט א געשריי געטון „מיר זענען שוין ארומגערינגעלט״. אלע פון הויז זענען גלייך געווען אויף די פיס, און אין געטא זענען שוין מענטשן ארומ־געלאפן ווי משוגע, ניט געוויסט וואס צו טון, זיך פארשטעקן אדער גיין אין דער אויסזידלונג „אויף ארבייט״ ווי עס האט געהייסן. מיר זענען 15 מאן אראפ אין מעלינע אין פון אויבן האט אונז גוט פערמאסקירט לייבע א באראנאוויטשער ייד, וועלכער האט שוין געהאט פארלוירן זיין גאנצע פאמיליע און האט ניט געוואלט לעבן אדער גיין מיט אונז, די מעלינע איז געווען בלויז צום זיצען די פיס איבער זיך, קיין עסן, טרינקען איז ניט געווען, בלויז א שטיקעל ברויט, נאר צוליב שרעק האט זיך אונדז ניט געוואלט עסן. די ליפן זענען געווען פארברענט פון דורשט, ס׳האט זיך צופעליק געפונען א רידל האט מען אויסגעגראבן אין א גריבל אביסל פייכטקייט אין באשמירט די ליפן, מיין טאטע האט אפאר מאל געחלשט האבן מיר אים קום אין דערשטיל אפגעמינטערט. אינדערהויך אין הויז איז כמעט שטענדיק עמיצער געווען מען האט כסדר געזוכט, זיי פלעגן אנבינדן א קלאץ צו די פערד, לויפן איבער די הויפן און אז ס׳פלעגט זיך אפקלאפן א פוסטער פלאץ האבן זיי געוויסט, אז דארט איז א מעלינע און זיי פלעגן זיך פארהלטן כאפן די יידן. מיר פלעגן הערן די קולות און וויינעריי די שיסערייען פון די געכאפטע יידן. אזוי האבן מיר זיך געמאטערט אין שרעק 6 מעת־לעת.

ווען מ׳האט שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן האבן מיר געמוזט ארויס, מיר האבן אפגעווארט און ווען עס איז געווען א רעגן האבן מיר אויפגעריסן דאס טירל, איבערגעריסן די דראטן און מ׳איז געלאפן אויף גאטס בארא, די נאכט

איז געווען טונקל און מיר זענען געווען כמעט בלינד געזען זער שוואך אויף די אויגן. מיין מאמע און שוועסטער רבקה אין יפה זענען אוועקגעלאפן מיט בתיה פאדיטוויאנסקי, איר מאן און זון, וועלכע זיינען געווען צוזאמען מיט אונז אין מעלינע, זייענדיק זיכער אז אויך מיין אבא און שוועסטער העניה לויפן נאך זיי, נאר מיין אבא׳ס מאנטל האט זיך פארטשעפעט אין די דראטן, און מיר האבן זיך גלייך פארלוירן פון אלעמען און ניט געוויסט ווו צו גיין. מיר זענען געבליבן צעשראקענע און ניט אריענטירט זיך ווו מיר זענען. מיין שוועסטער זאגט זי וועט גיין אביסל זיך אריענטירן, זי איז אוועק יעדע מינוט איז געווען א יאר. מיר האבן חרטה געהאט וואס מיר האבן איר געלאזט גיין זיך צעשיידן, און ווען מיר האבן איר דערזען צוריק זענען מיר שוין ווידער געווען גליקליכע, און דאן האט מיין טאטע דערקענט דעם צריף ווו ער פלעגט אין געטא גיין דאווענען, עס איז ווייט פון בית־הקברות, און פון דארטן איז נאענט צו סטאשעוויטשן וועלכער וואוינט טאקע נעבן געביטס קאמיסאר ווו מיר האבן געארבעט און מיר קענן אים אלס אן ערליכן קריסט. גייענדיק צו אים זענען מיר אריינגעפאלן אין א זומפיקן פלאץ ווו מיר האבן קוים ארויסגעשלעפט איינע די אנדערע אן שיך, דאן האבן מיר באמערקט א פאליסמאן שטייט אין רויכערט א ציגאר דארט ווו מיר דארפן דורכגיין.

מיר לייגן זיך אוועק, הויבן אלע ווילע די קאפ א קוק טאן, עס ווערט שוין באלד טאג און ער רירט זיך ניט פון ארט, רויכערט איין ציגאר נאכן אנדערן, און ווארט ענדליך האבן מיר געהערט ווי מ׳רופט אים. אז ער איז אוועק האבן מיר זיך דערשלעפט צום בית־עלמין. דאן איז געווארן אויף אונדז א שיסעריי פון דער פאליציי וועלכע האבן זיך געפונען אין א שטוב נאענט, זיי האבן ווייזט אויס געהערט א באוועגונג אויפן בית־עלמין נאר ווייל עס האט גערעגנט האבן זיי זיך געפוילט ארויסגיין און באשאסן פון ווייטן. מיר האבן זיך געלייגט צווישן די קברים, די קוילן זענען געפלויגן איבער אונדז און ווען ס׳איז שטילער געווארן און עס האט שוין געגומען ווערן ליכטיקער זענען מיר צוגעקומען צו סטאשעוויטשעס שטאל פונקט, ווען זי איז געגאנגען מעלקן די קי און זי האט אונז דערזען האט זי א געשריי געטאן „אוי יעזוס מאריא״ ווי קומט איר דא? מיר זענען אריין אין שטאל. זי האט אונז געהייסן ארויפגיין אויפן בוידעם, ארויפציען דעם לייטער אז קיינער זאל ניט קענען ארויפקומען צו אונדז, שפעטער האט זי אונדז געבראכט א ליימענעם קרוג ווארימע טיי, מיר האבן צוגעלייגט די הענט זיך דערוואַרימט אביסל ווייל האלטן אין די הענט האבן מיר ניט געקענט פון פארגליווערטקייט. זיי האבן אויך געבראכט אביסל זייערע ווארימע טרוקענע זאכן און געגומען אונ־זערע נאסע זאכען צום טריקענען. מיר זענען געלעגן זיך געטרייסלט פון קעלט און שרעק, געטראכט וועגן גורל פון אונדזערע נאענסטע און געמיינט, אז מיר וועלן דא קענען זיין עטליכע טעג און באטראכטן אונדזער ווייטערדיקן וועג, נאר ווען ס׳איז געווארן פינצטער זענען זיי ארויף צו אונז מיט ברויט מיט מילך און געזאגט

אז מיר וועלן מוזן זיי גלייך פערלאזן ווייל זיי האבן מורא, עס האט ניט געהאלפן אונדזער בעטן, זיי זאלן אונדז לאזן איבערניכטיקן די נאכט. זיי האבן דעם טאטן אריבערגעטראגן איבער א קליאטקע געוויזן אונז ווו דאס וועלדל ראשליקי איז, און פון דארטן דארפן מיר אנקומען אין סיאגלע ווו ס'געפונען זיך שוין אפט פארטיזאנער. אגב האבן מיר עס אליין געוווסט פון די שוועסטער וואס זענען צוריקגעקומען פון וואלד נאך דער אבלאווע, זיי האבן אונדז אויך אנגעזאגט מיר זאלן ניט פרעגן דעם וועג ביי פאסטוכער, ווייל זיי וועלן אונדז אויסגעבן. אין מאנטל האב איך געהאט עטליכע הונדערט זלאטעס האב איך זיי א העלפט אוועקגעגעבן. אין וועלדל איז געווען נאס מיר האבן זיך צוגעטוליעט צו א בוים איינע צו דער אנדערע ניט מורא געהאט פאר חיות נאר פאר מענטשן. מיר זענען איבערגעזעסן די נאכט און גענומען גיין וועג אויס וועג איין, א גאנצן טאג, מורא געהאט עמיצן צו באגעגענען פרעגן דעם וועג, נאר זייענדיק שוין מיד פון גיין און זעענדיק פונווייטן אן עלטערן פויער וואס פארט, בין איך ארויס צו אים און געפרעגט דעם וועג, ער זאגט אז מיר געפונען זיך 3 קמ' פון לידע, מיר האבן געזען, אז עס איז אומזיסט אונזער דרייען זיך און מיר האבן באשלאסן גיין מיטן גלייכן וועג און זאל זיין וואס וועט זיין.

מיר גייען, איך פאראויס זיי נאך מיר, מיין טאטע א מערקבארער ייד, מען קוקט אונז נאך ביז מיר מערקן, אז מען קאנטראלירט פונווייטן דאקומענטן, מיר האבן זיך גלייך אדריי געטאן אויף א פעלד און געבליבן זיצן, ערשט קומט צוגיין א מאן און זאגט אונדז גלייך, האט ניט מורא איך ווייס אז איר זענט יידן, און די לעצטע פאר טעג זענען דא דורכגעגאנגען פיל יידן נאר די דייטשן האבן זיי געכאפט. זיי היטן אפ און האבן שוין פיל געפטרט. מיד געבן אים אוועק די לעצטע געלט און בעטן אים ער זאל אונדז פירן מיט א זייטיקע וועג, ער זאל גיין א שטיק פאראויס אין מיר נאך אים. ער גייט מיר לויפן אים נאך פונווייטן ביז מיר האבן אים פערלארן און מיר האבן גענומען בלאנדזען אליין און זיך געווינטשן עס זאל אונדז טרעפן א קויל מיר זאלן אלע אומקומען, ביז וואנען מיר האבן זיך דערשלאגן אין סיאגלע. מיר האבן געזען אין א שטוב ברענט אן אויוועלע, עס קאכט זיך עסן און א יונגער שגץ גייט ארום מיר גייען אריין, נעמען זיך אביסל טריקענען די זאכן זיך דערווארימען קומט אן די קריסטין, הייסט אונדז אוועקגיין ווייט פון שטוב ווייל עס קומען דא אמאל דייטשן און אמאל פארטיזאנער. מיר זיצן ווייטער צווישן קוסטעס אויפן פעלד און פארנאכט מיר זעען עס קומען אן צורייטן פארטיזאנער, מיר לויפן מיט שמחה צו צו זיי. זיי זענען רוסן און ווען זיי דערוויסן זיך פון אונדז, אז מיר זענען יידן קומען יעצט פון לידער געטא, זאגן זיי צו אונדז ביז ערשט האט איר פארבראכט מיט די דייטשן איצט קומט איר דא ? עס קומט אייך דערפאר שיסן! זיי שטעלן אונדז עוועקביים וואנט מיר זאלן זיך ניט דערוועגן צורירן פון ארט. אייגעם פון דער גרופע האט עס ווייזט אויס פאדראסן און ער האט זיך משתדל געווען מען זאל אונדז באפרייען, איז אפשטייענ־

דיק אזוי א גאנץ לאנגע צייט האבן זיי אונדז געזאגט מיר זאלן זיך אפטראגן פון דאנען זיי זאלן אונדז מער ניט זעהן.

דורכמאכענדיק אונדזער ווייטערדיקען וועג האבן מיר זיך ווידער אנגעטראפן מיט עטליכע רוסישע פארטיזאנער, וועלכע האבן דעם טאטען אפגעשטעלט אין א זייט ער זאל אליין גיין צו ביעלסקין אין אטריאד, אונדז וועלן זיי מיטנעמען צו זיך אין אטריאד אלס זייערע פרויען. עס האט ניט געהאלפן דאס רעדן צו זייערע געוויסן. פלוצים האט מען אין דארף געהערט, אין דער נאענט שיסערייען און ניט וויסענדיק ווער עס שיסט זיינען זיי גיך אנטלאפן און אונדז אפגעלאזט. עס האבן געשאסן שכורע פארטיזאנער זיי האבן געמיינט אז דייטשן שיסן. מיר גייען ווייטער ווינ׳שענדיק זיך צו באגעגענען יידן.

מיר האבן דורכגעמאכט נאך פיל שרעק פון די רוסישע פארטיזאנער זיי האבן אונדז יעדעס מאל געוואלט שיסן, אבער ווען מיר האבן געזאגט: מיר גייען צו ביעלסקין האבען זיי זיך אפגעשראקן. מיר האבן זיך ענדליך געטראפן מיט א גרופע יידן פון לידע, צווישען זיי קיילע רודניק מיטן מאן און קינד. די יונגערע טיילן זיך דאן אפ באזונדער און גייען אוועק, מיין טאטע קען ניט נאכהאלטן, דאסגלייכן קיילע און איר פאמיליע. מיר גייען צוזאמען. אין אווענט מיר גייען דורך א דארף, דער פויער זיצט מיט זיין פאמיליע ביי א שווארצן הילצערנים טיש מיט אויסגע־שאטענע קארטאפל מיט זויערמילך. מ׳עסט רואיק. מיר טראכטן ווען מיר קענען חאטש זיין ביי אים אין שטאל. מיר טרעפן זיך נאכדעם מיט א לידער ייד סטארא־דווארסקי, וועלכער פירט א גרופע יידן צו ביעלסקי און מיר זענען שוין צוזאמען. געפינענדיק זיך איינמאל אויף א זייטיקע וועג זענען אנגעפארן עטליכע פארטי־זאנער און זעענדיק ווי איך האב זיך דערשראקן, האבן זיי גלייך געזאגט אז זיי זענען יידן. עס איז געווען טוביה ביעלסקי מיט עטליכע זיינע מענטשן. איך האב זיי צוגעפירט צו אונדזער גרופע, — ער האט זיך דערפרייט מיטן גרופן־פירער, וועלכן ער האט שוין געקענט פון פריהער און האט געהייסן אלעמען מיטנעמען צו אים אין אטריאד אזוי ווי עס פלעגט טרעפן אויף פארש׳ידענע וועגן. אין דעם ווייטערדיקען וועג שוין מיט אלעמען צוזאמען האבן מיר אין א דארף געטראפן זיסע ביעלסקין, שלאפענדיק אין אווארעמען בעט ביי א פויער, ער דערפרייט זיך מיט די גערא־טעוועטע יידן און גיט גלייך איבער מיין טאטען דאס ווארעמע בעט.

✶

פון מיין מאמע און שוועסטער ווייסן מיר דערווייל גארניט, ביז עס קומט ערב ראש־השנה. מיר זיצן מיט אלעמען ביי א פייער און ווארעמען זיך, ערשט מ׳רופט אונדזערע נעמען און מ׳זאגט אן אז די מאמע און שוועסטער זענען געקומען. זיי האבן דורכגעמאכט זייער א שווערען וועג מיט בתיהן און פאמיליע צוזאמען, מיר זענען די גאנצע צייט געווען נאענט איינע פון די אנדערע און ניט געוואוסט.

מיר גייען שוין אלע צוזאמען. עס איז ערב יום כפור און מיר קומען אין

וואלד פאטאשנע. צונויפגעקליבענע יידן פון פארשידענע שטעט אין שטעטלעך. מיין טאטע דאוונט כל־נדרי און אנדערע תפילות אויף אויסענווייניק און אלע העלפן צו מיט א פארביטערטן ניגון.

באטאג פלעגט מען רוען, ביינאכט פלעגט מען גיין עטליכע ק״מ. די שמאטעס פון די פוס פלעגן רוענדיק נעמען צופרירן און עס פלעגט זיין שווער זיך פונדאסניי אויפצורירן. אזוי האבן מיר זיך דערשלעפט צו ביעלסקין אין נאליבוקער פושטשע. דארטן זענען געווען 2 לאגערן. מ׳האט אונז געוואלט צעטיילן אין ביידע לאגערן, נאר עשהאל ביעלסקי האט פארזאגט מ׳זאל ניט צעטיילן קיין פאמיליעס געגען זייער ווילן.

מ׳איז אין וואלד צווישען יידן. מ׳פארגעסט אז מ׳האט געלעבט אמאל אנדערש אבי מ׳זעט ניט קיין דייטשן. אין א געוויסן טאג האבן עטליכע פאמיליעס געמאכט א פייערל, געוואלט איבערקאכן אביסל די זאכן וואס מ׳טראגט, האט דאס א דייטשער אעראפלאן בדיוק געמערקט און באמבאדירט דעם שטח. דער עמער און אלעס איז געווארן דורכגעלעכערט אבער מיר האבן באוויזן צו אנטלויפן פון פלאץ.

עס קומט צום באזוך אין אטריאד פון שטאב סאקאלאוו. ער קען מיך און אריינקומענדיק מיט ביעלסקין צו אונדז אין זעמליאנקע פארזאגט ער אים ער זאל אונדז צוזען און געבן וואס מיר פארלאנגען, מיר האבן קיינזאך קיינמאל פערלאנגט און געווען צופרידן, אז מיר זיינען צווישען יידן און וועלן טיילן צוזאמען דעם גורל.

*

א טאג איידער די רויטע ארמיי האט אונז באפרייט, זענען די דייטשן לויפענדיק שוין אין וואלד באפאלן דעם לאגער אין געשאסן 9 מענטשן. מ׳האט געמוזט פארלאזן דעם וואלד, ווייל זיי האבן גענומען לויפן אין וואלד אריין. ביעלסקי האט ארויס־געפירט פון וואלד 1230 געראטעוועטע יידן, וועלכע האבן אויף פארשידענע וועגן זיך דערשלאגן צו אים, וויסענדיק אז עס איז דא א ידישער אטריאד און קאמאנדיר, וועלכער נעמט אויף אלע יידן. מיר זענען אנגעקומען מיט אלעמען אין נאוואגרודקע און פון דארטן קיין ווארנאווע. מיט פארביטערטע הערצער און א טיפן טרויער זענען מיר אנגעקומען, אנפגעריסענע, שמוציקע, פארבונדן די שיך מיט דראטן זיי זאלן זיך האלטן. אין דער הרובער אויסגעמאטערטער ווארנאווע אויפן מארק געקוקט, אוי; די ידישע הייזער אפשר וועט זיך עמיצער ווייזן צו אונז. אלע קוקן אויף אונז ווי מיר וואלטן גקומען פון יענער וועלט, עס איז בלויז צוגעקומען איין ידישער מאיאר, האט זיך מיט אונז דערפרייט און געזאגט, אז ער פארט שוין דא לאנג ארום אין געגענט אין מיר זענען די ערשטע יידן וואס ער באגעגנט. דערפרייט האט ער זיך איבערהויפט מיטן טאטען מיט וועלכן ער האט זיך שפייטער דערמאנט א בלאט גמרא, ער האט אונדז אריינגעפירט צו זיך אין צימער געלייגט א לאבן ברויט אויפן טיש, וואס מיר האבן שוין לאנג ניט געזען. געגעבן אונז עסן און

טרינקען, און אויסגעפונען פאר אונז א צימער ביי דלוגינען. אלע יידישע הייזער זענען געווען פערנומען פון די רוסישע אדער פון די געוועזענע דינסטן וועלכע האבן שטענדיק געחלומט וועגן דעם.

די רוסישע יידישע מיליטער לייט האבן זיך דערוואוסט איינע פון די אנדערע, אז אויפן כביש פארבייפארענדיק וואוינט א יידישע פאמיליע פלעגן זיי מאכן א פעקל עסענוואַרג און א ווארף טון צו אונדז. עס זענען זיך צוזאמענ־געקומען דאס ביסל געראטעוועטע יידן מען איז געווען צעשפרייט איבערן שטעטל מען פלעגט כסדר גיין איינע צו די אנדערע, אבער ארויסגיין הינטערן שטאט איז געווען א מורא צוליב די ווייסע פאליאקן, וועלכע האבן שוין באוויזן צו פטרן 2 געראטעוועטע יידן, קאפלאן און פופקא.

וואראנאווע איז שוין ניט געווען פאר אונדז. מ'האט ניט געקענט דורכגיין די גאס און קוקן אויף די צוגערויבטע יידישע הייזער און ווען מ'האט ערלויבט צו פערלאזן האבן מיר פערלאזט מיט שרעק מ'זאל אונדז ניט פירן נאך סיביר.

✶

ווי אנדערע אבער האבן מיר זי איצט פארלאזט. אמאל ווען אן עולה פלעגט אוועקפארן פלעגן כמעט אלע גיין באגלייטן צום באן, דער באן פלעגט זיך אפשטעלן פלעגט מען זינגען התקוה, אלע פאסאזשירער פלעגן קוקען אין די פענסטער. איצט האבן מיר זיך אלע צונויפגעקליבן און געגאנגען אויף די איינציקע קברים. נאכדעם אויפן אלגעמיינעם גרויסן ברודער קבר מיין טאטע האט געמאכט אן הזכרה זיך געזעגנט מיט די קברים, פארבייפארענדיק אויף בעניאקאן א דריי געטאן דעם קאפ, זיך געזעגנט מיטן אלטן יידישן בית־עלמין מיט די לעצטע יידישע הייזער ביזן סיבירניקס לעצטע יידישע שטוב און אוועק אויף תמיד.

יקותיאל (קושקע) באיארסקי

א קינד א פארטיזאן

אין א שיינעם מאי טאג 1942 האבן מיר געזען, אז דאס שטעטל איז ארומגע־רינגלט מיט א מויער פון באוואפנטע כוליגאנעס, יידן האבן באלד פארשטאנען, אז די שחיטה איז פאר די אויגן עלטערן האבן נישט געוויסט וויאזוי זאלן זיי באשיצן זייערע קינדער. דאס אונבאהאלפנקייט איז געווען שרעקליך, מיין מאמע האט געזאגט צום טאטן:

— זאל קושקע גיין, זאל ער כאטש בלייבן לעבן.

זיי האבן געבעטן דוד מעניע ריבה׳ס, וואס האט זיך געקלויבן ארויס צו פארן פון וואראנאווע ער זאל מיך נעמען מיט זיך, ער האט באשטאנען. כ׳בין געווען א יינגל פון 16 יאר געזונט און שטארק און ער האט געוויסט, אז כ׳וועל אים נישט פאלן צו לאסט.

מיר זענען אוועק באנאכט און זענען אנגעקומען קיין טאשמאנצע, אן ערך 8 קילאמעטער פון וואראנאווע. מיר זענען אריין אין א גויישער סטאדאלע, א גוטער גוי געווען ער האט אונדז אפגעהאלטן א צווי טעג, אויפן דריטן טאג האט ער אונדז געבעטן מיר זאלן אים פארלאזן ער האט זיך דערוויסט אז ס׳דראט אים א שווערע שטראף פאר אויסבאהאלטן יידן, ער האט פשוט מורא געהאט פאר זיין לעבן. דוד איז אוועק צו א צווייטן גוי ער זאל ביי אים פוילן א באהעלטניש. מיר זענען געבליבןווארטן אויף אים, ווען דער גוטער גוי אונזערער איז ארויס און האט אונדז געטראפן ביי זיך אין סטאדאלע איז ער געווארן א טויטער, ער איז געווען זיכער, אז נאך דוד׳ן זענען מיר אויך אוועק, ער האט אויסגעבראכן אין שרעקליכער פאניק און זי געבעטן מיר זאלן אים פארלאזן און תיכף.

מיר האבן קיין אויסוועג נישט געהאט און נאך די זעלבע נאכט זענען מיר אוועק זוכן דוד׳ן, זיין ווייב, זיינע צוויי קינדער שייקע און חונקע און איך דאס יינגל אלע אונבאהאלפענע האבן מיר געמוזט גיין און נישט געוווסט ווו דוד איז, דאך האבן מיר אנגעטראפן צו דעם גוי, וואס דוד איז צו אים אוועק, אבער דוד איז שוין דארט נישט געווען און ער האט אונדז געזאגט, אז דוד איז אוועק צוריק צו אונדז.

דער גוי האט אונדז דערציילט אז אין וואראנאווע איז געווען אן אקציע, אז א טייל פון אונדזערע יידן האבן די דייטשן מיט זייערע באהעלפערס אויסגעמארדעט און איצט האבן זיך די מערדער אביסל בארוהיקט און מ׳קאן שוין צוריק גיין קיין

וואראנאווע, איך האב גערעטן מיר זאל גיין דורך לידע, מיט א שווער הארץ זענען מיר אוועק צום ערשטן גוי, ווייל וואס וועט זיין אז מיר וועלן זיך נישט באגעגענען מיט דוד׳ן.

אויפן וועג האבן מיר באגעגענט א גרופע יידן, וואס זענען אונדז געגאנגען אקעגן, זיי האבן זיך דערשראקן פאר אונדז און אנטלאפן, כ׳האב פארשטאנען אז זיי מיינען מיר זענען גויים, האב איך אנגעהויבן שרייען צו זיי:

— יידן אנטלויפט נישט, האט נישט קיין מורא!

זיי האבן זיך אומגעקערט. דאס איז געווען רוחקע דאקשטולסקי, אירע צוויי ברידער און א שוועסטערל.

מיר זענען שוין געגאנגען צוזאמען זוכן דודן און צוזאמען אוועק קיין וואראנאווע.

מיר זענען אנגעקומען אהיים גאנצפרי. דאס שטעטל איז שוין געווען האלב פוסט, א טייל יידן האט מען אויסגעמארדעט, א טייל האט מען ארויסגעפירט קיין לידע. מיינע עלטערן זענען שוין נישט געווען, פון מיין גאנצער פאמיליע איז געבליבן נאר מיין עלטערער ברודער, ער האט געארבעט אין באסטון, דא האט ער געהערט די ביטערע בשורה איז געבליבן נעכטיקן דא און אזוי זיך געראטעוועט ווער ווייסט אויף וויפיל צייט. מיט אים איז אויך געווען דודע אבא׳קס אוןביידע זענען זיי געקומען אהיים.

אין א שטיקל צייט ארום האט מען אונדז ארויסגעפירט קיין לידע. זיי האבן אונדז פארשלאסן אין געטא און גענומען צו צוואנגס ארבעט. מיר האבן געארבעט ביים אויס לאדן האלץ קלעצער און שווערע באלקנס פון די באן וואגאנעס און פארלאדן זיי אויף אנדערע פיר מיטלן. דודיע איז געווען א סטאלער און זיין שכן אין געטא איז געווען א שלאסער און געארבעט אין די דייטשישע געווער מאגאזי־נעס. פלעגט דער שלאסער ברענגען יעדן טאג אן אנדער טייל פון א ביקס, ביז ס׳איז פארטיק געווארן א פולע ביקס, דעם פריקלאד מיט די אנדערע האלץ טיילן האט דודיע צוגעפאסט אין סטאליארניע, ווייל דאס האט מען נישט געקאנט אריבערשמוגלן און געטא אריין.

אזוי האבן מיר געהאט א גאנצע ביקס אין אונדזער באזיץ און ווייטער געזארגט פאר געווער.

מיר האבן געוועבט פלענער ווי צו אנטלויפן, מיר האבן געפילט, אז נאך אביסל וועט מען ליקווידירן דעם געטא דא אויך און ס׳איז גלייכער וואס שנעלער פון דאנען אוועק.

מיר האבן געפלאנט צו גיין אין נאטשער פושטשע נעבן איישישאק. מ׳האט געזארגט ווי אזוי אריבערפירן די ביקסן. 20 ביקסן האבן מיר געהאט, אונדזער איינציקע האפנונג, מיר האבן ארייגעלעגט דאס געווער אין א פעסל „דרעק" וואס צוקערמאן פלעגט ארויספירן פון געטא, ער איז געווען א גוטער ייד, ער האט געהאט א גוטן פאסטן, יעדן טאג געווען אין שטאט, דאך האט ער זיך

איינגעשטעלט דאס לעבן און די גוטע ארבעט פאר אונדזערוועגן און אריבער־געפריט אונדזערע ביקסן אין וואלד אריין מיט לעבנס־געפאר ממש.

אין וואלד זענען מיר אריין פארלעכווייז און ווייט איינס פון צווייטן, מ׳זאל נישט באמערקן, עלעיי מיר גייען צו דער ארבעט און אזוי שוין פארבליבן צו נאכט צו אין וואלד. דארט האבן מיר ארויסגענומען די ביקסן פון באהעלטניש און אוועק.

מיר זענען געגאנגען אין די נעכט, אין פרימארגנס האבן מיר זיך באהאלטן אין וואלד און באנאכט ווידער געגאנגען, ס׳איז זער שווער געווען צו גיין מיר זענען פארמאטערט געווארן יאגנדיק. מיט אונדז זענען געווען עטליכע שוועסטער פון א ביניאקאנער פאמיליע סטאל, זענען זיי שרעקליך פארמאטערט געווארן און נישט געקאנט ווייטער מיטמאכן דעם וועג, באנאכט זענען מיר אריין צו א גוי, ארויס־גענומען זיינע פערד פון שטאל און אוועקגעפארן מיט פערד־און־וואגן ביז צו דער באוויסטער נאטשער פושטשע.

*

דא אין פושטשע זענען געווען יידישע משפחות ארגאניזירט אין איין אוטריאד. יידישע קעמפער. זיי האבן אונדז אויפגענומען אדאנק דעם געווער, מיך האבן זיי אריינגענומען אין דער קאמפס־אפטיילונג טראץ מיין יונגן עלטער. כ׳בין געווען פיזיש זער ענטוויקלט כ׳בין זיי געפעלן. כ׳האב מיטגעמאכט אלע מיליטערישע איבונגען צוזאמען מיט אלע און געווארט אויף דער געלעגנהייט צו קעמפן.

די ערשטע נאכט האט מען מיך ארויסגעשטעלט צו דער וואך אין וואלד. מ׳האט מיך ארויסגעפירט אין מיטן וואלד און מיך איבערגעלאזט היטן, ס׳איז געווען נאכט, איך בין געווען אליין, כ׳האב געדארפט היטן פון 10 אוונט ביז 2 א זייגער באנאכט, די צייט האט זיך שרעקליך לאנגזאם געצויגן. כ׳האב געמיינט מ׳האט מיך פארגעסן איבערצובייטן בין איך אוועק אין אזייט, אוועקגעזעצט זיך און איינגעשלאפן. ווען מ׳איז געקומען מיך אומבייטן האט מען מיך נישט געפונען, כ׳בין צו שטארק געשלאפן, אבער כ׳האב אפגעפילט אינסטיקטיוו, אז מ׳זוכט מיך און כ׳האב זיך אויפגעכאפט, איינער פון די צווי, וואס זענען געקומען מיך אומבייטן האט מיר געוואלט אויסגעבן דער קאמענדאטורע, אבער דער צווייטע האט געזאגט:

— נעם אין באטראכט, אז ער איז נאך א קינד, ער וועט נאך צייט האבן צו לערנען דיסציפלינע. לאז אים אפ.

דעם צווייטן טאג איז געשען אזא זעלבע זאך, צווי יונגע צווי ברידער זענען געשטאנען געהיט און איינער פון זיי איז איינגעשלאפן אויף דעם פאָסטן, ווען ס׳איז געקומען זיין אפטוישער און אים געפונען א שלאפנדיקן, האט ער אים צוגעשטעלט צו דער קאמענדאנטורע, האט מען אים אינדערפרי אוועקגעשטעלט צום ראפארט און אים דערשאסן פאר זיין ברודערס אויגן. כ׳בין געווען אן

ערשיטערטער פון דעם פאל, כ׳האב געטראכט דא הרגעט מען אויך יידן ? דאך האב איך באשלאסן מער נישט איינצושלאפן, קיינמאל נישט.

פון דאן אן האט מען מיך געהאלטן פאר איינעם פון דעם חברה. מ׳האט ארויפגעלייגט אויף מיר פאראנטווארטליכע אויפגאבן, כ׳בין געשטיגן אין דער ראנגע, און מיין לעבן אין וואלד איז אוועק אין קעמף געגען דייטשן, כ׳האב געמאכט סאבאטאזשן, צעשטערט זייערע קריגס פלענער, אויפגעריסן זייערע עשאלאנען און צעשמעטערט זייערע קאמוניקאציע מיטלן און כ׳האב געהאט אן אויסערגעוויינלעך געפיל, דאס גוטע געפיל פון קאמף און נקמה.

איינמאל, א פרימארגן האט זיך באוויזן א דייטשישער עראפלאן און פאטאגרא־פירט אונדזער לאגער און אויף צומארגנס זענען זיי געקומען מיט פיל דייטשישע זעלנער. מיר האבן זיי באמערקט פון ווייטן. זיי זענען געגאנגען ווי א סטאדע שעפסן, איינער האט זיך געשטופט צום צווייטן, ענג, ענג זענען זיי געגאנגען. ווי א פעסט־געפאנצערטע מויער האבן זיי מיר אויסגעזען, אין די הונדערטער האבן זיי זיך א ווארף געטאן אויף אונדז. מיר האבן זיי באשאסן די ערשטע. ס׳האט זיך ענטוויקלט א קאמף, ס׳האט אונדז געקאסט קרבנות, אבער זיי האבן באצאלט מיט הונדערטער הונדערטער טויטע און פארווינדעטע.

מיר האבן דאך געמוזט אפטרעטן צוליב מאנגל אין אמוניציע און ווייל זיי ווענען געווען אין די הונדערטער מער פון אונז, מיר זענען אוועק טיף אין וואלד אריין און אפגעטרעטן גרופנווייז. דא האבן מיר זיך צעשפרייט אין ווייט אפגעשייטע פונקטן אין דער ברייט פון דער אונענדליכער פושטשע.

דא האב איך באגעגנט יענקל קוניכובסקי אונדזער שטעטישן.

די דייטשן האבן אונדז נאכגעיאגט, מיר האבן געוואנדערט פון ארט צו ארט, געיאגטע פון זייערע אפטע אבלאוועס און פארמאטערט פון אפטע טויט־צוזאמענ־שטויסן מיט זיי, דאך האבן מיר ענדליך געזיגט. אין שוץ פון וואלד זענען מיר געווען די שטארקע אבער דא איז געקומען אן אנדער צרה ס׳האבן זיך אנגעהויבן וויזן די ווייס־פוילישע באנדעס, זיי זענען געווען פון דער געגנט און האבן געקענט בעסער פון אלע די גאנצע פושטשע. איצט זענען מיר שוין נישט געווען די איינציקע הערשער פון וואלד און מיר האבן געמוזט פירן א קאמפף פון צוויי פראנטן.

ס׳האט אמאל פאסירט, אז אונדזערע א גרופע פון זעקס מאן זענען געשיקט געווארן ברייננגן עסן פארן אטריאד. מיר האבן זיך אנגעשטויסן אויף אן אפטיילונג פון א 200 פאליאקן, אין איין שטוב האט דער וועכטער אונדז באמערקט און געשריגן :

שטיין בלייבן ! ווער זענט איר ?

און באלד האט זיך א גאס געטון אויף אונדז א רעגן פון שיסע־יי, מיר האבן באוויזן צו הרגענען דעם וועכטער, אבער דאן זענען ארויס פון אלע ווינקלעך צענדליקער פוילישע באנדיטן, די נאכט איז געווען שרעקליך פינצטער און ס׳איז אונדז געלונגן אוועקהרגענען פון זיי צענדילקער אבער מיר זענען אוועק אן עסן.

די נאכט האבן מיר געמוזט אריבער אין אן אנדער פלאץ אין פושטשע. מיר זענען אוועק אין לעפטשונקער פושטשע נעבן ניעמאן, מיר זענען אוועק א ווייטע שטרעקע און געמאכט, דעם שווערן וועג הונגריק און מיד, עטליכע נעכט דורכאנאנד.

*

איינמאל זענען מיר אויפגעשטאנען און מיר זעען מיר זענען פארגראבן אינגאנצן און שניי, דער ווינטער האט זיך א לאז געטון אויף אונדז מיטאמאל, אין מיטן שלאף, און מיר זענען גארנישט צוגעגרייט צו אים. אונדזער לאגע איז געווארן קריטיש, דער ווינטער האט אונדז אינגאנצן דערדריקט, מיר האבן געדארפט זארגן פאר מער עסן, פאר ווארעמער אנטון, פאר אנדער וווינבאדינגונגען, אממערסטן שווער איז געווען די שיך־פראגע און שווערער פון אלעס — די אפטע וואנדערונגען אין די שנייען און וויאגעס. אונדזער נקמה קאמף איז געווען איצט באשווערט מיט א ספעציעל שווערן עקזיסטענץ קאמף, פאראן מענטשן פון אונדז די געוועזענע פארטיזאנער, וואס געדענקען ספעציעל די העלד טאטן און קאמפן, וואס מיר האבן געפירט, איך געדענק אממערסטן דוקא די שרעקלעך שווערע לעבנס־באדינגונגען וואס מיר האבן געהאט אויסצושטיין. קיינער שרייבט נישט איבער אזעלכע פשוטע זאכן, אבער איך זע אין דעם די הויפט גבורה פון דעם יידישן פארטיזאנישן לעבן און דעם האט דער ווינטער גאנץ שווער זיך אפגעשפיגלט אין אונדזער שווער לעבן. אלס יינגל וואס איז פאריתומט און פאראיינזאמט געווארן מיטאמאל, האט מיין איינזמקייט זיך נאך מער פארטיפערט אין ווינטער, דער הונגער איז געווען שטארקער און אפטער און די קעלט האט אזוי צעבראכן או פארמאטערט און צוגענומען דעם גאנצן מוט. אויסצושטיין א ווינטער אין די פושטשעס איז א אויסערגעוויינליכע העלדישקייט, וואס נאר באוווסטזיניקע קעמפער, צילבאוווסטע קאנען דאס באווייזן.

א נאכט, איינמאל, מ׳האט אונדז געשיקט אויסקוקן דעם וועג קיין לעפטשינקי, אין דער אונענדליכער טיפער פושטשע זענען דורכגעגאנגען באן־ליניעס און פלוצעם האבן מיר זיך אנגעשטויסן אויף 4 דייטשן, וואס האבן אונדז באלד באשאסן מיט זייערע אווטאמאטישע ביקסן, מיר האבן זיי ערליידיקט און פארשטילט, אבער מיר האבן געמוזט בייטן די ריכטונג. צוריקגייענדיק האט עס גענומען ביי אונדז 8 טעג און 8 נעכט פון לויערונגען, טשאטונגען און איינס אויף איינס קאמפן. ס׳זענען געפאלן פון אונדזער זייט קרבנות טייערע, אבער די דייטשישע קרבנות זענען געווען פילפאכיקערע, און נאך אלעמען איז דאך דאס געווען איינער פון די הויפט צילן פון דער פארטיזאנקע און מיר האבן זיך געטרייסט דערמיט.

מיר זענען אנגעקומען קיין לאפיטשנע נישט מער ווי אכט מענטשן. מיר האבן זיך אנגעשטויסן אויף א רוסישן רעגימענט. זיי האבן אונדז אויפגענומען ווי קעמפער, דא אין דעם רעגימענט איז נישט אריבער איין טאג אן צוזאמענשטויסן

מיט דייטשן און מיר האבן זיי באקעמפט טאג־איין־טאג־אויס, די רוסן האבן אונדז באטראכט אלס בראווע קעמפער, וואס קעמפן מיט א נקמה געפיל און זענען אפפער־פעאיק, האבן זיי אויף אונדז ארויפגעלייגט אפטע שווערע קריגס אויפגאבן און סאבאטאזש טאטן יעדן טאג.

מיר האבן זער גוט געלויערט אויף זיי און געהארגעט יעדן טאג אונצאליקע דייטשן, זייערע פגרים האבן זיך געוואלגערט אין די צענדליקער אין די וועגן און אויף די פעלדער, זיי זאלן פוילן און אפשרעקן זייער ברידער די פחדנים.

זיי האבן אונדז אויך געשיקט קיין זשעטל ארונטעררייסן באן עשאלאנען אין דער געגנט, דא האבן מיר זיי געהרגעט אין די הונדערטער זיי זענען געפאלן ווי די שעפסן פחדנותדיק און אין א מאסן פאניק. די גרויסע גבורה זייערע, וואס זיי האבן באוויזן אין די געטאס קעגן אויסגעהונגערטע שוצלאזע יידן האבן זיי אינגאנצן פארלוירן ווען זיי האבן זיך אנגעשטויסן אויף א הייפל פארטיזאנער.

*

אין סוף 1944 איז שוין גראדנע געווען באפרייט און אויך א טייל פון איר געגנט, אונדזער קאמאנדיר, וואס איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט מאסקווע האט אונדז צעטיילט לויט זייערע אנווייזונגען אויף עטליכע גרופן, און מיר זענען גרופווייז ארויס דערשלאגן צו ענדע די דייטשישע רעשטלעך און אפרייניקן זייערע געצעלטע נעסטן. מיר זענען אוועק אין דער ריכטונג פון סקידל דארט האבן מיר זיך אלע געזאלט טרעפן. אין מיין גרופע האט זיך געפונען דער הויפט קאמאנדיר פון אונדזער רעגימענט און ער האט מיך דעם 18־יעריקן בחור באשטימט אלס זיין פארטרעטער. קיין גליקלעכער פון מיר איז דאן נישט געווען, וווייזט אויס אז כ'האב דאס אפשר כשר פארדינט אלס קעמפער.

ווען מיר זענען אריבער דעם ניעמאן און צו צו די באן ליניעס האבן עקספל־אדירט עטליכע מינעס ס'האט זיך ענטוויקלט א קאמף מיט א סך דייטשן און דריי טייערע חברים זענען געפאלן פון אונדז.

צו די זעקס מיליאן קרבנות זענען צוגעקומען נאך דריי, אבער זייער טויט האט געבראכט צום לעבן.

י. בן־עמי

אין גוישע רעזשימען

א יידישער רעזשים

די פאליאקן האבן פארלאזט די שטאט אין א פאניקע, ווי נאר ס'זענען אנגעקומען די ידיעות וועגן זייערע טאג־טעגליכע מפלות אין קאמף מיט די דייטשן. דאס שטעטל איז געבליבן אן א רעזשים. ס'איז געווארן א שטיקל פאניקע און יידן האבן דערפילט אז עס שמעקט מיט תוהו־ובוהו, ווירוואר און סכנה.

די גוים, דערצויגענע פון דורות אויף דער כמיעלניצקי־טראדיציע פון אייביק חלומען וועגן הפקרות און רויב, האבן זיך באלד צונויפגערעט צו קומען אין שטאט אריין מאכן פאגראמען און ראבירן וואס ס'לאזט זיך.

שוין אינדערפרי האבן זיי אנגעהויבן אנצוקומען גרופענווייז. גראביעזשניקעס מיט די אויגן. פון פארשידענע דערפער זענען זיי געקומען. זיי האבן זיך ארומגעדרייט אין שטעטל אזוי זיך אן א ציל, אבער פון זייערע אויגן האט זיך ארויסגעלייגט זייער פינסטערער געדאנק.

יידן, וואס געבן זיך שטענדיק אן עצה זענען דוקא אין דעם פאל געווארן אפהענדיק און מאכטלאז. זיי זענען געווען זיכער, אז זייער לעבן איז הפקר געווארן און ווער ווייסט צי וועלן זיי זיך קאנען ארויסדרייען פון דער איצטיקער צרה. ס'האט זיך אפגעטון פון זיי זייער מוטיקייט. זיי האבן אנגעווירן זייער חכמה און איניציאטיוו.

אינדרינעם, אין מיטן טאג, מיטאג־צייט האט יצחק אולקאניצקי צוזאמענגערופן עטליכע יונגן און זיי פארגעלייגט זיין פלאן, ווי אזוי זיך שיצן פון די מערדער און מיר האבן אנגענומען זיין פלאן.

אין לויף פון מינוטן האבן זיך אויסגעטיילט די בחורים, גרייט צו דער אויפגאבע, איבערנעמען דעם גורל פון שטאט אין זייערע הענט. זיי האבן אנגעטון די פייערלעשער מונדירן, אנגעגירטלט ברייטע סאלדאטסקי פאסיקעס, ארויפגעזעצט די מעשענע קאסקעס אויף די קעפ, ארייגעשטעפט אין די פאסיקעס קינדער־רעוואלווערן און אנדערע שיס־מיטלען און ארויס אין גאס מאכן די פאגראמשטשיקעס א „ווארימען" קבלת פנים. די פאגראמשטשיקעס דערוויל האבן זיך שוין פארטיילט, ווי לויט א געהיימען ווונק, אין שוין פון פריער אפגערעטע זאמלפונקטן.

אונדזערע חברה זענען געגאנגען גרופנווייז און אנגעהויבן שטופן זיך צו די פאגראמשטשיקעס אקסל צו אקסל, זיי געפרעגט וואס זענען זיי דא אויסן און זיי געראטן זיי זאלן זיך צעגיין צוריק אין זייערע דערפער אויב דאס לעבן איז זיי

נאך ליב. די גויים האבן דערפילט, אז דא האבן זיי נישט אנגעטראפן דעם פלאץ, דא וועלן זיי האבן צו טון מיט מענטשן וואס וועלן זיך נישט לאזן און וואס זענען גרייט אויף אלעס.

פארנאכט האבן מיר אפגעפילט, אז די גויים די גבורים זענען געווארן ענט־מוטיקט און דערשלאגן. צו באצאלן מיט'ן לעבן פאר'ן רויב האבן זיי נישט געהאט קיין חשק און האבן אנגעווירן דעם גאנצן מוט. מיר האבן זיי באלד צוזאמענ־געטריבן מיט דראנג און געשרייען און זיי ארויסגעטריבן פון שטעטל מיט בושות און חרפה.

אויף עטליכע טעג האבן מיר געראטעוועט דאס שטעטל. געפירט א יידישן רעזשים פון זעלבסטשוץ און לעבנס־אויפמערקזאמקייט. דערווייל זענען אנגעקומען די רוסן.

דייטשן קומען

מיטן אנקומען פון די רוסן האבן זיך געשאפן געוואלדיקע ענדערונגען אינער־לעך אין יידישן לעבן. איך בין אריין לערנען אין דער „צעניעריקער" שולע, א מין צוגרייטונגס שולע צו אקאדעמישע פאר־פאך בילדונג.
דאס לעבן פון דער יוגנט האט געפלאסן אין א כמעט גינסטיקער פאר זיי ריכטונג, דער נייער רעזש'ם האט געלייגט זער גרויסע אכט אויף אונדז ווי אויף דעם צו־קונפטיקן דור, די צוקונפטיקע אקטיווע קאדרן פאר די דערארבערטע פאר זיי לענ־דער. ער האט אין אונדז ארייגעלייגט מי און אויפמערזאמקייט און געלייגט ספעציעלע אכט אויף דער געזעלשאפטליכער דערציונג, מ'האט געמאכט פאר אונדזערטוועגן באלן, אויספלוגן און נאך אזעלכע אונטערנעמונגען, וואס גיבן צו א סך צום געזעלשאפטליכן צוזאמענלעבן.

דעם 22־סטן יוני 1941 זענען מיר געווען אויף א טאנץ אוונט. מיר האבן געטאנצט ביז אין פרימארגן און געוואלט נאך ווייטער טאנצן. פלוצעם האבן זיך א הער געטון אן אויפרייסונג און דונערן און קנאלערייען, וואס קיינער האט נישט פארשטאנען פון וואנען זיי קומען. אלע זענען מיר געווען דערזאריענטירט און דער געטאנץ האט אויפגעערט אינמיטן. מיר זענען זיך צעגאנגען אהיים. די גאסן זענען שוין געווען פול מיט מענטשן, די שטאט איז געווען דערשטוינט און דערשלאגן. אממערסטן דערשטוינט זענען געווען די רוסן אליין, זיי, וואס האבן געדארפט וויסן די ערשטע איבער יעדע ענדערונג אין דער פאליטישער סיטואציע זענען געווען דערשטוינט מער ווי אלע.

אין שטעטעל איז געווארן א סומאטאכע און זי איז געוואקסן פון מינוט צו מינוט, די עלטערע זענען ארומגעלאפן צעשראקענע און אפהענטיקע און דאס אונקלארקייט איז געווען גרויס, נאר מיר יוגנט האבן דאס אנגענומען אלס נישט ערנסט, מיר זענען געלאפן צום פלאץ ווו די אויפרייסונגן זענען געווען, לענגאויס, די באן ליניעס, ווייט אויסער דעם שטעטל, ווי מ'לויפט צו א פריילעכער סענסאציע.

אינצווישן האבן מיר געזען, אז די רוסן פאקעווען זיך און גרייטן זיך צו פארלאזן ווארשאַווע. די רוסן זענען אנטלאפן אין א שרעק און איילעניש. מיר זענען געווען דערשטוינט און צעמישט. אייניקע פון אונדז האבן געהאלטן, אז מ׳דארף אנטלויפן צוזאמען מיט די רוסן, ווייל די נייע הערשער קאנען אונדז נאך אלטן אין פארדאכט אלס רעשטלעך פון אלטן פיינטליכן רעזשים און אנטון צרות. יעדער האט געוויסט אז מיט די נאציס איז נישטא קיין שפּילעכלעך. ס׳זענען אבער געווען אנדערע, וואס האבן געזאגט:

— נאר נישט צו די רוסן, ביי זיי ווערט איר תיכף מאביליזירט, מ׳ווארפט אייך אריין אין די שרעקליכסטע פראנטן, אין די גרעסטע סכנות און איר זענט נישט זיכר מיט׳ן לעבן. דאגעגן מיט די דייטשן וועט זיין שווער, איר וועט זיין פארשקלאפט, אבער מיט זיי איז מען כאטש זיכער מיט׳ן לעבן.

איך בין דאך אנטלאפן. כ׳בין ארויס מיט נאך א פאר חברים און געגאנגען אין דער ריכטונג פון רוסלאנד. אוונטצייט בין איך אנגעקומען קיין דזוויגישעק, מיר האבן זיך פארבאלטן הינטער א גויישער שטוב אין עק דארף. די נאכט האבן מיר פארבראכט אונטער דעם בלויען הימל.

אינדערפרי האבן מיר געוואלט ווייטער גיין, אבער מיר האבן שוין נישט געקאנט. מ׳האט אונדז געזאגט אז די גאנצע געגנט איז פארפלייצט מיט דייטשן. נישט ווילנדיק בין איך צוריקגעגאנגען קיין ווארשאַווע.

אויפן וועג האבן מיך די דייטשן געכאפט און מיך אפגעפירט גאנץ איידל צו זיך אין לאגער. דא זענען שוין געשטאנען לייכטע טאנקען פול מיט יונגע העפליכע סאלדאטן, דאן זענען זיי ווייזט אויס נאך געווען לערניונגלעך־מערדער, נאך נישט רייף אינגאנצן. זיי האבן זיך באצויגן צו מיר זער העפלעך, איך האב גערעט צו זיי פויליש, כ׳האב דערקלערט, אז כ׳גיי זיך מיר דא אהיים. זיי האבן מיך אפ־געהאלטן א גאנצן טאג און האבן מיך נישט געפארשט, נישט פארדעכטיקט, זיי האבן פשוט מיר געהייסן אנפילן בענזין אין אלע טאנקען. דערנאך האבן זיי מיר געגעבן גוט אפצועסן און פארנאכט מיר געזאגט: האסט געענדיקט ביזט פריי.

מיט דייטשן אין ווארשאַווע

קומענדיק אהיים איז שוין ווארשאַווע געווען פול מיט דייטשן. אין די צוויי טעג האבן זיי שוין באוויזן אנצוווארפן א פחד אויף יעדן. אינדערפרי האבן זיי ארויסגעשלעפט יידן אויף צוואנגס־ארבעט, זיי האבן זיי אנגעיאגט קילאמעטערס מיט שרעק און שלעק און דערנאך זיי באשעפטיקט מיט פאריכטן שאסעען.

איינמאל באנאכט האבן די פאליאקן געמאכט אן אבלאווע אויף „יונגע יידן וואס האבן מיטגעארבעט מיט די פארשאלטענע קאמוניסטן". זיי האבן ארעסטירט זייערע חברים פון נעכטן, כדי צו געפעלן דעם זיגער, זיי האבן מיך אויך ארעסטירט, מיינע בעסטע נעכטיקע חברים. מ׳האט אונדז קאנצענטרירט אין די שטאט ראט צימערן, וואס די רוסן האבן אויפגעשטעלט, אין א צימער פון דלת־אויף־דלת

האבן זיי אריינגעשטופט צו פערציק מאן אויף לאנגע טעג, וואס קיינער האט נישט געוויסט ווען זיי וועלן ענדיקן. מיר זענען אזוי געווען דא א מאנאט צייט שלאפנדיק שטייענדיק, דאן האבן זיי געבראכט אער אויך זלמן דוקשטולסקי ער איז געווען א ווילנער און געווען אונלעגאל אין ווארשאווע, האבן זיי אים געכאפט און ארעס־טירט. אינטערעסאנט אז זיי האבן אונדז נישט געפארשט נישט געטשעפעט זיי האבן אונדז פשוט איבערגעלאזט מיט זיך אליין און מיט אונדזערע ספקות און טויט־שרעק. מען האט אונדז נישט געשלאגן, נאר יעדן טאג האבן זיי אונדז געלאזט וויסן, אז נאך אין א צוויי דריי טעג וועלן זיי אונדז אויסמארדן. עסן האבן זיי אונדז נישט געגעבן. מיר האבן געלעבט פון דעם עסן וואס אונדזערע עלטערן האבן אונדז געבראכט.

דאס זענען געווען די ערשטע טעג פון דעם גרויסן מענטשן־דערנידערונג.

אמאל האט קשמינסקי, אונדזער באקאנטער פאלקסדויטשע אויסגעכאפט א פעקל עסן פון איינע פון די אונגליקליכע מוטערס, ער האט ספעציעל געצילט און געטראפן אויף איינע פון די רייכע משפחות און האט געוויסט, אז איר פעקל וועט אוואדע זיין א טייערס, פול מיט גוטע זאכן, האט ער דאס געבראכט צו די דייטשן און זיי צוגעהעצט:

— זעט, אט האט איר וואס זיי עסן, אפילו אין די שלעכטע טעג פון מאנגל און ארעסט, זיי עסן בעסער פון אונדז.

דאס איז געווען פונקט דער טאג פון ערב יום כפור, דעם זעלבן טאג זענען צוגעקומען צו אונדזער צימער א גרופע שכורע פאליאקן מיט דייטשן, זיי האבן געכארכלט, גערעוועט און געשריען דראונגס־אויסגעשרייען אונדז פארגעווארפן, אז מיר זענען א וויסטיק פאלק פון קריסטליכע בלוטזייגער א.א.וו. און באלד נאכדעם האבן זיי אונדז באשאסן דורך די פענצטער. מיר האבן זיך אינסטינקטיוו אנגעבויגן און א ווארף געטון זיך אויף דרערד איינס אויפ׳ן אנדערן און ווי ס׳ניט איז זיך געראטעוועט ביז צו איינעם.

א פערטל שעה נאך דער שיסעריי האבן זיי אונדז ארויסגענומען איינציקווייז אויסגעטון אונדז נאקעט און פארנומען שלאגן איבערן נאקעטן קערפער מיט גומי שלויכן, אט ווי מיר וואלטן געווען ארבעט־בהמות אדער שטוב־חיות. די שלעק האבן שרעקלעך וויי געטון, אבער מער פון זיי האט וויי געטון די בעס־טיאלישע באציונג און מענטשן־דערנירונג.

דאן איז ביי אונדז רייף געווארן דער באשלוס — אנטלויפן. בלייבן לעבן. פאר יעדן פרייז. מיר האבן זיך דאס צוגעזאגט איינס דעם צווייטן און מיר האבן דאס געמיינט מיט דער פולער ערנסטקייט. מיר האבן געזאלט דעם נדר אונדזערן מקיים זיין באלד, נאך דער באפרייונג פון דעם ארעסט. אבער... פון אלע אונדז זענען געבליבן נאר צוויי: זלמן דוקשטולסקי און איך.

*

אין לידער געטא.

אין 8.5.42 ווען מ׳האט פארטיילט ווארנאוועהר יידן צום לעבן און טויט, בין איך געשטאנען גלייך מיט אלע און געווארט אויף מיין גורל. כ׳האב געקלערט ווי זיך צו ראטעווען און ווען ס׳איז צוגעקומען מיין ריי איז פלוצעם צו צו מיר דער דייטש, וואס כ׳האב ביי אים געארבעט פון יענעם טאג ביז דעם פינצטערן אונגליקס טאג, ער האט זיך צעשריגן:

— דאס איז מיין שלאסער מיט זיין פאמיליע! איך ברויך אים!

מיט א שטופ האט ער מיך אריבערגעפירט אין דער רעכטער זייט און איך בין געבליבן לעבן.

אין א פאר טעג ארום האט מען אונדז איבערגעפירט קיין לידע אין געטא. דא האט מען מיך געשיקט ארבעטן אין די ווארשטאטן. אויך זיי האבן געהערט צו דעם געביטס גאווערנער אובערשטורעמפירער העמוועג. דאס איז געווען א ריכ־טיקער נאצי, וואס האט געהאלטן פון דער טעאריע, אז די יידן זענען א פאלק פון נידעריקער ראסע, אבער ער איז געווען קעגן זייער אויסראטונג. ער האט אויפ־געשטעלט די ווארשטאטן, כדי אויפצוווייזן אז מ׳קאן די יידן פראדוקטיוויזירן און האבן פון זיי א נוצן. ער איז געווען א מין טעארעטיקער פון דער „בארעכטיק־טער שקלאפעריי״ אין 20־סטן יארהונדערט. אבער, אינטערעסאנט אים האבן מיר נישט איינמאל געדענקט צום גוטן. ער האט געהאלטן דעם געטא אין בעסערע באדינגונגען ווי אנדערע. מיר האבן אים נאכדעם ווידער דערמאנט צום גוטן. ווען מ׳האט אים געכאפט נאך דער מלחמה און ער איז געשטאנען פאר׳ן געריכט פון דענאציפיקאציע, האט מען אונדז גערופן עדות זאגן קעגן אים. מיר האבן זיך נישט אפגערעט, אבער קיין איינער פון אונדז האט נישט געזאגט קיין שלעכטס קעגן אים און מ׳האט אים באפרייט. אזוי גיריק זענען מיר געווען צו לעבן, אז ווער ס׳האט אונדז אפגעהאלטן אביסל דעם טויט האבן מיר נישט געוואלט וויסן פארוואס ער האט דאס געמאכט, מיר האבן געפילט א דאנקבארקייט צו אים.

אין די ווערקשטאטן האבן געארבעט יידן פון פארשידענע שטעטלעך. מיר האבן זיך נישט געקענט, אבער ווען מיר האבן זיך אביסל באקענט האבן מיר באלד אנגעהויבן צו פלאנירן פלאנען ווי צו אנטלויפן פון דארט אין וואלד אריין. די ערשטע זאך האבן מיר אנגעהויבן זאמלען געוועהר און דאס פארריכטן, כדי צו האבן מיט וואס צו קומען אין וואלד אריין.

די בעסטע געלעגנהייט האבן מיר געהאט ווען דער זעלבער העמוועג האט אונדז געשיקט ברייגנען א רוסישן טאנק, וואס האט זיך געוואלגערט אין דער געגנט אויף דעם פלאץ וואו די דייטשן האבן מורא געהאט צו גיין. זיי האבן נישט געוואלט מיטגיין מיט אונדז און אליין האבן זיי דאס געהאלטן פאר געפערלעך פון זייערוועגן האבן זיי אונדז אליין געשיקט. זיי אליין די יידן אויסרעטער האבן נישט געהאט קיין שווער געווער. פאר אונדז איז געווען גענוג לייכט געווער,

זיי האבן גרינגעשעצט די יידן, אבער ווען ס׳איז אונטערגעקומען דאס פארטיזאנישע געפאר, האבן זיי זיך אנגעהויבן נייטיקן אין שווערע כלים.

פינף מענטשן זענען מיר ארויס און אלע מיט א געדאנק צו זאמלן געווער אויף פאר זיך. מיר האבן געוואלט דאס געווער זאל אונדז דינען, ווען מיר וועלן זיין צוריק אין געטא, אדער ווען מיר וועלן דערלעבן ארויס פון דארט אין וואלד אריין, מיר זאלן זיך אפקויפן דערמיט אונדזער פרייהייט ביי די פארטיזאנער. מיט לייכט געווער איז לייכט געווען ארויס אין וואלד אריין.

מיר זענען געגאנגען צום טאנק אָן א דייטשישער באגלייטונג, זיי האבן פּשוט מורא געהאט מיטצוגיין, כ׳פארשטיי אבער נישט וויאזוי האט העמווען זיך פארלאזט, אז מיר וועלן צוריקקומען.

דער פלאץ איז געווען א פארלאזטער רוסישער לאגער, אינגאנצן פול מיט פארנאכלעסיקט און קאליע געווער און אלט אייזן. מיר האבן אויסגעוויילט א פאנצער מאשין, זי אנגעפילט מיט עטליכע גראנאטן, ביקסן, וואס מיר האבן געזען אז מ׳קאן זיי פארריכטן און אן אוטומאטיש מאשין געווער אָן א שלאס. מיר האבן דאס פארדעקט מיט בראך־אייזן און אוועק אויף צוריק.

גייענדיק אזוי אויף צוריק האבן מיר ספעציעל אנגעמאכט א רעש, ווען ס׳איז אונדז אויסגעקומען דורכגיין דורך א וואלד. מיר האבן געוואלט צוציען דערמיט די אויפמערקזאמקייט פון די פארטיזאנער, וואס האבן דארט ארומגענישטערט. אין איין ארט, כ׳מיין דאס איז געווען באקשט, זענען די דייטשן ארויס צעפלאשעטע, אין אונטערוועש, דערשראקענע צום טויט, ווי ס׳וואלט זיך דערנעענטערט אן אומגליק אן אונפארמיידלעכער, זיי זענען געווען אונזיכער און צעשראקן, ווען זיי האבן געזען, אז דאס זענען מיר, „זייערע״ מענטשן האבן זיי אונדז אפגעזידלט, פארוואס מיר זענען אונפארזיכטיק אין פלעצער ווו ס׳ראיען זיך „פארטיזאנער״.
מיר זענען דורכגעגאנגען דורך איוויע, מיר האבן געוויסט, אז אין דעם שטעטל איז דא א געטא האבן מיר זיך דארט אפגעשטעלט אנצוקניפן א קאנטאקט מיט דער יוגנט אין געטא, אבער ווען מיר זענען אריין האבן מיר געטראפן דעם געטא לעדיק, ווו זענען אהינגעקומען די יידן? וואס איז דא געשען מיט׳ן גאנצן שטעטל?
ווי אזוי איז דאס געשען? מיר האבן זיך צעטומעלט, אנגעהויבן צו רעדן יידיש און די מענטשן זענען ארויס פון די לעכער. זיי האבן זיך נעבעך דערשראקן. זיי האבן געזען א פאנצער־וואגן מיט דייטשישער אפצייכנונג האבן זיי געמיינט מ׳קומט זיי ליקווידירן און זיי זענען אריין אין די בונקערן.

מיר האבן זיי בארוהיקט, אויפגעמונטערט, מיר האבן זיי דערציילט וועגן יידישע גרופן, וואס ארגאניזירן זיך אלס פארטיזאנער, מיר האבן זיי פארגעלייגט זיי זאלן זיין גרייט, ווייל די טעג פון רעטונג דערנעענטערן זיך. די האפנונג האט זיי אויפגעמונטערט. זיי האבן געוויינט ווי פיצלעך קינדער. זיי האבן געגלייבט און נישט געגלייבט.

אין לידע, אין גאראזש האבן מיר באלד אנגעהויבן מאנטירן דעם וואגן און איינצייטיק אויך אויסמאנטירן געווער פאר אונדז. מיר האבן דאס געמאכט איינ־צייטיק, אין דער זעלבער צייט, וואס מיר האבן פארבארייט דעם ריזן כלי משחית געגן די פארטיזאנער האבן מיר פארבארייט לייכטע געווערקצייג פאר די פארטי־זאנער אליין. רבונו של עולם וויאזוי פארפלאנטערט זענען די וועגן פון זעלבסט־רעטונג ?

מיר האבן ספעציעל אויסגעצויגן די צייט פון מאנטירן דעם פאנצערניק. ער האט אונדז „געדעקט" אדאנק אים האבן מיר באוויזן צו שאפן פאר זיך 5 ביקסן. 1 מאשין געווער און א צענדליק האנט־גראנאטן. די קוילן וואס מיר האבן געהאט זענען געווען מיט אויסגעקרומטע קעפלעך, האבן מיר אינצווישן איינגע־ריכטעט אן אפאראט צום אויסגלייכן זיי, כדי זיי זאלן נוצן פאר די ביקסן. מיר האבן דאס אלץ געמאכט אונטער דער נאז כמעט פון די דייטשן, וואס האבן אונדז באזוכט טאג־איין־טאג אויס. מיר האבן אפילו אויסגעפריווט די ביקסן פאר זיי אין די אויגן כמעט. ווען מיר האבן זיי באמערקט צוקומענדיק האבן מיר אנגעמאכט אזא רעש, אז אלץ איז פארהילעכט געווארן.

דאס געווער האבן געריכטעט ספעציאליסטן, וועלוויל קרופסקי פון לידע (די רוסישע ברידער פארטיזאנען האבן אים נאכער געהרגעט ווייל זיי האבן געוואלט צונעמען זיין רעוואלווער), ברוך לעווין וועלכער איז דא אין ישראל, (ער איז אין דער פארטיזאנקע געווען דער גרעסטער ספעציאליסט אויפרייסן דייטשישע וואגאנען) און דער שרייבער פון די שורות.

מיט דעם פאנצערניק האבן זיך אפגעגעבן דער אינזשיניער מיט זיינע צוויי יידישע ארבעטער. ליידער זענען זיי אומגעקומען אין דער באוווסטער ליקווידאציע ־באן.

דער אינזשיניער איז געווען א טייערער ייד. ער האט געארבעט פאר דריי, כדי מיר זאלן זיך קאנען אפגעבן מיט אונדזער ארבעט. אלע דריי האבן זיי געהארוועט שווער צו באווייזן א נארמע פון זעקס.

מיר זוכן א וועג צו די פארטיזאנער

דעם ווינטער פון 1942 האבן מיר געקריגן א קאנטאקט מיט פארטיזאנער מ'האט געהאלטן באציונגען, געמאכט בשותפות פלענער ווי צו אנטלויפן און מ'האט צוגעגרייט אלץ צום אנטלויפן.

די ערשטע באגעגניש האבן מיר געהאט מיט א רוסישן אפיציר. א פלעננניק ביי די דייטשן, וואס האט אויך געארבעט אין די ווארשטאטן פון דער באן ער האט אויך געוואלט אריבער אין וואלד אריין. מיר האבן געפונען א געמיינזאמע שפראך און צוזאמען געזוכט וועגן אין וואלד אריין. פאראמאל האבן מיר אים געבראכט צו אונדז אין געטא ער זאל רעדן פאר אונדזערע חברים. דאס איז געווען זער מסוכן פאר אים אבער ער איז געקומען צו אונדז און גערעט פאר פארזאמלטע

אין שטיבל אין עק געטא. ער האט דערציילט די פאַרזאַמעלטע וועגן דער עקזיס־טענץ פון „איסקרא", דער פאַרטיזאַנישער קערן פון לידע. פון זיין פּראַקטיק, האט ער אויסגעוויזן איז די זאַך גאַנץ לייכט און נישט אַזוי מסוכן, מ'דאַרף נאָר געפינען ריכטיקע סטעזשקעס אין וואַלד מ'זאָל זיך נישט אַנטרעפן אויף דייטשישע וועגן. ער האט אונדז אַנטדעקט ממש דעם וועג וואָס פירט צו „איסקרא".

דעם זעלבן ווינטער האָבן יידישע גרופּן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון לידער געטא אין דער ריכטונג פון ווילנע און מאַכן אַ וועג פאַר אַנדערע, וואָס ווילן זיך אָנשליסן אין דער פאַרטיזאַנקע. די ערשטע גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון פריערדיקע פּוילישע זעלנער האט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דייטשישער לאַיער גרופּע און די מערהייט פון זיי זענען אומגעקומען אין דעם צוזאַמענטרעף. דער ביטערער פאַקט האט איבערגעלאָזט אַ שלעכטן בייגעשמאַק אין די הערצער. דער צווייפל האט גענוגט די נשמה און אָנגעפילט מיט פחד יעדן איינעם.

דאָך האָבן זיך ווייטער צוזאַמענגעקליבן גרופּן און זיך געגרייט צום טאָג פון אַרויסגאַנג. זיי האָבן צונויפגענומען אַלץ וואָס האט אַ שייכות צו געווער, אַ קויל, אַ רעוואָלווער אַ פאַראַסטעטער, אַ לופע פון אַ ביקס און אַנדערע שיס קליינקייטן.

אין מיין גרופּע האָבן מיר שוין געהאַט גאַנץ „פיינע" קוואַנטומס פון געווער. מיר האָבן געהאַט 10 ביקסן אַ מאַשין־געווער, 2 רעוואָלווערן און אַ שפּאַר ביסל גראַנאַטן, וואָס האָבן אונדז אויסגעזען לעבעדיקע. די מערהייט כלים זענען געווען אין צושטאַנד פון אַרויסענדיקן זייער אויסריכטונג און נאָר געוואַרט אויף דעם טאָג ווען מ'וועט זיי אויספּרובירן.

דאָס געמיינזאַמע פאַרמעגן האט אונדז זער צוזאַמענגעברידערט, מיר האָבן געפילט, אַז מיר זענען איינס, איין קערפּער וואָס גרייט זיך צום לעבנס־עקזאַמין. יעדן טאָג האָבן מיר געהאַט איין אינהאַלט: צוגרייטן זיך צום אַרויסגיין פון וואַלד און דאָס אונטער דער נאָז פו די דייטשן.

טאָג־איין־טאָג־אויס האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען נאָר אין איין ריכטונג. ס'זענען געווען טעג ווען מיר האָבן צווישן זיך נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. דאָס געהיימע און בשותפותדיקע מיטאַרבעטן זענען געווען אונדזער אינהאַלט אין לעבן. אַזוי איז פאַרשוווּנדן די פאַרצווייפלונג, אונדזערע ליידן האָבן שוין געערט כמעט צו דער פאַרגאַנגענהייט, מיר האָבן שוין געלעבט מיט'ן מאָרגן.

אַפּריל 1943

מיר האָבן זיך דערוויסט וועגן טוביה ביעלסקיס אַטריאַד און מיר האָבן פאַרגעסן אין איסקרא.

דערווייל האָבן מיינע חברים זיך אָפּגעטראָגן אין וואַלד אַריין און אַפילו נישט געגעבן צו וויסן דערפון און ברוך לעווין פון זשעלודאָק איז נישט נאָר אַוועק סתם אַזוי, נאָר אַפילו צוגענומען ביי אונדז בשותפותדיקע געווערצייג. דער פאַר־ראַט האט אונדז דערשלאָגן. מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ גרופּע געטרייע

חברים, כדי זיך געגנזייטיק צו דערמונטערן פון „פארראט” און ווידער זיך גרייטן צום וואלד. אבער דא האבן זיך באוויזן פארשידענע שטערונגען, וואס מיר האבן נישט געדענקט וועגן זיי. ספעציעל האט אונדז באשווערט די לאגע, וואס קאן זיך שאפן מיט אונדזער אוועקגיין און מיר האבן וועגן דעם בכלל נישט געטראכט און געקאנט טראכטן. שווער געווען איבערלאזן אין געטא די עלטערן. נישט צוליב דעם עצם געזעגנען אדער איינזאמקייט. מיר האבן געוויסט וואס זיי דערווארט מיט אונדזער אוועקגיין, די דייטשן וועלן זיי דערמארדן און נאך זיי אויך די ברידער און שוועסטער, חברים און קרובים און אלץ צוליב אונדז. פלוצעם האט אונדזער ארויסגיין פון געטא געקריגן א כאראקטער פון עגאיזם און אייגענער זארג, א מין זעלבסט רעטונג אויפן חשבון פון יענמ׳ס לעבן. צווישן אונדז זענען אויך געווען מיידלעך, איינע פון זיי מיין צוקונפטיק ווייב, מיר האבן געמיינט, אז זיי וועלן אונדז אפשוואכן, אבער ס׳איז געשען פארקערט, זיי האבן זיך ארויסגעוויזן מוטיקער און אנטשלאסענער פון אונדז, זיי האבן אונדז געשטארקט. מיין ווייב ספעציעל האט געגעבן דעם שטויס דערצו און געווירקט מיר זאלן זיך ענטשליסן וואס שנעלער, לויט איר און אירע חברות פארראטן מיר קיינעם נישט און אונדזערע קרובים וועלן גליקליך זיין מיט דעם געדאנק וואס מיר זענען געראטעוועט.

דעם אוונט האב איך ארויסגענומען די ביקס, וואס כ׳האב מיר געבאלטן פאר זיך אין רינווע, אזוי האבן אויך געטון די אנדערע חברים.

ארום 11 האבן זיך צוזאמענגענומען מער ווי א דרייסיק מענטשן,אויף דעם באשטימטן ארט יעדער איינער מיט איינברוך־כלום, מיר האבן איבערגעשניטן דעם פארקן און ארויס.

ביעלסקיס שליח איז געווען פינקטליך צו דער מינוט, ווען מיר זענען געווען אויסער דעם פארקן האט ער אונדז שוין אפגעווארט. ער האט אונדז געפירט דורך פארהוילענע סטעזשקער און נאך 2 טעג אין א וועג פון געפאר און שרעק, פון פארזיכטיקייט און אפהענגיקייט אין איין מענטשן זענען מיר אנגעקומען צו בעסלסקין אין לאגער, נעבן סטארע הוטא. דער וועג האט זיך דוקא נישט איינגעקריצט אין זכרון, ווייל אלע געפילן האבן זיך געטראגן אין דער ריכטונג פון ציל, דאך געדענק איך גוט דעם וועג.

דעם ערשטן אוונט זענען מיר דורכגעגאנגען א טייכל מיט שרעקליך קאלטע וואסער. מיר זענען געגאנגען דורך דער נאכט און אין טאג־צייט זיך פארבאלטן. א גאנצן טאג זענען מיר געליגן נישט אויס רעדנדיק א ווארט. די צווייטע נאכט איז דער וועג געווען א שרעקלעך לאנגער, מיר זענען געגאנגען לענג אויס א גלאז פאבריק וואס דייטשן און פאליאקן האבן זי באוואכט, ווען נישט דאס געדיכטע פינסטערקייט וואלטן מיר באשטימט איינגעשטעלט אונדזער לעבן און די פארטיזאנער. דער וועגווייזער האט אונדז געיאגט, מיר זענען דעם וועג ממש געלאפן, כדי באווייזן ביז׳ן פרימארגן אנצוקומען צו בעלסקין.

אזוי לויפנדיק אַן אָטעם זענען מיר אנגעקומען אינדערפֿי אין לאגער אריין. דעם ערשטן מאי 1943.

אין לאגער פון די ביעלסקיס

טוביה האט קודם כל רעווידירט דעם נדן וואס מיר האבן אים געבראכט, ער איז זער נישט געווען צופרידן מיט דעם געווער, ער האט עס אויסגעדריקט לויט זיין שטייגער, אפנהארצק און מיט א שפראך אַן קולטור ברעמזן. ער איז געווען אנטוישט, ער האט געוויסט וועגן אונדזער „ווארשטאט", ער דארף האבן געווער פאר אלע זיינע מענטשן און מיר האבן אים אפגענארט א.א.וו. א.א.וו.

דאך האט ער אונדז גענומען צו זיך אין רעגימענט. יעדער איינער האט גע־דארפט זארגן פאר א ווינפלאץ פאר זיך אין די גרעניצן פון לאגער און זיך אליין אויסבויען זיין הויז. די מענער האט מען באלד גענומען צו דער וואך, דאס איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון צוטרוי צו אונדז און די טיפסטע אפשאצונג פון אונדזער מענערישער ווערט.

אזוי האבן מיר זיך אריינגעפלאכטן אין פארטיזאנישן לעבן פון דער ערשטער מינוט אין וואלד.

דער איבערגאנג פון קנעכטשאפט און קאמפּסלאזיקייט צו קעמפער וואס קעמפן מיט׳ן שווער באוואפנטן שונא און באשיצן נאך אנדערע שוואכערע פון זיך איז געווען א קורצער, אַן צופיל מחשבות און שטימונגען. א מחיה, מידע און פארמא־טערטע האבן מיר אויף זיך גענומען דאס וואכן די נאכט און מיר זענען דאס אויסגעשטאנען.

בעלסקי אוטריאד איז געווען זער א באוועגלעכער. ער איז געווען ארומגע־רינגלט מיט באוווינטע פונקטן, באצוימט מיט חוטורן און וועלדער און יעדעס מאל האבן מיר געמוזט צוליב פארזיכטיקייט וואנדערן פון פלאץ צו פלאץ און זיך פארשטעקן יעדעס מאל פון דאסניי ווי נאר מיר האבן זיך דערוויסט, אדער אפ־געפילט, אז מ׳האט אונדז באמערקט. דאס האט געווירקט פסיכאלאגיש נישט גוט, פון מאל צו מאל האבן מיר זיך געפילט ווי געיאגטע חיות.

ערב שבועות בין איך געשטאנען אויף וואכט אין א קנויט־פונקט אַן ערך 5 קילאמעטער פון דעם לאגער. אין מיטן דער נאכט פון ערב שבועות האט זיך געענדיקט מיין שמירה און מיין חבר אפרים פון וואשילישאק האט מיך אפגעביטן, מיר האבן צוזאמען געארבעט אין די ווארשטאטען, געווען אין געטא, אונדזער פריינטשאפט איז אויסגעשטאנען געגוגע פריוון און געווען א טיפע. דאן איז געווען א פאראָרדנונג נישט ווייזן זיך, אבער אין פאל ווען מ׳הערט א גערויש פון מאטארן דאן מוז מען זיך אפילו איינשטעלן און געבן צו וויסן וועגן דער געפאר מיט א שאס אין דער לופט. דאס איז געווען א סימן פון דרינגנדן אלארם. איידער כ׳האב זיך באוויזן לייגן שלאפן האט זיך געהערט אַן אליארם־שאס און נאר אים שיסערייען פון א קוילן־ווארפער, אין געציילטע מינוטן איז דער לאגער

געווען וואך און אויסגעשטעלט. די געווער טרעגער זענען געשטאנען ווי א פעסטע מויער ארום און די וואפנלאזע מענער און פרוין אין מיטן. מיר זענען געווען געריכטעט צו באשיצן זיך און צום אפטרעטן. באלד זענען געפאלן עטליכע באמבעס און שראפנעלן אין לאגער. מיר האבן נישט געוויסט ווי גרויס איז דער אטאקירנדיקער כוח און לויטן באפעל אנגעהויבן אפטרעטן אין דער ריכטונג פון ניעמאן, וואס אויף זיין צווייטן ברעג זענען געווען אנדערע פארטיזאנישע אטריאדן.

אונדזער פאלק האט זיך פארטיילט אויף צוויי, אונדזער טייל האט זיך ארויסגעוויזן דער קלענצטער אין צאל און אָן א קאמאנדיר. מיר האבן אויך נישט געהאט גענוג געווער און אויך נישט געקענט די געגנט, נישט געוויסט וווהין מיר גייען אפשר גלייך צום שונא אין די הענט אריין. מיר האבן געקאמאנדירט אויף זיך אליין, אנגעהאלטן רו און קאלטבלוטיקייט, מיר האבן געזען אז מיר גייען ריכטיק. פלוצים ווי מיר זענען אריין אין א נאקעטער פאליאנקע זענען מיר פלוצים געבליבן שטיין קעגנאיבער קאנאנען פון שונא אן א שוץ א באהעלטניש. מיט אונדז איז אויך געווען א פרוי מיט א זייגלינג ווען זי איז מיד געווארן האט זי איבערגעגעבן דאס קינד איר ברודער און פונקט דאן ווען מיר זענען ארויף אויף דער פאליאַנקע איז אים ארויסגעפאלן דאס קינד פון די הענט. ווען די ביידע האבן זיך אנגעבויגן אויפהייבן דאס קינד האט זיך דער גאנצער מארשרוט איינגעהאלטן, די דייטשן האבן אונדז דערפילט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אונדז באשאסן שווער און געדיכט. די העלפט פון אונדזערע מענטשן זענען דאן געפאלן.

מיר האבן אפגעצויגן צוריק אין וואלד אריין אונטער א האגל פון קוילן און שראפנעלן. די דייטשן האבן מורא געהאט פאר׳ן וואלד און אזוי האבן זיך די איבריקע פון אונדז געראטעוועט.

אין אונדזער באהעלטניש האבן מיר דערזען, אז אויסער די קרבנות האבן מיר אויך פארוואונדעטע, צווישן זיי אויך דוקשטולסקיס ווייב. דאס האט אונדז אפגעשוואכט און פארצווייפלט, דאס קרעכצן פון די פארוואונדעטע האט צעבראכן אונדזער גייסט. פלוצעם האט פאסירט און מיר האבן אויסגעבראכן אין א שטארקן געלעכטער. דער רעגן האט זיך געשטארקט מיר זענען געבליבן זיצן, נישט געקאנט ווייטער גיין דערווייל האט ביעלסקיס שוואגער זיך אויסגעדרייט צו אונדז און מיר האבן דערזען, אז זיין פנים איז געווארן פארענדערט ווי א קלאון, די פארב פון זיין היטל האט זיך צעלאזט אויף זיין פנים און אים פארגרימירט ווי א פאיאץ. מיר האבן זיך נישט געקאנט איינהאלטן, דאס געזיכט פון א מענטשלעך פנים מיט פארקרימטע שטריכן האט באווירקט אלע אונדזערע לאַך־מוסקולן, מיר האבן פארגעסן די געגנווארט, די צרות און אויסגעקנאלט אין א הילכיקן געלעכטער. צופעליק האט עס געהאלפן.

די נאכט זענען מיר נישט געגאנגען. מיר האבן נישט געוויסט וווהין צו גיין, ווו וועלן מיר געפונען אונדזער אוטריאד. מיר האבן זיך אויסגעלעגט און זיך בוראטן וואס צו טון. אין דעם הערן מיר א גערויש פון מענטשן. מיר האבן שוין

געמיינט דייטשן קומען און געכאפט דאס געווער. אבער דאס זענען געווען טוביה׳ס שליחים.

טוביה׳ס פאראנטווארטליכקייט פאר מענטשנס לעבן, פאר גראַטעוועטע ייִדן איז געווען געוואלדיק און ער האט געדענקט אין דער סומאַטאַכע אונדז אַפּצוזוכן.

א גאַנצע נאַכט האבן מיר זיך געשלעפּט מיט אונדזערע פאַרווינדעטע ביז מיר זענען צוגעקומען צו א פלאַץ וואס איז געווען געדיכט באַוואַלדערט און אין א וועניקער באַזעצטע סביבה. פאַר מיר — א נייע נישט באַקאַנטע סטאַנציע.

אויפצומאַרגנס האבן מיר געשיקט זוכן מיין חבר אפרים. ער איז נישט אַנגעקומען צו דער באַזע. מיר האבן אים געפונען אויף זיין פּאָסטן א טויטן. ער איז געווען צעשאָסן ווי א זיפּ מיט לעכער, איינגאַנצן באַפּאַרבט די קליידער מיט בלוט. זיי האבן אים פון דער נאָענט צעשאָסן. ער האט אונדז אָפּגעראַטעוועט. א דאַנק זיין העלדישקייט זענען הונדערטער ייִדן געבליבן לעבן אין יענער אַבלאַווע.

מיר האבן דאָ אָפּגעפּילט א פאַרראַט, עמיצער האט ענדעקט און איבערגעגעבן די דייטשן. נאָך 2 וואָכן האבן מיר געוווּסט ווער דער מוסער איז געווען. מיר זענען אַוועק צו דעם גוי. מיר האבן אים געפאַרשט אַזוי, אַז ער האט אַלץ מודה געווען און אַז אויך זיין ווייב איז א מוסערטע. מיר האבן זיי פאַרשלאָסן אין זייער שטיבל און דאָס אונטערגעצינדן מיט זיי צוזאַמען. אפילו די בודקע מיט׳ן שרעקליכן הונט זייערן האבן מיר פאַרברענט, כדי אַנצולערנען די גויים, אַז ייִדיש בלוט איז מער שוין נישט הפקר און כדי צו ראַטעווען אַנדערע ייִדישע לעבנס. אבער דאָס געפיל, אַז מיר זענען נישט קיין פליייש־שעפּסן איז געווען דאַביי דאָס גרעסטע און טיפסטע געפיל.

אין נאַליבאָקער פּושטשעס

טוביה האט אָפּגעפּילט, אַז מ׳האט אונדז דאָ דערשמעקט און מיט זיין וווּנדערליכן פאַרגעפּילט אונדז אַריבערגעפירט אין די ברייטע נאַליבאָקער פּושטשעס.

מיר האבן זיך ווידער איינגעגראָבן אין זעמליאַנקעס, ווידער די זאָרג פאַרן עסן, אויפשטעלן, וואַרשטאַטן צו באַנייען און באַשיצן דעם עולם. אַלץ אָנגעהויבן ווידער פון דאָסניי.

אונדזער גרופּע האט געהאט די אויפגאַבע, שאַפן עסן און פּראָוויאַנטן פאַר די מענטשן. דאָס איז געווען א שרעקליך געפערליכע אויפגאַבע. אויסער דער דייטשישער סכנה האבן מיר זיך איצט יעדעס מאָל אַנגעשטויסן אויף פּוילישע גרופּן, פאַררעטער און אומענטשן, וואָס האבן אַרומגעבושעוועט אין די וועלדער אויסצוראָטן די לעצטע רעשטלעך ייִדן.

פון מאָל צו מאָל זענען מיר אַרויס אונטערמינירן און באַשיסן דייטשישע מיליטער־וואַגאָנען, מיר האבן אויפגעריסן באַן־ליניִן און טעלעפאָן־פאַרבינדונגען. דאָ איז געוואַקסן אונדזער קעמפערישע טעטיקייט. דאָס לעבן האט געקלאַפּט, ס׳איז געווען פול מיט אינהאַלט און קאַמף. מיט דער צייט האט מען אונדז אויך

געגעבן אפצוהיטן דאס פלוג־פעלד פון די פארטיזאנער, דאס איז געווען א פארבאלטן פלאץ נעבן איווינ׳ץ פון דארט האבן מיר געהאלטן פארבינדונג מיט מאסקווע און דורך אים האט מען איבערגעפירט אונדזערע פארווינדעטע אין די רוסישע שפיטעלער און אויך געבראכט געווער און אמוניציע.

מיט דעם גאנצן פארמאסקירן דאס ארט האבן זיך די דייטשן דערוויסט פון דעם און אנגעהויבן זיך צו טשעפן און צו באשיסן. אונדזער לעבן איז אריין אין א נייער טאגטעגליכער געפאר, אבער די אויפגאבע און דאס פלאץ זענען אזוי געווען וויכטיק פאר יידיש לעבן, אז מיר זענען צוליב דעם אויסגעשטאנען אלץ. דא האבן מיר געמוזט האלטן די איניציאטיווע. מיר זענען דערגאנגען די דייטשן די יארן. מיר האבן זיי יעדעס מאל אפגעשניטן פון זייערע באזעס, מיר האבן זיי איבערגעריסן אלע קאמוניקאציע־מיטלן, סאיז געווען קאמיש ווי די גויים פון ארום האבן דערפון הנאה געהאט, די טעלעגראף סטויפעס וואס מיר האבן באנאכט אומגעווארפן האבן זיי אויפצומארגנס צוריק אויפגעשטעלט און די דייטשן האבן גוט געצאלט פאר דער ארבעט.

זומער 1943 — די גרויסע אבלאַווע

די דייטשן האבן קאנצענטרירט ביי אן 100000 זעלנער כדי ארומצורינגלען די ריזיקע פושטשע און אויסראטן די נעסטן פון די פארטיזאנער איינמאל־פאר־אלע־מאל.

פריער האבן זיי איבערגעזוכט אין אלע ארומיקע דערפער און זיי פארשלאסן, אז קיין איין פארטיזאן זאל דארט נישט זיין און נישט אריין. נאכדעם זענען זיי אריין אין וואלד שריט נאך שריט. ס׳אונדז געווארן ענגער פון מינוט צו מינוט. מיר האבן געבויט א בריק אין א פארבארגן אָרט, כדי זיך ארויסצורייסן פון דעם ריזן־קלעם. אבער די לעצטע מינוט האט איינער פון די רוסישע פארטיזאנער פארראטן און זיי האבן זיך דערוויסט פון דער בריק. טוביה האט זיך דאס דערוויסט און ער איז צו צו אונדז און מיט א רעוואלווער אין די הענט האט ער אונדז געצווינגען זיך אומצוקערן פון דער בריק און זוכן א באהעלטניש אין וואלד. דאס איז געווען איינע פון די ערגסטע סיטואציעס אין אונדזער פארטיזאניש לעבן. פאראמאל האסטו געזען, אז די גאנצע מי און ליידן, וואס מיר האבן איבערגעטראגן, כדי צו בלייבן לעבן איז אראפ אין ניוועטש, און נישטא מער קיין האפנונג.

ס׳איז געווען דא אן אלטינקער גוי וואס האט געלאזט קלעצער אין טייך, ער האט געקענט אלע געהיימע וועגעלעך אין וואלד, אלע פארדרייטע סטעזשקעס, וואס נאר חיות ווייסן זיי און ער האט אונדז ארויסגעפירט צום גוטן. א גוטער גוי, א צדיק. א דאנק אים האט די פארטיזאנקע אפגעראַטן.

די מערהייט פון וועג זענען מיר געגאנגען אין דרענאזש־ראַוון, א וואך האט גענומען דער גאנג, באטאג זענען מיר געליגן אין די וואסרן און באנאכט אויפגעשטאנען און געגאנגען און אין טאש האבן מיר אפילו א ברעקל עסן נישט געהאט, אויסער עטליכע זשמעניעס קארן־זערנעס. דער הונגער און דאס נאסקייט

האבן אונדז פארמאטערט און אפגעשוואכט, איין טאג האט עמיצער פון אונדזערע מענטשן זיך געמאכט א פייערל צו דערוואַרעמען זיין נשמה און מ'האט אונדז אנדעקט. צו אונדזער גליק האבן די דייטשן תמיד מורא געהאט פארן וואלד און זיי האבן נישט געוואגט צוצוקומען נאענט צו אונדז. זיי האבן אונדז נאר באמ־באַרדירט פון דער ווייטנס. א דאנק טוביה'ס געזונטן אינסטינקט זענען מיר ווידער געראטעוועט געווארן, לויט זיין פאראָרדנונג האבן מיר זיך נישט גערירט פונם פלאץ, די דייטשן זענען געווען זיכער, אז מיר זענען אוועק און געלאפן אונדז זוכן אויף אן אנדער פלאץ.

דער דורכפאל פון די דייטשן איז געווען טאטאל. די ריזן־אבלאווע וואס זיי האבן געמאכט האט זיך געענדיקט מיט גארנישט און זיי זענען אוועק. מיר זענען געבליבן אין דער סביבה אבער מיר האבן זיך צעטיילט אויף גרופן און אזוי ווייטער געלעבט און געקעמפט.

אונדזער באזוך אין לידע אין געטא

אונדזער גרופע מיט מאיר שמירקוביץ (שמיר) אין דער שפיץ איז געווען פון די קלענצטע, מיר האבן באַשלאסן ארויס קיין לידע אין געטא און ראטעווען ייִדן. דער וועג איז געווען א שווערער און פול מיט געפאר. אין געטא אליין האבן אונדז אפגעווארט גאנץ געפערליכע זאכן, דארט זענען געווען פאריקע פארטיזאנער, וואס זענען מיד געווארן פון די אבלאוועס און זענען צוריק אוועק אין געטא. זיי האבן אונדז אויפגענומען מיט באליידיגונגען און שאנדע. זיי האבן אויף אונדז אויפגעצווינגען דעם אונגעווינטשטען ויכוח פון „זעט וואס פאר א פנים איר האט" „מיר לעבן דאך ווי ס'איז נישט איז און וואס דערווארטעט אייך א.א.וו.". זיי האבן אונדז געשטערט זיך צוזאמענרעדן מיט מענטשן. זיי האבן פשוט אנגעווארפן פארצווייפלונג אויף ייִדן. ס'זענען מיט אונדז מיטגעגאנגען דאן א קליינע צאל ייִדן צווישן זיי א צוויי דריי ישיבה בחורים און אולקאניצקי.

אפריל 1944

דער ריקמארש פון די דייטשן איז געווען א פאלקאמענער, זיי זענען צוריק געגאנגען פון אלע פראנטען און פון אלע דעראבערטע פונקטן. פלוצים האבן זיך די ראלן געביטן. איצט זוכן די דייטשן אונטערוועגן אין די פושטשעס און באַ־העלטנישן אין די וועלדער. זיי באהאלטן זיך באטאג און גייען אין די נעכט און מיר יאגן זיי נאך.

דא האבן מיר זיי געטראפן אויפן בראך פונקט, מיר האבן זיי אומעטום פארלאפן, געהארגעט, געממיתט און דערשלאגן צענדליקער און הונדערטער פון זיי. מיר האבן געהאט דאן 10 גרויסע נקמה טעג און 10 גרויסע טעג פון גלויבן: אז מ'לעבט דערלעבט מען.

מיר האבן זיי נאכגעיאגט און דערנידריקט, געטרעטן מיט די פיס זייער כבוד, זייער ווירדע און מיט זייער אייגן דערפינדענע פיין־מיטלען האבן מיר זיי דערשלאגן צום טויט.

*

אין די וועניקע טעג פון סוף קריג האט אמענטש אזוי פיל געלערנט מער ווי אין יארן און דורות, מיר וועלן די לערע נישט פארגעסן מיר ווילן אז יעדער זאל געדענקען:

אין די ערגסטע צייטן דארף מען פרובירן איבערקומען די שוועריקייטן און לעבן און — דער עיקר — איבערלעבן דעם שונא. פרעכקייט, און זעלבסטאיינ־בילדונג, איז נישט קיין גאראנטיע פאר אייביקער העלדישקייט.

אין די געציילטע לעצטע טעג זענען געפאלן פון אונדז מער חברים ווי אין די 19 חדשים פון פארטיזאנקע, אבער דער עקספרימענט פון וועלן קעמפען בא אלע אומשטענדן אפילו אין מאמענטן פון פארצווייפלונג האט זיך בארעכטיקט.

ס׳איז כדאי געוועז.



רבקה קאנאָפּקע־מאַיאָרטשיק

דער טויט פאר די אויגן

א מאנטיק איז עס געווען, 5 אזייגער פערנאכט, איך גיב אקוק אין פענסטער אין זע אז פין לידער גאס לויפן זייער פיל מענטשן בלאסע, און צעשראקענע. איך לויף שנעל ארויס אין גאס, איך פרעג וואס עס איז געשען, ענטפערן זיי אז די דייטשן געפונען זיך אין לידער גאס, נעבן איטע אולקאניצקי ז״ל, פארשטייט זיך, אז עס איז גלייך פינסטער געווארן אין די אויגן, וויסענדיק וואס עס פאסירט אומעטום מיט די אידן, ווו די רוצחים זענען אריין, און אז מיר וועלן אויך האבן דעם זעלבן גורל.

אין 6 וואכן ארום דאנערשטאג, אזייגער 2 בייטאג, זענען אנגעפארן פיל מאשינען און זיך אבגעשטעלט נעבן קלאיסטער, עס זענען אראפגעגאנגען זייער פיל געסטאפא און גלייך געגאנגען פון שטוב צו שטוב און גענומען טרייבן אלע מענער אויפן מארק. פארשטייט זיך, אז זיי האבן געהאט גענוג הילף פון דער קריסטליכער באפעלקערונג. אויפן מארק האט מען אלע מענער אבגעהאלטן אייניקע שעה אין שרעק און פארן באפרייען אהיים האט מען אלעמען גוט צעשלאגן. 6 מאן האבן די באנדיטן מיטגענומען, יצחק אנצולס, גרשון איישישק ישעיהו אולקאניצקי און זרח, דוד און אסתר שעלובסקי און לויט די ידיעות האט מען זיי גלייך דערמארדעט. ס׳האבן זיך געלאזט הערן ידיעות, פון פיל שטעט וועגן מארד רויב און שחיטות, ביז וואנען ס׳איז געקומען דער טאג אויך אויף אונזער שטעטעלע. אין ווארנאווא זענען געווען צונויפגעטריבן פון די ארומיקע שטעטלאך, ביניאקאן שעלעטשניק דזוויענישיק און נאך.

פרייטאג דעם 8־טן מאי 5 אזייגער פארטאג איך גיב אקוק אין פענסטער, געסטאפא גייען ארום מיט געווער אין גאס, אין זיי האבן שוין קיינעם ניט דערלויבט צו גיין צו דער ארבעט, מען האט גלייך פארשטאנען אז קיין גוטס דערווארט אונדז ניט, און טאקע באטאג האט מען זיך דערוויסט אז אין לידע איז געווען זייער א גרויסע שחיטה, בלויז אביסל יידן זענען דעווייל געבליבן לעבן.

אונדזער שטעטל איז געווארן ארומגערינגעלט מיט פאליציי און דייטשן

איינציקע האט זיך איינגעגעבן אינטערצוקויפן די פאליציי און אנטלויפן פון שטעטל, מיר האבן פערמאסקירט א צימער און מיר האבן זיך בעהאלטן. 28 מאן מיר די שוועסטער מיט טאטע מאמע ז״ל, משה בלאכער מיט די טעכטער לאה מיט איר פאמיליע, שרה הינדע און פאמיליע, יצחק דווילאנסקי און פאמיליע ביסל און פאמיליע, אנקעלאוויץ פרוי און שוועגערן און די פאמיליע שניידער.



ר׳ יהודה קוניפקא ז״ל
שׂ״ן איז שו״ב פון וואראנאווע

דעם 11־טן מאי מאנטאג פארטאג זענען אנגעקומען 3 היימישע באנדיטן פון נייעם פלאן שרעקליך שיכורע און האבן גלייך גענומען טרייבן אלעמען אויפן מארק, פון מארק האבן זיי גענומען גרופעסווייז, אביסל איבערגעלאזן נאך צו לעבן, און די איבעריקע געטריבן אויפן נייעם פלאן, נעבן וועלדל, ווו ס׳איז געווען צוגעגרייט גריבער און אלעמען געשאסן. דאס ביסל איבערגעבליבענע אידן האט מען געבראכט צוריק אויפן מארק ביי יצחק דווילאנסקי איז געווען א לאקאטאר פון נאַ־וואגרודעק (ד״ר גארדאן) ער האט געוווסט ווו מיר אלע באהאלטן זיך. ער האט זיך איינגעשטעלט און איז געגאנגען צום פלאץ און געהאט ביי זיך סם, זיין מזל איז געווען אז ער איז געבליבן לעבן, האט ער אונדז אלעמען פארשריבן צעווישן די לעבעדיקע און איז אונדז געקומען זאגן אז מיר קענען שוין ארויס פון בעהאלטענישן מיט צעבראכענע הערצער זענען מיר אלע ארויס אויפן פלאץ צו דעם ביסל איבער־געבליבענע יידן. דער געביטסקאמיסאר ווינדיש האט געהאלטן א רעדע און געזאגט אז נאר פארלויפיק בלייבן מיר לעבן און אז אלעס גייט נאך לידע, מען האט אלעמען אויפגעטריבן אויפן נייעם פלאן. מיר זענען געווען ביי זלמן לווין אין שטוב. דעם ערשטן טאג שבועות דאס איז אויסגעקומען שבת האט מען געהייסן יעדן נעמען א פעקעלע און מ׳האט אלעמען געטריבן צו פיס ביז באסטון, די וואס זיינען געגאנגען לאנגזאם האבן נאך אויפן וועג געכאפט גוט געשלאגן. פון דער פאליציי און באסטון האט מען אונדז געגעבן וואגאנען און מ׳האט אונדז געפירט קיין לידע פארנדיק אין די וואגאנען האבן מיר געטראכט, ווי גוט וואלט עס געווען ווען מ׳קאן אזוי פארן און פארן אייביק.

שמואל קאָפּעלאָוויטש ז"ל

נאך אביסל נקמה גענומען

וועגן מיינע טעג אין בילסקיס פארטיזאנקע וועל איך נישט שרייבן, דאס זענען געווען טעג פון זיסער, טעטיקער נקמה און ס'וואלט זיך געוואלט שרייבן א סאך, אבער איבער אונדזערע טאטן האט מען שוין געשריבן, אנדערע און בעסערע פון מיר.

וועגן פארטיזאנישע נקמה ווייסט שוין יעדערער, איך וויל איצט דערציילן וועגן א ספעציעלער נקמה נאך דער פארטיזאנקע.

✶

דעם 10.7.1944 האט ביעסלקי באקומען א באפעל צו פארלאזן דעם וואלד און ברייננגען דעם גאנצן אטריאד קיין נאוואגרודעק.

9 א זייגער אינדערפרי זענען מיר געווען אויסגעשטעלט אין רייען. פאראויס איז געריטן טוב'ה ביעלסקי מיט דער ראזוויעטקע (סירת) און מיר האבן פאלאזט דעם וואלד. מיט א געפיל פון פרייד און צער האבן מיר אים פארלאזט, דאך האבן מיר אין דעם וואלד דעם זיסן טעם פון נקמה געפילט.

דער טאג איז געווען א שרעקליך הייסער און דער וועג א זאמדיקער, א שווערער. אויף די פעלדער און די וועלדער האבן זיך געוואלגערט צענליקער־צענליקער טויטע אפגעשינדענע דייטשן. פיל וועלדער האבן געברענט און פון די פארברענטע טויטע פגרים האט זיך געטראגן א שרעקלעכער עקעלדיקער ריח. שווער צו אטעמען.

אויף די וועגן זענען געפארן טויזנטער רויט־ארמייער, וואס האבן געפירט מאסן דייטשישע געפאנגענע. די נאצישע פהדנים האבן מורא געהאט פאר דער נקמה פון די פארטיזאנער, האבן זיי זיך פרייוויליק איבערגעגעבן דעם רוסישן מיליטער.

אין נאוואגרודעק זענען שוין געווען אנדערע פארטיזאנישע אטריאדן, מען האט אונדז אלע צוזאמענגענומען אין שלאס־פארק און א רוסישער גענעראל־מאיאר האט געהאלטן פאר אונדז א רעדע, ער האט געזאגט צווישן אנדערס:

— די קריג איז נאך נישט פארענדיקט און איר פארטיזאנער דארפט אונדז נאך העלפן דערשלאגן דעם משוגענעם, פארוווינדעטן, נאצישן וואלף ביי אים אין זיין אייגענער נארע.

נאך דעם האבן אלע פארטיזאנער געקריגן זייערע „ספראווקעס". אייניקע האט מען באפרייט און ערלויבט צו גיין אהיים.

פאר מיר איז געשטאנען די פראגע: ווי איז איצט מיין היים?

קאן איך דען גיין צוריק קיין ווארשאווע ווי מיר אלע זענען געבוירן גע־ווארן און אונדזערע יארן פארבראכט, ווען מיר ווייסן, אז ווארשאווע איז איצט איין מאסן־קבר פון אונדזערע טייערסטע ליבסטע מענטשן?

מיר האבן געוויסט, אז קיינער וועט אונדז דארט נישט מקבל פנים זיין, דאך האבן מיר זיך געצויגן „אהיים" ווי א ביבער, וואס ציט זיך צו זיין נעסט נאך יעדן חורבן זיינעם. מיר זענען געגאנגען אהיים צופוס, ס'איז נאך קיין טראנספארט נישט געגאנגען אער צו.

דעם 18.7.1944 זענען מיר, א גרופע פון 25 מענטשן אנגעקומען צוריק קיין ווארשאווע. אויף וויפיל כ'געדענק זענען מיר אנגעקומען דורך דעם ארמענישקער געסל ארום 3 אזייגער באטאג.

אויסגעמאטערטע, הונגעריקע און אין א שטארק געדריקטער שטימונג, זענען מיר אריין אין שטעטל.

דאס שטעטל האט אויסגעזען טויט. די הייזער זענען געשטאנען ווי אמאל, נאר קיין מענטש האט מען נישט געזען. די פאר מענטשן וואס מיר האבן צופעליק באגעגנט האבן אויסגעגלאצט אויף אונדז דערשטוינטע אויגן, נישט גלייבנדיק, אז מיר לעבן נאך. זיי זענען געווען הונדערט פראצענט זיכער, אז זיי זענען אלע פטור געווארן. קיינער איז נישט געגאנגען צו זיך אין שטוב, מיר האבן זיך געהאלטן צוזאמען.

אין שטעטל זענען געווען א פאר רוסישע „בעלי־בתים". א בעאמטער פון סאוויעטישן וואיען־קאמאט מיט א פאר געהילפס מענטשן זיינע. זיי זענען איינגע־שטאנען ביי בנימין לעווין אין הויז. מיר האבן זיך געמאלדן און דערציילט, אז מיר זענען פון דעם שטעטעלע און מיר זענען באפרייט פון די פארטיזאנער. יעדער פון אונדז האט געהאט מיט זיך זיין געווער. מיר האבן דאס נישט פארבאלטן.

ער האט אונדז געהייסן נעמען פאר זיך דאס הויז פון גאלדע יחיאל'ס און מיר זאלן זיין אלע צוזאמען, און אז אויף ביינאכט זאלן מיר אוועקשטעלן א וואך אין שטוב און ווו נאר מיר וועלן זיין, ווייל די היגע באפעלקערונג טאר מען נישט גלויבן.

אין גאלדע יחיאל'ס הויז האבן מיר געפונען א קריסטליכע פאמיליע, זי האט זיך געמוזט ארויסקלויבן און מיר האבן דאס הויז צוגענומען פאר זיך.

מיר זענען געשלאפן אויף דער פאדלאגע, ווייל מיר זענען שוין געווען געוויינט דערצו מאנאטן לאנג, מיר האבן אויך נישט געהאט אויף וואס צו שלאפן, און נישט געוואלט בעטן געלעגערס ביי די גוים. אבער עסן האבן מיר געמוזט אויסבעטן ביי דער פיינדליכער באפעלקערונג, ביי באקאנטע שטעטישע פויערן. מיר איז אויסגעקומען צו עסן ביי א פאמיליע אין באד געסל. דאס עסן איז מיר געבליבן שטיין אין האלדז, דער אפעטיט איז מיר פארגאנגען, ווען כ'האב פלוצעם דערזען אין זייער הויז יידיש אנגעראבעוועט מעבל און פארשידענע ספעציפיש יידישע

זאכן. מיר האבן נישט גערעט וועגן דעם נישט איך מיט זיי, נישט זיי מיט מיר.

נאכדעם האבן מיר געקריגן קארטאפל מיט ברויט און ציבעלע און זיך אנגע־הויבן אליין קאכן עסן אין שטוב. און געגעסן אלע צוזאמען.

די לאגע אונדזערע איז געווען זייער א שווערע, אין פאליטיש־זיכערן אינזיכט — אפילו מסוכן, יעדע מינוט האט אונדז געדראט דער טויט.

די מלחמה האט זיך נאך נישט געענדיקט. דייטש זענען אנטלאפן פון די פראנטן מיטן געווער און מיט זיי פוילישע פארטיזאנער. ביידע האבן פיינט געהאט די רוסן מיט די יידן און ביידע האבן גראסירט אין די וועלדער ארום וואראנאווע. מיט דער צייט האט מען אראפגעבראכט אן אפטיילונג פון רוסישע זעלנער מיט א נאטשאלניק פון דער ענ־קא־ווע־דע. צו באקעמפען די באוואפנטע רעשטלעך פון די פיינדליכע כוחות. דער שטאב האט זיך איינסטאלירט אין רא־מאנישקער געסל ווו ס׳איז געווען ווילענסקיס מיל. דארט האבן זיי אויך איינגע־ריכטעט א טורמע.

די געפאנגענע דייטשן פלעגן זיי ברענגען אין טורמע אריין און מיר פאר־טיזאנען האבן געדארפט האלטן וואך איבער זיי. ווען מהאט אנגעזאמלט 25 נאצישע מערדער פלעגן מיר זיי אפפירן קיין לידע, ווו ס׳איז געווען א געפענגס לאגער.

איינמאל האב איך און יואל חפץ געהאלטן וואך ביי דער טורמע, מיינע שטיוול זענען געווען צעריסן און כ׳זע א דייטש מיט נייע שטיוול, האב איך אים ארויסגע־רופן און געהייסן אויסטון די שטיוול, ער האט געמיינט, אז מיר גייען אים שיסן, ווייל אזוי האבן זיי זיך געפירט, האט ער זיך געווארפן צו מיינע פיס מיט א היסטערישן געיאמער, ער האט געוויינט און זיך געבעטן מיר זאלן אים לאזן לעבן. ווען איך האב צוגענומען ביי אים זיינע נייע שטיוועל און אים געגעבן מיינע צעריסענע און אים געלאזט אוועקגיין מיט זיי א לעבעדיקער, איז נישט געווען קיין גליקלעכער פון אים.

נאך א פאר וואכן איז אנגעקומען קיין ווארענאווע לייבקע קפלן, וועלכער איז געווען א פאליציאנט אין ווילנע, ער איז געווען אין דעם מונדיר און דערציילט, אז ער גייט צו א פויער אין דארף אפנעמען די קליידונג וואס זיין פאמיליע האט אים איבערגעלאזט פארן גיין צום טויט. מיר האבן אים געראטן נישט צו גיין, ווייל דארט געפונען זיך פיל פוילישע מערדער און ס׳איז געפערליך. אויף דעם פריינדליכן קריסט זאל ער זיך נשט פארלאזן, ער האט אונדז נשט געפאלגט, ליידער האבן מיר אים שוין מער נישט געזען.

דאס זעלבע איז געשען מיט איסר פופקע, ער איז געפארן אפנעמען מעבל און באצאלט מיטן לעבן, נאך דעם וואס ער האט זיך געראטעוועט פון די נאציס.

✶

דער וואיענ־קאמאט האט אנגעהויבן מאביליזירן פיל פון דער פוילישער באפעלקערונג און זיי ארויסגעשיקט אויף די פראנטען, וואס זענען נאך געווען טעטיק. זיי פלעגן אבער זיך קעגן שטעלן און ס׳איז געווען א ספעציעלע מילי־

טערישע אפטיילונג, וואס פלעגט זיי דארפן כאפן און ברייגען קיין וואראנאווע. די רוסן האבן באשעפטיקט דאביי יידישע קעמפער.

מיר זענען אבער געבליבן וועניקע. יידישע פארטיזאנער האבן אנגעהויבן ארויספארן פון וואראנאווע קיין לידע. פון אונדז זענען געבליבן נאר איך, משה בערקאוויטש, זיין זון לייזער און יידל (דעם חזנ'ס) קאנאפקע.

מיר האבן געוואלט זיין דא און זיך נוקם זיין אין אונדזערע גוטע "שכנים" די רוצחים און פאררעטער. מיר האבן אויסגעשטעלט א ליסטע פון פוילישע באנדיטן וואס האבן געהאלפן אומברייגען אונדזערע טייערסטע און זיי איבערגעבן דעם נאטשאלניק נ.ק.וו.ד. אונדזער בעסטער פריינט. איך פלעג מיט אים אפזיצן אין זיין ביורא שטונדן־לאנג און ער פלעגט אלץ פראטאקאלירן. מיר האבן אין די פראטאקאלן אונטערגעשטראכן ספעציעל דאס, וואס זיי האבן אויסגעמארדעט רוסן. פאר יידן אליין וואלט מען זיי גארנישט געטון. כ'האב זיך אנטערגעשריבן אויף אלע פרטים און געווארט אויף זייער רעאגירן.

אזוי האט מען אויף מיין אונטערשריפט ארעסטירט אין איין וואך טעקלע באריישעס דעם שוסטער, די וואס האט ארומגערינגלט צוזאמען מיט אנדערע כוליגאנעס אונדזער שטעטל, ארויסגעפירט די יידן אויפן מארק פלאץ און געגאנגען מיט די דייטשן צווישן אונדז, ארויסגענומען די „קאמוניסטן" און זיי דערשאסן אונטערן שטעטל אין וואלד. זיי האבן ארויסגענומען שמואל שעלופסקיס קינדער, גרשון איישישקי, יצחק וואלפיאנסקי און שייקע אולקאניצקי און אייגנהענטיק געבראכט זיי צום פריסטן טויט. מיר האבן דאן אויסגעגעבן דעם פוילישן לערער דאמאנסקי, וועלכער איז געווארן בירגערמייסטער פון שטעטל ביי די דייטשן און קאמענדאנט פון דער פוילישער פאליציי. מ'האט אים באלד ארעסטירט און פיל אנדערע.

✶

א מאנאט נאך זייער ארעסט האט מען מיך ארויס גערופן אלס עדות קיין באראנאוויטש. כ'האב נישט געוויסט אפילו פאר וועמען.

ס'איז געווען זער שווער אנצוקומען קיין באראנאוויטש, די טראנספארטן און די וועגעס זענען געווען זייער שלעכטע.

אין באראנאוויטש האט מען מיר געהייסן גיין אין טורמע, ארייגעפירט אין א גרויסן קאלטן צימער, ווו ס'איז געזיצן אן אויספארשער פון דער פאליטישער אפטילונג. ער האט אפגעריסן א שטיק צייטונג און גענומען וויקלען פאר זיך א ציגארעט פון מאכארקע, מיך אנגעקוקט א גוטע 10־15 מינוט און קיין ווארט נישט געזאגט, ערשט דאן האט ער מיר אנגעהויבן שטעלן פראגן. ערשטנס וויאזוי בין איך לעבן געבליבן ווען אלע יידן האט מען אויסגעהרגעט? וואס האב געטון פאר די דייטשן? אין דער דייטשישער אוקופאציע? גלייך ווי איך וואלט געווען דער פארדעכטיקטער. כ'האב אים דאקומענטאריש באוויזן, אז כ'בין אוועק פון געטא אין וואלד אריין און געווען אין די פארטיזאנער. ענדליך האט ער מיך געפרעגט

צי קען איך דאמאנסקין און צי כ׳בין געווען מיט אים אין גוטע באציונגען. מיינע ענטפערס האט ער פארשריבן. ער האט פארשריבן, אז זייענדיק דער פאליציי־קאמענדאנט האט דאמאנסקי צונויפגענומען צוויי הונדערט און פינף און זעכציק ווילנער יידן, וואס זענען אנטלאפן פון דער ווילנער שחיטה צו אונדז, ער מיט די דייטשן האבן זיי ארויסגענומען פון קינא, ווו זיי האבן זיי קאנצענטרירט, ארויסגעפירט זיי צי פינף־און־צוואנציק מאן אין וועלדל, וואס פירט צו דער באן און זיי דארט דערשאסן.

כ׳האב אויך צוגעגעבן אז דאמאנסקי האט אויף אייגענער איניציאטיוו געהאלפן אויפדעקן און אויסכאפן רוסישע זעלנער, וואס האבן זיך ביי אונדז אויסבאהאלטן און זיי האבן זיי דערשאסן.

דאס האט אויף אים געווירקט שרעקליך. ער האט זיך געווענדעט צו מיר:

— כ׳וועל אים איצט הייסן אריינפירן און אים אין די אויגן וועסטו דארפן ענטפערן אויף אלע פראגן.

כ׳בין ארויסגעגאנגען פון צימער נאך דעם האט מען מיך צוריק געבראכט, דאמאנסקי איז שוין געשטאנען דא מיט׳ן פנים צו דער וואנט. מ׳האט מיר געהייסן זיך זעצן. נאך 10 מינוט האט מען געהייסן דאמאנסקין זיך אויסדרייען צו אונדז.

ווען ער האט מיך דערזען האט ער מיך באלד דערקענט. ער האט אויסגעגלאצט א פאר אויגן און מיט דער האנט צום מויל געוויזן, אז ער איז הונגעריק. געמיינט אודאי, אז אלס באקאנטער וועל איך אים ברענגען עסן. ער האט אויסגעזען שרעקליך, אינגאנצן פארוואקסן, די קליידער צעריסן און מיט קלומפעס אויף די פיס.

דער סלעדאוואטעל האט אים געפרעגט צי קען ער מיך און צי מיר האבן זיך קיינמאל נישט געקריגט?

ער האט געענטפערט, אז ער קען מיך און מיין גאנצער משפחה.

דער פארשער האט דאן מיך געפרעגט צי קען איך אים און וואס האב איך צו דערציילן.

איך האב געקוקט דאמאנסקין אין די אויגן און אלץ אים געזאגט וועגן די ווילנער יידן וועגן זיין גאנצן צוזאמענארבעט מיט די דייטשן.

ער האט אראפגעלאזט זיין קאפ, ער האט געוויסט וואס זיין אורטייל וועט זיין.

פארן ארויסגיין, האט ער מיך געבעטן כ׳זאל זיין ביי זיין פרוי, איר דערציילן ווי ער איז און אז זי זאל אים שיקן פעקלעך.

✶

שפעטער מיט א וואך האט מען מיך ווידער גערופן אין פאליציי אריין, מ׳האט מיר געהייסן פארן קיין מינסק עדות זאגן דארט אין טורמע. כ׳האב ווידער נישט געוויסט קעגן וועמען.

מינסק איז געווען אינגאנצן צעקלאפט און זער שווער געווען זיך אריענטירן. האב איך געפרעגט א פארבייגייענדיקע פרוי ווי צו גיין, זי האט מיך באלד דער־

קינט, אז כ'בין א ייד. זי איז געווען א יידיש־קינד געוווינט נישט ווייט, כ'האב געהאט צייט עטליכע שעה בין איך מטגעגאנגען מיט איר אהיים. איר וווינונג איז געווען שרעקליך ארעם און קליין. זי איז געווען א ציין דאקטארן. זי האט מיך געפרעגט צי כ'ווייס, אז היינט איז פסח. כ'האב זי באווינדערט. איך האב נישט געוויסט כ'האב געזאגט דעם אמת אז כ'ווייס נישט. דאן האט זי גענומען שווארצע מייל, וואס זי האט געהאט, פארקנייטן מיט וואסער און געמאכט א מצה אויף א פרימוס מיט א פאטעלניע, א יידישע נשמה. כ'האב זי פארלאזט מיט א באזונדער שטאלץ אויף אונדזערע מענטשן, א געבוירענע, דערצויגענע און אויפגעוואקסענע אין יידישקייט־לאזן רוסלאנד און געדענקט אין פסח און אין עסן מצה. ווער קאן דאס אפשאצן א יידיש....

אין טורמע האט מען מיך ארייגעפירט אין א צימער, ווו ס'איז געזיצן דער וואיענע־טריבונאל מיט א פאלקאווניק אין דער שפיץ. דא האט מען מיר געזאגט, אז עס גייט אין טעקלע באריישעס.

ס'האט זיך ווידער איבערגעחזרט די שפיל פון ארויסגיין און אריינגיין. ווען זי איז שוין געשטאנען מיט'ן פנים צו דער וואנט. א.א.וו. כ'האב באשטעטיקט די פאפירן וואס כ'האב אין וואראנאווע אונטערגעשריבן.

זיי האבן זי געפרעגט צי זי קען שמואל קאפעלאוויטש פון וואראנאווע, מ'האט איר איבערגעפרעגט, צי זי פילט זיך שולדיק אין צוזאמענארבעטן מיט די נאציס.

אויף אלעס האט זי געענטפערטש נעגאטיוו. ווען מ'האט איר געהייסן זיך אומקערן צו מיר און ענטפערן צי זי קען מיך האט זי געענטפערט: — יא!

זי איז געווארן טויט בלאס, ווען זי האט מיך דערזען און אראפגעלאזט דעם קאפ.

איך האב אויך געענטפערט, אז כ'קען זי נאך פון מיין פריסטער קינדהייט. כ'האב איר אין פנים ארייין ארייגעזאגט אלע אירע פארברעכנס, און אז זי האט זיך אנגעגעבן פרייוויליק העלפן די דייטשן, זי קאן פערפעקט יידיש און פארשטייט דייטש.

בשעת מיין עדות זאגן האט זי מיר עטליכע מאל איבערגעריסן, אבער איך האב איר אויפגעוויזן, אז זי האט פשוט געארבעט אלס אנטיקאמוניסטן. כ'האב דערציילט א פאקט צוליבן עפעקט, אז זי האט אנגעוויזן אויף 2 רוסישע סאלדאטן, וואס האבן זיך אויסגעבאלטן ביי מיר אין הויף און די דייטשן האבן זיי פאר אירע אויגן דערשאסן ביי איר אין גארטן.

דאס האט געווירקט.

כ'בין צוריק געפארן קיין וואראנאווע מיט א פארלייכטערט געפיל.

כ'האב גענומען נקמה פון אונדזערע מערדער, די רוצחים וואס האבן געהאלפן אויסראטן אונדזערע טייערסטע און ליבסטע.

בת שבע פודיסיוק־קאלמאנאוויטש

מיינע רוסישע נעבעך־טעג

דעם 13.4.40 האבן די רוסן פארשיקט מיין מאמען קיין סיביר און איך בין מיט איר מיטגעגאנגען פון אייגענעם ווילן, כ׳האב געוואלט זיין מיר איר דארט אין דער פרעמדער ווייטקייט.

זעקס קליינע קינדער זענען מיר געווען ווען דער טאטע איז געשטארבן און זי האט אונדז אויפגעהאדעוועט ווי א מאמע מיט א טאטע צוזאמען, פון די 6 קינדער זענען מיר איצט געווען מיט איר נאר דריי, ווען די רוסן זענען אריין איז מיין ברודער אהרון אריבער די גרעניץ און איז געקומען קיין ווילנע, ער האט געוואלט זיך ארויסראטעווען פון זייער נקמה ווייל ער איז געווען גרינדער און קאמענדאנט פון ביתר פון דער ,,נאצ. פאשיסטישער באוועגונג״.

די מאמען האבן זיי פארשיקט אן איר שולד און אָן א מינדסטע יורידישע באשולדיקונג, דאמיט האבן זיי געוואלט כאפן אהרונען און צוליב טון מיט דעם די שטעטישע קאמוניסטן.

זעכציק יאר איז זי האלט געווען, ווען זי האט זיך געמוזט געזעגענען מיט אלץ, וואס איז איר געווען טייער אין שטעטל און אוועקוואגלן אין דער ווייטער פרעמדקייט.

די רוסן האבן אונדז דערלויבט צו נעמען אלץ וואס מיר ווילן. אזוי זענען מיר אנגעקומען קיין ניקאלאייעווקע, א שטעטל נעבן פעטראפאוולאווסק אין צפון פון סיביר. 2 יאר זענען מיר דארט געווען, מ׳האט אונדז געגעבן א צימער אין א קאלכאז, אבער קיין ארבעט האט מען אונדז נישט געגעבן, מיר האבן אויך נישט געקאנט אננעמען קיין ארבעט, נישט מיין מאמע צוליב איר אלטקייט און נישט איך וואס האב געמוזט ארומגיין ארום איר. מיר האבן געלעבט פון דעם וואס מיר האבן פארקויפט זאכן, צום גליק איז דא געווען אזא מאנגל אין קליידונג, אז מיר האבן געקריגן וויפל מיר האבן געוואלט פאר די בגדים און פאר יעדער זאך אזוי האבן מיר געקאנט לעבן וואכנווייז.

אין 1942 האט שיקארסקי אנגעהויבן ארגאניזירן די פוילישע בירגער, כדי זיי קאנצענטרירן און ברענגען צוריק אין זייער ,,היימאט״ האט מען אונדז אויך געשיקט ארבעטן ביי די באן־ליניעס אין אקומוליאנסק קארטלעי. מיר האבן געוווינט אין א שטעטל אסול נעבן קאראגאנדאר, זיבן פרויען זענען מיר געווען, מיר האבן געארבעט גלייך מיט די מענער ביי לעגן די באן ליניעס. אזוי זענען מיר געווארן רוסישע בירגער.

אין אונדזער לעבן אין קאלכאזן זענען מיר אויסגעשטאנען א סך שוועריקייטן. זיי האבן אונדז נישט געלאזט ארבעטן ווען מיר האבן אפילו געוואלט און געמוזט

ארבעטן, זיי האבן געזאגט אז מיר קאנען לעבן פון פארקויפן אונדזערע זאכן און אנהאלטן אפילו 10 יאר אן ארבעט, יעדער איינער האט גאוואלט מיר זאלן וווינען ביי אים, אייגענטליך איז יעדע דירה ביי זיי באשטאנען בלויז פון איין צימער ווי גרויס די משפּחה זאל נישט זיין, מיר האבן געוווינט אין איין צימער מיט 10 זייערע נפשות בעט־ביי־בעט. דירה־געלט האבן מיר געצאלט מיט זאכן, יעדן פרימארגן זענען מיר ארויסגעגאנגען ווי פעדלארעס פארקויפט זאכן און געלעבט.

אין אסול זענען מיר געווען 4 יאר, דארט האט מיין מוטער געמוזט אנקומען צו מיין פלעגע און צוזעאונג און איר דאקטאר האט מיך באפרייט פון דער ארבעט.

די מענטשן אין דארף זענען געווען גאנץ גוטע בטבע, אבער זיי האבן נישט געקאנט צוזען ווי א יונגע פרוי ארבעט נישט, כהאב געפילט, אז מער וועל איך נישט קאנען אנהאלטן אזוי אן ארבעט. ס׳איז פשוט געווארן מסוכן פאר מיר און כ׳האב געזוכט מיט אלע מעגליכקייטן א וועג, זיך אריינצודרעען אין דער צוגעטיילטער ארבעט, כ׳האב אבער געזוכט א לייכטע ארבעט.

צווישן די געציילטע יידישע משפּחות איז געווען איינער א סוויטיצקי פון סלאנים, א שניידער פון פאך און זיין ווייב אויך א גוטע נייטארן, זי האט געוויסט מיין לאגע און מיין פארלאנג און זי האט מיך צוגערעט כ׳זאל אריין אין ארטעל פון געניי. דאן האט זיך אויפגעעפנט א ניי ארטעל, אבער איך האב נישט געוויסט בכלל וואס הייסט נייען האט זי מיך אויף שנעל צוגעלערנט אביסעל נייען און כ׳בין אריין אין ארטעל. אזוי איז מיר שוין לייכטער געווארן.

אין א יאר ארום האט זיך די לאגע פון די דארטיקע בירגער פארבעסערט, זיי האבן געקריגן צוגעטיילט קליידער אין קאלכאז און מיינע בעלי־בתים האבן זיך שוין נישט געגוי־טיקט און אונדזערע קליידער, האבן זיי אונדז גאנץ איינפאך געהייסן ארויס פון זייער וווינונג, מיר האבן אבער נישט געהאט וווהין צו גיין, ס׳זענען נישט געווען קיין דירות צו קריגן, כ׳בין געווען פארצווייפלט. צופעליק האבן מיר זיך באגעגנט מיט דער פאמיליע באראש פון סארנע, א פאמיליע מיט א סך קינדער האבן מיר באשלאסן צוזאמען קויפן א לעפיאנקע, אזא ליימיקע הייזקע, מיר האבן באצאלט מיט 2 קישנס און בעטגעוואנט און מיר האבן געקויפט די שטוב ביי איינעם, וואס האט אונדז אוועקגעגעבן זיינע און זיך אויפגעשטעלט א צווייטע.

מיר האבן צוזאמען געוווינט ביז 1944.

✶

איינמאל, ווען כ׳בין געקומען בייטאג פון דער ארבעט אויף מ־טאג, קומט אריין אין לעפיאנקע א זעלנער פון דער געהיים פאליציי מיט א פלאש און האנט און פרעגט צו מיר האבן אפשר וואדקע, אדער אפשר ווייסן מיר ווו מ׳קאן קויפן. כ׳האב אפגעפילט, אז דא האט מען אונדז פארלייגט א פאסקע האב איך געענטפערט מיט א קינסטליכער רוהיקייט:

— דא וווינען נאר פרויען און פרויען טרינקן נישט.

ער האט זיך ארומגעקוקט ארום און ארום און איז אוועק.

אין צוויי וואכן ארום אין שבת צו־נאכטס זענען געקומען צו אונדז צוויי לאמזשער פרויען, וואס האבן געוווינט מיט אונדז אמאל און אסול אין געבעטן מיר זאלן זיי דערלויבן צו נעכטיקן ביי אונדז. זיי פלעגן קויפן מעל אין סאווכאז און זי פארקויפן, מיר האבן זיי שוין עטליכע מאל געלאזט נעכטיקן ביי אונדז. איינמאל זיצן מיר אזוי און רעדן איבער דעם וואס ס'וועט זיין נאך דער מלחמה, מיר האבן געוויסט אז פוילן עקזיסטירט שוין נישט פאר אונדז, כאטש מיר האבן נישט געגלויבט, אז די בראך איז אזוי גרויס, מיר האבן געמיינט, אז די אלע מעשיות וועגן די נאצישע גרויזאמקייטן זענען פאליטישע פליאטקעס פאר פראפאגאנדע צוועקן. מיר זענען זיך אזוי פארזיצן ביז שפעט אין דער נאכט אריין. זער שפעט זענען מיר איינגעשלאפן. ווי נאר מיר האבן געכאפט דעם ערשטן דרימעל הערן מיר מ'קלאפט, מיר פרעגען:

— ווער איז דאס ?

ענטפערן זיי:

— די נ.ק.וו.ד.

האב איך א זאג געטון:

— ווארט צו א ווילע, כ'טו זיך אן און וועל עפנען.

דערווייל האב איך אלע פרויען אויפגעוועקט, מיר האבן זיך אנגעטון אויף שנעל. כ'האב געהייסן פארשטעלן די שיין פון די פענצטער און צוהאלטן פעסט די טיר. ווען מיר האבן זיך גוט באריקאדירט האבן מיר אנגעמאכט א געשריי. זיי האבן אויסגעשאסן עטליכע מאל און אוועק. ארום 2 אזייגער האט זיך דאס שיסעריי אויפגעהערט און אין דרויסן איז געווארן שטיל. מיר האבן מורא געהאט צו בלייבן אין שטוב, מיר זענען פארזיכטיקערייט ארויס דורך דעם פענצטער און אוועק אין פאליציי. דער דיזשור אפיציר איז נישט נתפעל געווארן פון אונדזער שרעק און געזאגט:

— גייט שלאפן ווייבער, ס'איז גארנישט נישט געשען.

זיין ענטפער האט מיר אויסגעזען אביסל פארדעכטיקט. כ'האב זיך נישט געקאנט בארוהיקן, כהאב געהאט א געפיל, אז עפעס וועט דא נאך געשען, עפעס פיקט זיך דא, אויפצומארגנס האב איך דערציילט די געשיכטע אונדזערע יידישע חברים ביי דער ארבעט, אבער קיינער האט מיר נישט געקאנט געבן קיין עצה. ביי מיר האב איך באשלאסן נישט צו נעכטיקן ביי אונדז אין לעפיאנקע, כ'בין אוועק צום יידישן קאוואל, א באקאנטער אין דער סביבה ארבעטער און שטארקער מאן, ער האט געהאט גוטע באציִיונגען מיט אלע און אלעמען געקענט, כ'האב געוואלט ער זאל זיך אוסטארן פאר אונדז, אבער ס'איז געווען צו שפעט, ער האט אונדז איינגעארדנט א צימער אויף דער נאכט נאר און מיר זענען רוהיק אובערגעשלאפן די נאכט.

און א פאר טעג ארום האט מען ביי דער ארבעט דערציילט אז אונבאקאנטע מענטשן האבן אין דער נאכט באשאסן איינע פון די לעפיאנקעס און דערשאסן דריי

מענטשן. לויט ווי מ׳האט דערציילט האבן די מערדער געהאט א טעות, זיי האבן דאס אונדז געמיינט און צופעליק, געהרגעט אנדערע.

ערשט דאן האט זיך די רוסישע פאליציי צעוויגט און אנגעהויבן זוכן, די מענטשן פון ארום האבן איר געהאלפן און מ׳האט געכאפט די פארברעכער.

דאס זענען געווען 3 זעלנער, זיי האבן זיך מודה געווען, אז זיי האבן זיך דערוויסט וועגן אונדזער „רייכקייט״ האבן זיי געפריווט פריער מיט א קונץ אונדז צו בארויבן, ווען זיי האבן אבער געזען אז מיט דעם גייט עס נישט האבן זיי באשלאסן פשוט אונדז צו דערמארדן און אזוי ארום אונדז באנעמען, זיי האבן נישט געקאנט — האבן זיי געזאגט —ביישטיין דעם נסיון.

*

לוין אלכסנדר	רח׳ שטמפפר 105, פתח־תקוה
ליברמן חוה (לוין)	רח׳ יואב 8, צהלה
קלעי חיים (סטרלצקי)	רח׳ דון יוסף הנשיא 10/3, בני־ברק
קרום יוסף	רח׳ ארלוזורוב 22, רעננה
קרום צמח	בצרון ב׳, רח׳ יניב 3א, תל־אביב

גרויס סאלעטשניק

א מצבה
פאר די סאלעטשניקער קדושים
וואס זענען אומגעקומען
דורך די נאציס
אין די יארן 1941-1944

רעדאקטאר:

ח. רבין

רעדאקציע קאלעגיום:

אסתר טייבל, צמח קרום

צמח קרום

גרויס סאלעטשניק

(געסעלעך, מענטשן זכרונות)

אין ווילנער וואיעוואודסטווע, אויפן הויפט שאסיי קיין לידע, ארומגערינגלט מיט וועלדער, נעבן טייכל סאלטשע איז געליגן דאס קליינינקע שטעטעלע, „גרויס־סאלעטשניק" מיט אירע עטליכען דרייסיק יידישע משפחות.

4 גאסן האבן זיך געקרייצט אויפן העכסטן ארט אין שטעטל, די ווילנער, די לידער, די באן גאס און די מיל־גאס, די פינפטע, דאס חזירשע געסעלע איז געווען א גוייש געסל אן יידן.



דאס קליינינקע גרויס סאלעטשניק

יידן פון ארום האבן געצויגן זייער חיונה פון די מערק. נישט נאר סאלעט־שניקער. אבער ווען גויים פלעגן זיך דא צוזאמענקומען אין ירידים, און חגאות האבן יידן אפגעפילט אביסל שרעק.

גויים פלעגן זיך אנשיכורן און גיין אויף רוצחישען געשלעג צווישן זיך און יידן האבן געדארפט אכט לעגן ס׳זאל זיך נישט אויסלאזן צו זיי.

טרינקן פלעגן זיי ביי חיה ישיעס „בירעלע״. זי איז געווען אן אשת חיל, פארקויפט בראנפן אונלעגאל און ווען א פאליציסט האט זי געכאפט מיט א פלעשל בראנפן פלעגט זי די פלאש ארויסכאפן און צעברעכן, ער זאל בלייבן אן באווייזן. ווען שכורע גויים פלעגן זיך צעווילדעווען פלעגט זי זיי ארויסווארפן איינציקווייז. און זיי באגלייטן מיט „א שווארצן שמיני עצרת אויף אייך״.

יידשע קרעמער און בהמה הענדלער פלעגן נאך האבן דא פרנסה, אבער בעלי מלאכות האבן געארבעט ביז שפעט אין דער נאכט און קוים אויסגעארבעט אויף צום לעבן. איין שניידער איז געווען שמשון לעמעלמאן וואס איז בעסער געשטאנען. ער איז שוין געווען א כלל טוער, ווען ער פלעגט וועלן דאס ווארט אויף א פארזאמלונג, פלעגט ער זאגן:

— איך, הער שמשון לעמעלמאן בעט א ווארט.

א טייל יידן האבן געהאט פערד־און־וואגן, געהאנדלט מיט דערפער ארום און מיט פריצים, אנדערע זענען געווען וואזשאקעס, ווי ישיע, ישראל און וואלטוך. וואלטוכן האבן די גויים גערופן, „יוסקע וואזשאק״. ער איז געווען א הויכער,זייער א שטארקער און א שטילער ייד, מיט אקליין שווארץ בערדעלע, ער פלעגט אליין אויפהויבן דעם גרעבסטן קלאץ פון איין זייט, ווען פון דער צווייטער זייט האבן געמוזט הייבן א פאר געזונטע גויים. זיין קליין שוואך ווייבעלע, מורא האבנדיק פאר א גוט אויג פלעגט צוגעבן צו יעדע פאר ווערטער „ס׳פאסט צו זאגן״: כ׳האב היינט אפגעבאקן א ברעטעלע ס׳פאסט צו זאגן און גמיינט דערמיט א גאנצע דייזשע ברויט.

ליבקע זייער טאכטער פלעגט זיך אויסטענען מיט דער שכנה פון איבערן גאס און זאגן:

— ניין רעב רחל לאה אונדזערע קאטשקעס גייען נישט אריבער צו אייך אין גארטן.

דעם זון זייערן איציק מאיר האט מען באפרייט פון רוסישן מיליטער, ווייל מ׳האט נישט געקענט צופאסן אזא נומער שטיוול צו זיין פוס לויט דער גרויס.

די אפיציעלע ארעמענלייט האבן געהאט זייערע פרנסות: 2 מאל אין יאר פסח און הושענא רבה, פסח ביי מצה באקן וועלגערן, ריידלען, שיטן מעל גיסן וואסער א.א.וו. און הושענא רבה ביים פארקויפן הושענא׳ס.

כדי צו העלפן יידן מיט קרעדיט האט מען געהאט אין שטעטל א באנק, וואס האט אויך באדינט די ארומיקע שטעטלעך. זיי ווידער פון זייער זייט האבן געטון אלץ, כדי אריבערצופירן די באנק צו זיי. ווען ביניאקאניער יידן, מערערע אין צאל ווי סאלעטשניקער האבן געטענה׳ט:

— סטייטש, לויט סטאטוט, לויטן געזעץ, קומט אונדז די באנק!

פלעגט מאטיע לאנדע, דער דיקטאטאר פון באנק זאגן:

— גזועץ, קעץ, שמעץ, נו וואס וואס!

און די באנק איז געבליבן ביי אונדז.

מאטיע פלעגט פארלאנגען גוטע זשיראנטן, נישט יעדן האט ער באשטעטיקט די הלואה.

דאס איז געווען א ייד א למדן, א הארטער אבער א גראדער ייד. אמאל האט מיין טאטע געבעטן א הלואה און נישט געוויסט וואס פארע זשיראנטן וועט מען פאדערן. האט אים מאטיע געזאגט:

— משה יעקל שרייב אונטער און גייט, איך מיט וועלוויל סטרעלעצקי וועלן שוין זשירירן פאר אייך.

ער האט געוויסט גוט, אז משה יענקלן וועט זייער שווער זיין אפצאלן די הלואה.

דעם רב פלעגט ער רופן דער רביצנס מאן, ער פלעגט זיך שפארן מיט אים איבער א דין, אדער א פשט און האט שטענדיק געמוזט אויספירן. דער רב איז צוליב אים אריבער אויף דער לינקער זייט פון מזרח וואנט אין בית מדרש.

לאנדעס ווייב האט אין איר פרייע צייט אויך געלערנט א בלאט גמרא.

די יידן האבן געוווינט אין פריץ וואגנערס הייזער און דירה געלט פלעגט אויפמאנען אלטער דער מאלער, אן עלטערער ייד, פלעגט תמיד שטאלצירן מיט׳ן גאלדענעם זייגער, וואס דער פריץ האט אים געשענקט. חברה פלעגן אים תמיד פרעגן וויפיל דער זייגער, ער האט דאס ליב געהאט. ער האט ליב געהאט דאוונען פארן עמוד און איז געווען א חשובער בעל הבית. זיין פרוי מעירערע־יידס ווען זי פלעגט זען אין יאַטקע ווי די גויים קריגן דאס „ווייכע" פלייש פאר ביליק און יידן צאלן טייער פאר פלייש מיט ביינער, פלעגט זי זאגן:

— אלע מיינע שונאים זאלן זיין יידן.

דער לערער לייזער פלעגט ביי זיי אין שטוב געבן פריוואטע לעקציעס. בשעת דער אביסינישע קריג איז זי אריין אין א פינצטערע נאכט און געזאגט:

— ווי פירן זיי א קריג אין אזא פינצטערע נאכט, זיי קאנען דאך די אויגן זיך אויספורקען איינס דאס אנדערע.

שמואל לעווין, וועלכער פלעגט האנדלען מיט לעדער און מיט קצבות איז געווען דער פידל־שפילער פון שטעטל, ער פלעגט שפילן און שרה׳ל זיין ווייב מיט די קינדער האבן צוגעזונגען. א פריילעכע, ארבעטזאמע טייערע שטוב געווען.

די עלעגאנטעסטע פרוי איז געווען מערי לעווין די אלמנה. איר טאכטער חוה (איצט אין ישראל) א לוסטיק מיידעל איז געווען די הויפט־ארטיסטן און זינגערן אין די טעאטער פארשטעלונגען אין סאלעטשניק. איר זון חיים־משה׳קע האט נישט אויסגעזען א העלד צו זיין, אבער ווען גויים האבן זיך צעיושעט אין א מארק טאג, האט ער געקאנט כאפן א האלאבליע פון א וואגן און שלאגן גויים גרופנווייז.

✶

גבאי פון בית מדרש איז געווען וועלוויל סטרעלעצקי. א שיינער בכבודיקער ייד מיט א גבירישן אויסזען. געווען חזן אין די ימים־טובים און געשיקט זיינע קינדער לערנען קיין ווילנע. ער האט געוווינט אין איין זייט קרעטשמע און אין דער צווייטער זייט האט געוווינט כתריאל כלאוונאוויטש. א קלוגער גייסטפולער ייד.

א אינטערעסאנטע משפחה איז געווען משה לוי כץ׳ס משפחה, מ׳האט זיי גערופן דאס רויטע הויז, דער פאטער א שוסטער, די מאמע ביילע א בעקערן די קינדער בידאווע, אבער באוווסטזיניקע פראלעטאריער וועמען די פוילישע מאכט פלעגט נאכשפירן ספעציעל יעדן 1־טן מאי. די טעכטער רייזל, חוה און אסתר זייער ארבעטזאמע. אסתר (איצט אין ישראל) האט געזארגט פאר דער ביבליאטעק פון שטעטל, יעקב איז געווען א טאלענטפולער־סובטעלער דיכטער און זרח — א טיף גייסטרייכער בחור, וואלט געווען א גוטער רעדנער אבער ער פלעגט ארויסזאגן די למד ווי א רייש, האט עס אים געשטערט.

וועלוול אבא יודעס, דער שוסטער פלעגט ליב האבן שבת נאכן דאוונען ארומגיין צווישן עטליכע הייזער ארומרעדן די וועלט־פאליטיק. ביי אים, דאס הייסט ביי זיין בלומען פלעגט זיך צוזאמענקומען די רייף וווערנדיקע יינגלעך און מיידלעך. זיי פלעגן שפילן פאנדן, טאנצן און פארברייינגען. זייער טאכטער ראדקע פלעגט ליינען ראמאנען און זייער אינהאלט דערציילן די יוגנטליכע.

דער שמש רבי בעניע האט געוווינט אין א קליין הייזעלע, נעבן בית מדרש צוזאמען מיטן זון אברהם איטשע און חיה־פעסל קפלן מיטן מאן און זייערע זעקס קינדערלעך. טראץ זייער ביטערע ארעמקייט פלעגן זיי זיך טיילן מיטן ביסן מיט אנגעקומענע ארעמע לייט, שלאפן אויף דרערד און אוועקגעבן זיי זייער געלעגער. תמיד איז ביי זיי געווען א פרעמד עלנט קינד, וואס זיי האבן אויסגעהאלטן אן געלט. ר׳ בעניע האט געהאט מיט יעדן וועגן וואס צו רעדן און ליב געהאט כאפן א שמועס. ווען ער פלעגט אוועק רופן א יידן צום מנין פלעגט ער זיך פאררעדן און אנקומען מיט׳ן צענטען ייד צו „עלינו לשבח״.

יוגנט האט ליב געהאט צוזאמנקומען ביי חנה דבורה לעווין. זי האט געהאט א פאטעפאן מיט פלאטן און 2 זין מיט 2 טעכטער, און אין הויף — א גרויסער ווילטשער, גענדז און וועווריקעס.

יידן פלעגן זיך טרעפן אין בית המדרש, געדאוונט, געווען צוזאמען און געלערנט א בלאט גמרא נאכן דאוונען. דא פלעגן קומען בעלי דרשהס, חזנים און דא זענען פארגעקומען הרצל אדער טרומפלדור אקאדעמיעס.

אין די קאלטע ווינטער טעג האט מען נישט געקאנט דערווארעמען דאס בית מדרש און אלץ האט זיך אריבערגעטראגן אויבן אין עזרת נשים. דאס דאוונען, דאס חיידער אדער די שולע, די לינקע ביבליאטעק און די פארזאמלונגען פון די ליינער און פון באנק און די באוועגונגען זענען דארט געווען.

דאס שטעטל איז געווען אלגעמיינציוניסטיש, אדער ס׳זענען געווען אנדערע

ארגאניזאציעס דער מזרחי, החלוץ, הנוער הציוני און ביתר. אין ביתר בין איך געווען טעטיק אלס מפקד און דערנאך אלס קולטור טוער און מחנך. אינטערעסאנט אז דער ביתר איז געווען דאס שטיף קינד אין שטעטל מ׳פלעג זיך ווינדערן אויף מיר „ווי פאסט עס פאר פרומעליס (מיין מאמע) קינדער ?" געמיינט צו זאגען אזא פיינע דערציונג און דאך א ביתרי.

מיין מאמע איז געווען די בעסטע שניידערן אין געגנט, האט גענייט קליידער פאר פרויען פון פריצים און רעגירונגס בעאמטע און דעם אויבערשטן בגד פארן גלח. זי האט געארבעט ביז שפעט אין דער נאכט און געפונען צייט פאר דערציען די קינדער אין בעסערן זין לויט אירע באגריפן. זי פלעגט רעאגירן אויפן פלאץ אויף יעדער נישט ריכטיקער האנדלונג פון די קינדער, אין קעגנזאץ פון מיין פאטער, וועלכער איז געווען צו גוט צו רעאגירן שטרענג און אויפן אָרט. פלעגט ער אבער צוזאמענגעמען א גרויסן חוב און אפגעבען אונדז א גרויסע פארציע נישט אין פראפארץ מיט׳ן חטא.

די שוועסטער מיינע פלעגט איינגעמען „חרפות" צוליב מיר מ׳האט איר פארגעווארפן וואס איר ברודער איז א ביתראוויץ, אבער ווען מען דערמאנט זיך איז דאס צוזאמענלעבן פון אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס געווען גאנץ הארציק. צוזאמען האט מען געזארגט פאר דער ביבליאטעק צוזאמען געמאכט פארשטעלונגען, פארוויילונגען און אנדערע אונטערנעמונגען. יעדער האט געוויסט, אז נאר מיט געמיינזאמע כוחות קאן מען אױפטון ווינדער.

ס׳טוט וויי דאס הארץ, וואס אונדזער שטעטעלע אין שוין מער נישטא און איר זיסע, אינטערעסאנט באפעלקערונג איז אזוי גרויזאם אומגעקומען.



אסתר כץ (טייבל)

גרויסהארציקייט
אין מיין קליין שטעטעלע

(טיפן, טאטן און שיקזאל)

ביים ענדע קריג בין איך געווען מאביליזירט אין דער ליטווישער בריגאדע און מיט איר זיך צוריקגעקערט קיין סאלעטשניק. דאס שטעטל איז נישט געווען שוין מער. אלע הייזער זענען געווען פארברענט, דער גאנצער יידישער צענטער צעגראבן און צערייסטע גריבער זענען געשטאנען אפן דאס האבן די גוישע שכנים אונדזערע געזוכט דאס פארבאלטענע יידישע פארמעגן און דאס צוגערויבט.

אפגעווישט איז דאס יידיש הארציקע סאלעטשניק.

נישטא שוין מער די הארציקע משפחה פון חיים־משה גאלדאנסקי. די גרויסע אפענע שטוב פאר יעדן נויטבאדערפטיקן. מינע־ריווע די גבירנטע, תמיד פארנומען אין געשעפט האט זי יעדן פרימארגן נישט פארגעסן ארײנשטעלן גרויסע טעפ מיט עסן אין גרויסען אויוון פאר די הונגעריקע און די ארעמעלייט, אלמנות און אנגעקומענע קבצנים פלעגן צוגיין און אליין זיך נעמען עסן, אביסל ווארעם געקעכץ.

כ׳זוך און כ׳זע נישט ר׳ וואלף סטרעלעצקי. דער שיינער שטענדיק־שמייכל־נדיקער ייד, פול מיט הומאר, ער איז געווען אונדזער בעל תפלה און גבאי פון שול. אן אים האט זיך נישט אנגעהויבן קיין שמחה אין שטעטל, א התונה, א ברית האט סטרעלעצקי געמוזט זיין און אויספילן מיט זיין זינגען אין לעבעדיקייט דעם גאנצן ארום.

און פארקערט, איז עמיצער געשטארבן אדער קראנק געווען, איז ר׳ וואלף געווען דער ערשטער טרייסטן און פארלייכטערן דאס הארץ פון די געטראפענע.

א גאנץ אנדערער אבער אויך א ספעציעלער פראדוקט פון אונדזער זיסן שטעטעלע איז געווען ר׳ משה יעקב קרום, די גאנצע משפחה האט תמיד געארבעט שווער, פון פרימארגן ביז שפעט אין אוונט און נישט געוויסט פון קיין לוקסוס און הרהבה, אבער ווען מ׳פלגט דורכגיין דורך דער שטוב האט זיך געהערט א זיס־טרויעריקער נגון פון חזנישע דריידלעך, דאס האט דער ראש־המשפחה זיך צוגעזינגען ביים ארבעטען, חזנות איז געווען זיין „שוואכקייט״ ווען ער האט

געהערט, אז אין ווילנע וועט דעם שבת ראש חדש אדער א יום־טוב דאווגען א גוטער חזן, פלעגט ער אוועק צופוס קיין ווילנע, הנאה האבן פון זיין „זאגן" און פון די יידיש הארץ ברעכנדיקע טענער, ווו זעט מען אזעלכע טיפן ביי זיי.

זיי האבן אבער נישט פארטראגן די יידן־טיפן מענטשן בריליאנט און ווען דער נאצישער מערדער איז געקומען האבן זיי צוגעלייגט זייער בלוטיקע הענט אין געהאלפן פארניכטן מיין שטעטעלע, מיינע טייערע יידן.

כ'דערמאן מיך אין טאג פון מלחמה אויסברוך, יעדער פון אונדז האט אפגעפילט קלאר וואס ס'דערווארט אונדז, די יוגנט איז געשטאנען אין גאס רעדלעכווייז מיט'ן באשלוס צו אנטלויפן. פאר אונדז איז מערע לעווינס שטוב געווען ביז דאן א פריילעכע שטיב, מיט זין און טעכטער, איצט אלע קינדער האבן שוין חתונה געהאט און זי, מערע שטייט אין פענצטער עלנט טרויעריק פול מיט רעזיגנאציע פון לעבן, איינגעהילט אין טיפן שווייגן, גלייך ווי איר גייט עס נישט אן ווו און ווען זי וועט ענדיקן איר אינהאלטלאז לעבן. אין דעם שטעלט זיך אפ א פערד־און־וואגן נעבן דער שטוב. מיר לויפן צו און זעען איר יונגסטער זון אברהמ'על. מאנאטן שוין נישט געווען ביי דער מאמען איז איצט געקומען צו איר טיילן איר איינזאמקייט, מער וועט ער זי ניט לאזן אליין, דערווייל איז ער פארמאטערט, ר'מוז זיך לייגן שלאפן, מארגן וועט מען זען, אפשר וועט ער זי איבערצייגן אנטלויפן פון דאנען.

ער איז צוזאמען מיט איר אוועק צו דער שחיטה.

✶

דער ערגסטער מערדער פון די היימישע שכנים אונדזערע, איז געווען יאנעק פינטשע, א זון פון א סאלעטשניקער בעל־הבתישן גוי. ער האט מיט זיינע אייגענע הענט דורכגעפירט די שחיטה פון סאלעטשניקער יידן און גענומען א גרויסן, אקטיווען אנטייל אין דער אויסראטונג פון וואראנאווע און דער אומגעבונג. ער האט זיך דערמ'ט געגרויסט און בארימט. ווען מיין פלימעניצע גיטעלע איז אנטלאפן צו איר באבע זיידע האט ער זי מיט אייגענע הענט געכאפט און דערשאסן. די גבורה זיינע האט ער עטליכע מאל דערציילט.

נאך דער קריג האט דער העלד פארלאזט די געגנט און אוועק פון פולין. צופעליק איז הערשקע קאפלאן, נאכן דורכמאכן די פארטיזאנקע מיט אלע גרויזאמקייטן פון נאצישער קריג געפארן קיין אמעריקע און ער מיט נאך צווי יונגע חברים זיינע האבן אין באן דערקענט יאנעקן און האבן אים איבערגעגעבן דער פאליציי.

ליידער האט מען אים נאר פארמשפט אויף 90 טעג טורמע פאר שמוגלן די גרעניץ, ווייל פאר זיינע טאטן — האבן זיי געזאגט — וועט אים משפטן פוילן, ווען זיי וועלן אים איבערטראנספארטירן אהין, זיי האבן קיין רעכט נישט אים משפטן נאר פאר דער וואס ער האט געטון ביי זיי.

די דריי חברה, הירשקע מיט משה׳קי רוסוואיעווסקי און יואל סגל האבן זיך אריינגעבראכן אין טורמע אריין און אים געשלאגן צום טויט, געוואלט אים לינטשן, ליידער האט אבער די טורמע וואכט אים אפגעראטעוועט פון זייערע הענט.

איצט דרייט זיך דער פארברעכער ארום פראנק און פריי ווער ווייסט?

אנשטאלט פאר קינהייטלאזע קינדער

בעניע דער שוסטער האט געלעבט אנטקעגן אונדז און איך האב אים גוט געקענט. געוווינט האט ער אין א קליין שטיבעלע פון איין צימער מיט א קיך, ער מיט זיין משפחה זאלבעפינפט. אין פארצימעריל ווו בעניע האט געארבעט שוסטעריי זענען שטענדיק געליגן צוויי ציגן מיט גרויס כבוד ווי ביי זיך אין שטוב.

אויסער שוסטעריי האט בעניע געהאט עטליכע פרנסות, ער פלעגט רופן יידן באנאכט פאר ראש השנה צו סליחות. סוכות פלעגט ער ארומגיין מיט אן אתרוג צווישן די הייזער מ׳זאל בענטשן אתרוג און ווער ס׳האט נישט געקענט די ברכה, האט ער אים געזאגט און יענער האט נאכגעזאגט. אויף חתונות האט ער צעטראגן די איינלאדונגען.

די אלע פרנסות האט ער געמאכט אויף צוליב זיין פארגעניגן, בשעת מעשה האט ער געכאפט א שמועס מיט יעדן, דערציילט א מעשה, און געטריבן פאליטיק. ווען מ׳האט אים געפרעגט ווען האט עס פאסירט דאס וואס ער דערציילט פלעגט ער ענטפערן:

— אט אנומלט, מיט א 15 יאר צוריק.

נאך אזא טאג פארברייינגען צווישן מענטשן, פלעגט זיך ערשט בעניע אוועקזעצן ביים ווארשטאט אונטערקלאפן אביסל שוסטעריי.

זיין ווייב שרה א פארהאוועטע, אן אויסגעמאטערטע פלעגט אים צוהעלפן, זי האט געהאדעוועט 2 ציגן. אליין פלעגט זי מיט זיי גיין איבער פעלדער צו פיטערן זיי. אזוי האט זי געהאט מילך פאר די קינדער און נאך אפגעשפארט א פאר גלייזער צום פארקויפן, זומער פלעגט זי גיין כמעט יעדן טאג אין וואלד אריין קלייבן יאגאדעס, שווארצע איבערהויפט, זי האט זיי אפגעפרעגלט סזאל זיין אויף ווינטער צום עסן, זי האט אויך פארקויפט אביסל יאגאדעס און אלץ געטון, כדי צו גיבן בילדונג די קינדער, אדער זיי לערנען פאכן.


אבער דער הויפטגעוויכט פון די צוויי נשמה־רייכע טיפן איז געליגן אין זייער גרויסער ליבע צו קינדער. צו אומגלקליכע, ארעמע, פאריתומדיקע און פארקרי־פעלטע קינדעלעך. שרה פלעגט יעדעס מאל אוועקפארן קיין ווילנע און מיטברייינגען אהיים קראנקע, עלנטע אומגליקלעכע קינדער און זיי אוסהאדעווען. יארנלאנג האט זי דאס געטון, יארנלאנג האט זי געקאנט זיך אפגיבן מיט איין קינד ביז זי האט עס ארוסגעבראכט אויף א לאד.

אמאל האבן זיי געבראכט צו זיך א קליין מיידעלע, אן הויקערדיקע און דעפעקטיווע, וואס האט זיך נישט געקאנט רירן פון ארט און געדארפט שטענדיקע באדינונג און זי האט דאס אויסגעהאלטן וויפל ס׳האט זיך געלאזט.

ביים ענדע האבן זיי געבראכט אן האלביערריק קינד, וואס איז פאריתומט־געווארן פון זיין מאמען, חיים האט ער געהייסן. זיי האבן אים דערצויגן און געהאדעוועט ווי אן אייגן קינד, קיינער האט דאס קינד נישט געטארט באליידיקן, אניט האט מען געקריגן א פארציע הימל שרייענדיקע קולות פון זיינע „עלטערן", אז ס׳האט זיך אפגעגלוסט האבן צו טון מיט זיי.

ווען ס׳איז געקומען זיין בר־מצוה, האט מען זיי געזאגט, אז מ׳דארף חיימ׳קין אויסזאגן זיין אמתן פאמיליע נאמען. אבער זיי זענען געווען דאקעגן צוליב זיין טובה, דער סוף האט ער זיך דערוויסט זיין אפשטאמונג און פלעגט זיך אפילו באגעגנען מיט זיינע אן עלטערע שוועסטער, אבער געבליבן איז ער מיט בעניען און מיט שרהן ווו ער האט געהאט א ווארעמע היים און... צוזאמען מיט זיי אוועק צו דער שחיטה.

בעניע מיט שרהן א אנשטאלט פאר יידן־ליבע, וועלכע האבן לויט זייערע באגריפן, מיט מי און מסירות נפש אפגעראטעוועט יידן, פאריתומטע איינזאמע, אונגליקליכע פון זייער גרויזמער קינדייט אַן.



אונדזער סאלעטשניקער אין ישראל

א. ג.

יעקב כץ — סאלעטשניקע דיכטער

(פון ווילנער זשורנאל 2 פעברואר 1926)

ג׳ אדר תרע״ח (15 פעווראל 1918) איז אין עלטער פון 22 יאר נאך א שווערער קראנקהייט אין גרויס־סאלעטשניק (ווילנער גוב.) געשטארבען **יעקב כץ**, א באגאבטער דיכטער, וואס האט איבערגעלאזען נאך זיך א בינטעל כתבים, שיינע אריגינעלע יידישע לידער, האט אבער ביים לעבען ניט זוכה געווען געדרוקט צו ווערען.

יעקב כץ איז געבארען געווארען דעם 15 אקטאבער 1895 אין א פאמיליע פון אן ארימען שוסטער משה־לוי כץ אין ווילנע. בשעת ער איז אלט געווארען פיר יאר זיינען זיינע עלטערן, געטריבען פון נויט, ארויסגעפארען אינ׳ם קליין־שטעטעל גרויס־סאלעטשניק, וואו ער האט צו פינף יאר אנגעהויבען אלף־בית — ניט אין א חדר, נאר ביי א יידינע, וואס פלעגט פאר א גילדען א חודש, „לערנען סידור״ מיט עופעלעך אין די ארימסטע הייזער, — א מדרגה נידעריגער ווי דער חדר. געלערנט האט ער ביז בר־מצוה — ביי „לערנערס״, וואס פלעגען אלע זמן אראפפארען פון דער ווילנער „כתריאליוועקע״ קיין סאלעטשניק „אויף קאנדיציעס״ — אויף קנעלונגען מיט גרופעס קינדער, די לימודים זיינען געווען ניט קיין ברייטע און ניט קיין טיפע, און דער־עיקר ניט קיין נארמאלע, אבער דאס קינד האט געלערנט מיט חשק און האט געהאט א פעולה א סך א גרעסערע ווי אלע זיינע חברים, אפילו ווי די תלמידים פון די דערהייבענערע מלמדים און לערנער פון שטעטעל. אין דעם דאזיגען חדר האט ער זיך געפילט ניט גוט, די לימודים האבען אים ניט באפרידיגט. ער האט געשטרעבט צו בילדונג, פלעגט אליין גריבלען זיך אין ביכלעך, לייענען, האט געהאט א שטארקען פארלאנג צו קומען „אין שטאט״, אין ווילנע הייסט עס, און אנקומען אין „אַ קלאַס״ אבער די ביטערע ארימקייט פון זיין היים האט באלד געמאכט א סוף פון זיין פארלאנג: דער פאטער האט אים אפגעגעבען „אויף א טערמין״ צו א שטעפער״. „א קלאס, מיין קינד, — האט צו אים דער פאטער געזאגט — איז געגעבען געווארען — פאר קינדער פון נגידים; ארימע קינדער מוזען ארבעטען״...

די קנאה פון געוויסע קליינשטעטעלשע בעלהבתישע יונגעלייט צו דעם דאזיגען „שוסטערס זון״, וואס קען זיך ניט צונויפלעבען מיט דער שטעטעלשער „יוגענט״, האט גורם געווען דערצו, אז איינער א „קאכלעפעל״ פון שטעטעל, וואס האט גענומען געלט ביי די רייכע לייט, כדי אוסצולייזען זיי פון צוואנגארבעט, האט פארקויפט כצ׳ן ווי א „לידיגגייער״ צו די דייטשען **אויף** ארבעט „אויפ׳ן שאָסיי״.

אפארבעטענדיג ביי א יאר די דייטשען עבודת־ פרך, האט זיך כץ אומגעקערט צוריק אהיים א צובראכענער, אינגאנצען אן אויסגעצערטער, אן אָפגעשוואַכטער

און אהן מוט. ער האט שוין קיין חשק און קיין כוח ניט געהאט צו פארען אין שטאט און איז געבליבען דעם ווינטער תרע״ח אין דער היים. די לעצטע וואכען האט ער געהאט א פארגעפיל פון טויט. אין יאנואר 1918 איז ער שווער קראנק



בית ספר עברי־דתי — אין סאלעטשניק

געווארען, איז אפגעלעגען ביי א חודש און דעם 15 פעוורואל איז ער געשטארבען אין עלטער פון 22 יאר מיט פיר חדשים.

*

יעקב כץ האט ניט זוכה געווען געדרוקט צו ווערען ביים לעבען, אבער זיינע שירים ווייזען, אז מיט אים איז אוועק אָהן א צייט פון דער וועלט א דיכטער, וואס האט געקענט מיט דער צייט אנטוויקלען זיך, צעבליען זיך און פארנעמען א געהעריקען ארט אין דער יידישער פאעזיע. ער האט ניט געשריבען קיין טענדענציעזע לידער, ניט קוקענדיג דערויף, וואס ער איז אן ארבעטער געווען. ער האט געטריי געשילדערט דעם לעבען אין ווארשטאט, ניט גראב שרייענדיג, נאר לגמרי אויף אן אנדער שטייגער, לגמרי אנדערש ווי אונזערע פּאָעטען זיינען עס ביז אהער געוואוינט געווען צו טאן.

יעקב כצ׳ס לידער זיינען פרוכטען פון א יונגער מוזע, וואס האט נאך ניט פואנדערגעוויקעלט אירע כוחות, אבער אויף זיי ליגט שוין דער שטעמפעל פון פאעזיע. דער סטיל זיינער איז לייכט און פליסענדיג און דער ריטם — ווייך און מילד.

א. גליקמאן

א שטילע נשמה

(צום אָנדענק פון מיין חבר יעקב כץ)

פון די הימלען האָט פארבלאנדזעט
אויף דער ערד אַ שטילע נשמה,
האט געפלאטערט, זיך געראנגעלט
אהן אַן איינציג שטראל נחמה!

האָט געבענקט, געלעכצט נאָך לעבען,
האָט געשטרעבט, און — נאָר געליטען;
ס'האט איר שטערן איר איר לעבען
נאָר אויף ליידען אויסגעביטען!

דאַן האָט זי, אַט די נשמה,
די חלומות אָנגעווארען;
דאַן איז פלוצלינג זי פאַרשוואונדען
אינ'ם תהום און איז פארלארען...

יעקב כץ

לעבן ווילט זיך—לעבען *

און זאל נאך ווילדער זיין ווי ערשט, —
לעבען ווילט זיך — לעבען!
מעג זיך בלוט נאך יארען גיסען, —
שטרעבען וויל איך — שטרעבען!

מעג זיך יארען לאנג נאך ציהען, —
הערען וויל איך — הערען
נאך איין מאל דעם קלאנג פון פרידען! —
שווערען קען איך — שווערען,

אז איך וועל דאן רוהיג שטארבען,
רוהען וועל איך — רוהען...
מיט דעם פרידען וועלען אלע
פרייען זיך און פרייען...

* זיין לעצטע ליד, געשריבען צוויי וואָכען פאַר זיין קראנקהייט.

ליגענדיג אין שטילען קבר
בעטען וועל איך — בעטען,
אז פון קריג דער גאט דער גרויסער
רעטען זאל ער — רעטען!...

און דעם אייביג גרויסען פרידען
געבען וועט ער — געבען!
און די מענשען פריילין ווידער
לעבען וועלען — לעבען!...

גרויס־סאַלעטשניק (ווילנ. גוב.), סוף דעצעמבער 1917.

בלומען

זעה איך בלומען, שיינע בלומען —
גאנצע הויפענס טו איך רייסען;
כ׳קלייב ניט אויס: אַ בלויען בלימעל,
צי אַ רויטען, צי אַ ווייסען.

ס׳מאכט ניט אויס, איך רייס כסדר,
אלע זיינען שיין און ערליך!
פאלט אריין א געלער בלימעל,
איז עס אויכעט ניט געפערליך!

רייס איך בלומען גאנצע הויפענס
און איך ליג אויך צווישען בלומען; —
אפשר — ווייס איך? — וועט שוין מערער
נאך א צווייטער טאג ניט קומען?

וועט ער קומען? — וועל איך ווידער
גאנצע הויפענס רייסען בלומען!
נאר מיך ארט ניט, — ווער דארף טראכטען:
וועט ער קומען — צי ניט קומען?

כ׳ווייס נאר איינס — איך רייס ערשט בלומען,
בלומען רייס איך גאנצע הויפען!
ווער דארף טראכטען? ווער דארף קלערען?
— יאָרען שטייען ניט, זיי לויפען...

גרויס־סאַלעטשניק (ווילב. גוב.), 12 יוני 1916.



צמח קרום

סאלעטשניק און סאלעטשניקער אין אומקום

דער רויטער משיח

ווען די קריג איז אויסגעבראכן אין 1939 זענען קיין סאלעטשניק אריין די רוסן. זיי האבן פראקלאמירט, אז זיי זענען געקומען אונדז באפרייען פון מלחמה, אונטערדריקונג און אנטיסעמיטיזם.

זיי האבן גערופן דעם עולם זען א פילם אין באראק פון די פייעלעשער, פאר דעם פילם האט א פאליטישער קאמיסאר געהאלטן א פאליטישע רעדע און דערציילט, וואס רוסלאנד איז אויסגעשטאנען צוליב דער אידייע:

— אבער איצט — האט ער געענדיקט — פעלט אונדז גארנישט אפילו זאלץ און שוועבעלעך קריגט מען אין סאוויעט רוסלאנד.

דער עולם האט געהערט דייטלעך „זאלץ און שוועבלעך" און האט געמיינט, אז דער רעדנער שפאסט, ווייל די צוויי ארטיקלען האבן נישט אויסגעפעלט אפילו אין די ארעמסטע געביטן פון פוילן.

ווען מיר האבן שפעטער געפרעגט א יידישן רויט־ארמייער, וואס דאס הייסט, האט ער זיך ארומגעקוקט אויב קיינער הערט אים נישט און געזאגט:

— קינדערלעך קיין צרות וועט אייך באשטימט נישט פעלן — און ער איז אוועק.

ישראל לעווינס שטוב האבן זיי נאציאנאליזירט און געמאכט א קלוב, א פארטעפיאן האבן זיי צוגענומען ביי וואגנערן און אים אוועקגעשטעלט אין קלוב און שקצים האבן אויף אים געהאקט מיט זייערע לאפעס און זיך געפרייט, ווי קליינע קינדער און געווילדעוועט, אלע טישן זענען געווען פול מיט צייטונגען מיט שאכמאטן און לאטאס. די יוגנט האבן זיי באלד ארגאניזירט און די אקטיווע גענומען פון די יוגנטליכע מיט ריכטיקער סאציאלער אפשטאמונג. זיי האבן באדארפט „טרייבן" דעם עולם צו די מיטינגען. אנפאנג איז מען נאך געגאנגען, אבער שפעטער האט יעדער געוויסט אויף אויסווייניק וואס דער רעדנער וועט זאגן און ס'איז נמאס געווארן. אפילו די פארברענטע קאמוניסטן פון שטעטעל זענען אנטוישט געווארן פון דעם לאנד פון זייערע חלומות. די רוסן פלעגן דאך

װעלן צולאקן די איינוווינער, פלעגן זיי װארפן מיט צוזאגן װאס אלץ מ׳װעט בו׳יינגען פון רוסלאנד. צווישן אנדערעס האט דער רעדנער געזאגט:

— מ׳װעט ברײנגען פעפער פון רוסלאנד וויפיל איר װילט.

אין זאל איז געזיצן אן אלטע גויה, װאס פלעגט גרעפצן מיט א קוויטש, חברה ליצים, דארפס שקצים האבן זי געבראכט, כדי אביסל אנצולאכן זיך, גיט דער רעדנער א פרעג די באבעציע:

— וויפיל פעפער למשל דארפסטו באבושקע האבן?

האט זי אים געענטפערט:

— פריצל מיר איז ביטער אן פעפער, נאכװאס דארף איך דאס.

די נויט אין סאװיעט רוסלאנד האט זיך ארויסגעליינט פון זייער גאנצער האלטונג. װען זיי זענען געקומען צו אונדז האבן די פרויען פון די אפיצירן אויפגעקויפט אלץ, זאכען אלטמאדישע, װאס די קרעמערס האבן שוין נישט געחלומט צו פארקויפן האבן זיי צעכאפט ממש ווי נייעסטע מאדערנסטע קליידונג.

כתריאל כלאװנאװיטש, װאס האט אין א פאר טעג פארקויפט די גאנצע לעדער פון קראם האט מיר געזאגט:

— װײסטו װאס איך קלער, צמח, ס׳װײזט אויס, אז זיי האבן גארנישט, ווייל אויב זיי האבן נישט קיין לעדער האבן זיי דאך נישט קיין בהמות, האבן זיי נישט קיין מילך און האבן נישט קיין פוטער מיט קעז, איז אויב אזוי האבן זיי דאך נישט קיין פלייש און קיין װאל, איז דאס האבן זיי יא?

דערווייל זענען אויסגעגאנגען די זאפאסן פון עסנווארג און די רעזערוון פון סחורות און יידן האבן אנגעהויבן שטארק צו זארגן פאר דער נאענטסטער צוקונפט, אבער די מורא פאר סיביר און דער פחד פאר זייערע ערציונגס מיטלען צו דעמאקראטיע האט אפגעשראקן יעדן. זיי האבן אנגעהויבן ברײנגען פארשידענע ארטיקלען צום פארטיילן, אבער מ׳האט געמוזט אפשטיין ביז האלבע נעכט, כדי זיי צו קריגען אין דער ריי.

ס׳האט זיך ארויסגעלאזט אז דאס איז געװען סטאלינס סוד, ברײנגען די מענטשן דערצו, זיי זאלן 24 שעה אין טאג זיין פארנומען מיט עסן װעלן זיי פארגעסן אין פאליטיק און דער רעזשים װעט האבן רו.

סטאלעשניקער יידן האבן געארבעט באטאג און געשטאנען באנאכט אין דער ריי נאך דעם ביסל פראדוקטן, װאס מ׳האט געטיילט, אדער זיך פארטיילט אין צווייען איין טייל האט געארבעט און דער צווייטער איז געשטאנען אין ריי, אדער געלאפן אויסשנאפן װאס ס׳װעט געגיבן װערן און װען. די לאגע איז געװען א שרעקליכע, די זארג פון פשוטן לעבן, פון עסן, פון קליידונג, באהייצונג און באשיכונג איז געװארן אזוי שװער, אז מ׳האט זיך געװינטשן, ס׳זאל זיין ערגער אבי אנדערש, געמיינט צו זאגן:

פריי איז מען דאך אלצאיינס נישט אין דעם רעזשים, איז אפשר װעט מען בייבײ אן אנדער מלוכה כאטש האבן צום אפעסן.

אין א פרימארגן הערט מען דער דייטש האט אנגעגריפן רוסלאנד און שוין דעם צווייטן טאג זענען שוין די רוסן געווען אין א שרעק'ס געלויף און פארלאזט דאס שטעטל.

א טייל פון דער יוגנט, ספעציעל די וואס זענען געווען אקטיוו ביי די רוסן זענען אנטלאפן מיט זיי. דער גרעסטער טייל אבער איז געבליבן מיט היטלערן.

די ערשטע טעג איז געווען פארהעלטנסמעסיק רואיק, אבער ווי נאר דאס מיליטער איז אוועק און ס'זענען געקומען די נאציישע קאמיסארן, האבן זיי באלד אנגעהויבן ארגאניזירן פאליציי אפטיילונגן פון די ארטיקע גויים און באלד אנגעפאנגען פייניקן יידן.

די ערשטע גזרה איז געווען די געלע לאטע, וואס האט באדארפט באצייכנען ווער ס'איז א ייד און וועמענס בלוט און לעבן זענען הפקר, שפעטער האט מען אונדז אנגעהויבן שלעפן צו צוואנגס־ארבעט, וועלכע איז באשטאנען פון די שענד־לעכסטע ארבעטן, פאר וועלכע מ'האט געקריגן שלעק.

אבא יודקע, וועלוועל סאלטשטשניטשקערס זון איז ארויסגעגאנגען איין מאל אן דער געלער לאטע האבן זיי אים דערשאסן אויפן פלאץ אויסרן שטעטל. פאר דעם האט ער נאך באוויזן גוט צו צעשלאגן א כוליגאן פון די פוילישע אונטער־שטיפערס. מיין פאטער איז געגאנגען מיט א זאק קארן אין מיל אריין האט אים א פוילישער פאליציסט אזוי געשלאגן אז גויים האבן דאס צוגעזען האבן געוויינט קוקנדיק אויף זיין מערדעריי.

פוילישע כוליגאנעס זענען ארויסגעשפרונגען פון דער הויט ארויס, כדי צו געפעלן זייערע נאציישע בעלי בתים און זיי אריבערגעשטיגן מיט יידן־פיינט און מערדערישקייט. איין מאל האבן זיי געכאפט מיך מיט וועלוועל גאלדאנסקין אין ד״ר לעווינען און אונדז געצווינגען זיך איינשפאנען ווי פערד אין א וואגן מיט שטיינער און אים שלעפן שנעלער ווי פערד, זיי האבן אונדז געשלאגן מיט שטעקנס, אונדז מערדערליך צעהארגעט און יאנושעק, וואגנערס א דינער און שפעטער אן אקטיווער קאמוניסט ביי די רוסן האט דערביי צוגעשריגן:

— ס'האט זיך געענדיקט אייער גוטע צייט וויסטיקע ווילטעגלער!

נאך א פאר וואכן, ווען די היטלערישע מערדער האבן אנגעזעטיקט די ארטיקע כוליגאנעס מיט יידיש בלוט און ווי האבן זיי דערלויבט ארבעטספעאיקע מענער און פרויען צו ארבעטן אויף די פעלדער פון וואגנערן. קאמיסאר איז דא געווען א נאצי, א גרויסער דייטש, א רויט־פנימדיקער און א מערדער. ער פלעגט שרייען און אנווארפן א מורא אויף אונדז, סתם אזוי, אויס אייגענעם פארגעניגן. רחלע לעווין, א זייער שיין מיידעלע האט זיך איין מאל נישט געקענט איינהאלטן ווען דער נאצי האט געשעוועט ווי אן אָקס און פרקרימט זיין רויטן פרצוף, האט זי אויס־געזעצט מיט א הילכיק געלעכטער, ער איז איר נאכגעלאפן צום שלאגן און זי איז אוועק און געהאלטן אין איין לאכן.

די ארבעט אויף די פעלדער איז געווען א שווערע, אבער מ׳האט זיך געטרייסט מיט דעם, וואס מ׳איז נאענט פון שטעטל.

אין די געטאס

פון ווילנע זענען אנגעקומען שרעקליכע ידיעות. דארט זענען די יידן אינגאנצן הפקר געווארן, מ׳האט געהרגעט, געשענדעט, דערנידריקט און טויזנטער פון זיי ארויסגעפירט צום טויט. דער געטא דארט איז געווען ווי א שטייג אין וועלכער די קרבנות זענען פארשפארט און ווען דער שוחט וויל קומט ער, נעמט און שעכט.

ווען יום כפור מ׳האט אנגעזאגט אז מ׳גייט אונדז קאנצענטרירן אין א געטא איז דער געיאמער, דאס געוויין און צעבראכנקייט געווען נישט צום שילדערן. יידן אין בית מדרש, גרויסע חכמים, זעלבשטענדיקע, אויסגעפריוועטע מיט צרות — זענען אינגאנצן צעבראכן געווארן אנבאהאלפן און פארצווייפלט.

יעדע משפחה האט געדינגען א פור, ארויפגעלייגט אביסל זאכן ארויפגעזעצט די קינדער, די אלטע און שוואכע מענטשן און געפארן קיין דזוויענישעק, א שטעטל 21 ק״מ פון אונדז.

אייפן וועג, ארויספארנדיק פון סאלעטשניק האבן פוילישע פאליצסטן געמאכט א באזוכונג אין די וועגנער און ביי א טייל מענטשן צוגענומען וואס זיי האבן נאר געוואלט.

קומענדיק קיין ווארענאווע האט מען אונדז איינקווארטירט ביי ארטיקע יידישע פאמיליעס און אזוי האט מען געלעבט, אבער ביז מ׳האט זיך ארומגעקוקט איז אנגעקומען די ידיעה, אז דער געטא איז ארומגערינגלט. מיר האבן געוויסט וואס ס׳הייסט, ווייל אלע ידיעות וועגן „אקציעס״־שחיטות אין די געטאס האבן זיך אנגעהויבן מיט דעם, אז פריער האט מען ארומגערינגלט דעם געטא....

כ׳געדענק, מיין ערשטע רעאקציע צו דער ידיעה, ס׳איז געווען ביי מיר קלאר אז, כ׳וועל משוגע ווערן אויב כ׳וועל נישט אנטלויפן פון געטא. מיטן געדאנק פון אנטלויפן האב איך נאך געקאנט אויסהאלטן די שרעקליכע פיין־ידיעות. כ׳האב אנגעהויבן ארגאניזירן א גרופע, וואס זאל צוזאמען מיט מיר זוכן וועגן צום אנטלויפן, ליידער אבער זענען מיר נישט אנטלאפן.

דערווייל האבן זיך די טעג, וואס מיר זענען געווען ארומגערינגלט מיט א צוים פון מענטשן־פרעסער, געצויגן יארן.

אין איין פארטאג האט מען אונדז ארויסגעטריבן פון די הייזער צום מארק. גויים באוואפנטע האבן זיך ארומגעשטעלט ארום די וואפנלאזע יידן, פארכאפט הויכע היט פונקטן, זיי זאלן קאנען זען יעדן ייד, וואס וועט חלילה וועלן אנטלויפן און זיך אפראטעווען.

דאס איז געווען דעם 11־טן מאי 1941. נאך א שווערן ווינטער פון הונגער און קעלט, פון קרענק און וויי און בלוט איז געקומען דער שיינענדיקער ליכט־פולער מאי, אנזאגער פון פרילינג. אבער פאר אונדז יידן איז עס געווען איינער פון די פינצטערסטע טעג. אינמיטן מארק א טיש. נעבן דעם זיצן די, וועלכע

באשטימען אונדזער לעבן און טויט. דא זענען יידן סארטירט געווארן רעכטס, לינקס און גלייך, אלע זענען געגאנגען אין דער פאר זיי באשטימטער ריכטונג, פריער האבן אלע זיך אויסגעליידיקט פון זייערע טייערסטע ווערטפולסטע זאכן, נאך דעם זענען זיי אוועק רעכטס לינקס און גלייך.

גלייך האט געהייסן צום טויט.

די לעבנסגעבליבענע האבן נאך געהערט די קוילן, וואס האבן דערמארדעט זייערע טייערסטע און דאן זיך ווידער קאנצערטרירט, לויט'ן באפעל אין מארק. ווידער צוליב ציילונג. איצט זענען מיר שוין געווען אן אייפעלע. געציילט אינגאנצן עטליכע צענדליק. א רעשטל פון הונדערטער.

דער שטאבסלייטער פון לידע האט געהאלטן פאר אונדז א רעדע, און אונדז אויפגעקלערט, אז צוליב דער יידישער אייביקער שנאה צו דייטשלאנד קומען זיי איצט אפ און דאס איז די גערעכטיקייט פון דער וועלט, אינמיטן זיין רעדע זענען אנגעקומען וואגנס מיט פערד, מיט הויכע בערג זאכן פון די דערמארדעטע, מיר די אונגליקלעך לעבנסגעבליבענע האבן נאך געזען און דערקענט די קליידער, וואס האבן ערשט צוריק מיט מינוטן ארומגעהילט די קערפער פון אונדזערע טייערסטע. ס'הארץ האט געוויינט. און וואס ווייטער...

נאך דער רעדע זענען מיר זיך צעגאנגען אין די הייזער. דא זענען פארגעקומען הארצרייסנדיקע סצעניס, פלוצעם האבן מיר דערזען אונדזער בראך, ס'איז קלאר געווארן געווארן געוויי, ווער ס'וועט שוין מער ניט זיין מיט אונדז און ס'איז זיך צעוואקסן אונדזער נישטיקייט, עלנדקייט און אונבאהאלפנקייט.

יידן האבן געפרואווט מאכן מנינים דאווענען מנחה, זאגן קדיש, אבער ס'איז ניט געווען ווער ס'זאל נאכזאגן אמן.

נאך א פאר טעג האט מען כמעט אלע געבליבענע, אויסער א צאל פאכמענער, איבערגעשיקט אין לידער גיטא. מיר האבן דא געטראפן באקאנטע פון ארומיקע שטעטלעך. זייערע דערציילונגען איבער די גרויזאמקייטן פון די געטא הערשער האבן פארקילט אונדזער בלוט אין די אדערן, דער גרויסער פארברעכער וואשיו־קעוויטש, וועלכער האט געהאלפן סארטירן יידן צום טויט ביי די אקציעס און די געטאס און האט דא געהאט א גרויסן חלק אין די גרויל־טאטן פון לידער געטא איז געווען אליין א סאלעטשניקער, געשטאמט פון א סאלידער קריסליכער פאמיליע, מיר זענען געווען גוטע פריינט אין שולע, ער פלעגט אפט קומען צו אונדז און איך צו אים. סענדער לעווין האט געארבעט ביי אים אין הויף און האט אים דערציילט,אז איך און מיין משפחה זענען מיר דא, אין אייניקע מינוט האט ער אנגעקלונגען צום אינזשיניער אלטמאן און אים באפוילן גלייך ברייגען צום שניידער ווארשטאט דריי מענטשן פון אונדזער פאמיליע. אלטמאן האט געמאלדן וועגן דעם דעם יודנראט. ער האט אונדז אויפגעזוכט, הגם מיר זענען נאך נישט געווען רעגיסטרירט ביי אים און מיר זענען גלייך געשיקט געווארן אין שניידער־ווארשטאט.

אויף מארגן קומענדיק צו דער ארבעט האבן יידן פאר אונדז ממש מורא געהאט. מיר האבן נישט פארשטאנען וואס ס׳קומט דא פאר, אבער שפעטער איז אונדז קלאר געווארן: צו דער „גוטער״ ארבעט האט מען גענומען נאר אזעלכע וואס האבן גוט באצאלט פאר דעם „לעבנסזיכערן״ ארבעטס פלאץ, אדער... ווער ווייסט וואס פאר אן אנדערער אפצאל. מיר זענען דא געווען אַן אפצאל און אַן פארמיטלונג. ס׳איז אונדז געווארן פארשטענדלעך, אבער מענטשן האבן נאכער אונדז אויך פארשטאנען.

אין וואלד אריין

אין די ווארשטאטן אויפ׳ן גרויסן פלאץ ארומגערינגלט מיט א הויכן פארקן האבן געארבעט הונדערטער יידן. דאָ האבן די פוילישע און דייטשישע געווינלעכע פארברעכער נישט געהאט קיין אריינטריט. דא האט מען נישט געשלאגן, מ׳האט זיך געקאנט אראפריידן פון הארץ איינער פאר׳ן צווייטן. דא האבן יידן געדאווענט אין מנינים. מ׳האט אמאל געמאכט אויך א שטיקל ארבעט פאר זיך. דא האט מען אנגעהויבן צו מאכן טיילן פון ביקסן פאר זיך און פאר אנדערע. דא האט מען זיך אנגעהויבן קלייבן אין וואלד אריין.

די „לעבנסנוצלעכע יידן״ אלטמאן און זיין געהילף אלפערשטיין האבן אונדז צוזאמענגערופן פון מאל צו מאל און אגיטירט געגען גיין אין וואלד אריין: דאס, האבן זיי דערקלערט, וועט ברענגען צרות אויף די וואס וועלן בלייבן אין געטא א.א.וו. אבער מיר האבן געצויגן אין וואלד אריין.

דא האט מען געארבעט אן דייטשישער דירעקטער אויפזיכט. אפילו די שומרים ביי די טויערן זענען געווען יידן און זיי פלעגן געבן צו וויסן אויב ס׳איז ווער געקומען צו אונדז פון אויסן. איינמאל איז געקומען דער געביטסקאמיסאר און די וועכטער האבן נישט באוויזן אלעמען מודיע צו זיין. ער איז אריין גלייך אין דער מעכאנישער אפטיילונג און באמערקט ווי א ייד מאכט צו רעכט א פיסטאלעט. דער ייד איז אנטלאפן און ער איז נאך נאך אים. דער מעכאניקער איז אריבער דעם הויכן פארקן און אריין אין געטא, דער דייטש איז מער נישט געלאפן און פארשוויגן דעם ענין, אבער יידן האבן שוין מורא געהאט.

איך בין געווען דער הויבט־אגיטירער פאר גיין אין וואלד אריין, ווייל קיין אנדער אויסוועג האב איך ניט געזען, כ׳האב געגעבן צו פארשטיין, אז די גוטע לאגע דא קאן חלילה פארשלעפרן דאס פארזיכטיקייט געפיל און דערנאך וועט זיין צו שפעט.

כ׳פלעג זיך טרעפן ספעציעל מיט סאלעטשניקער און באזונדערס מיט כתריאל כלאוונאוויטשן. מיר פלעגן רעדן, שפאצירן, טראכטן, קרעכצן און שווייגן. ווען כ׳האב אים געזאגט:

— נו זייט מיר געזונט כ׳גיי זען וואס מאכן מיינע.

פלעגט ער מיך בעטן בלייבן נאך אביסל:

— ווארט צו צמח לאמיר נאך אביסעלע שווייגן.

מיר האבן געוווינט אין געטא אין א קליין נישט אויסגעענדיקט צימערל מיט דאפלטע פאַלן צום שלאפן. צוזאמען מיט אונדז אין צימערל האט אויך געוווינט די משפחה שניידער פון ווילנע. ס׳איז געווען שרעקלעך ענג און ס׳האט פארפעלט לופט צום אטמען. אבער אמערגסטן האבן אונדז פארמאטערט די וואנצן. זיי האבן צוגעהאלפן די דייטשן אונדז צו פארקירצן דאס לעבן. פלעגט די נאכט זיין אן אפקומענעש און באנאכט האט מען געטראכט און באטראכט אונדזער לאגע.

ס׳איז געווען קלאר מ׳האלט אונדז אין געטא כדי אונדז אויסצוראטן, דערווייל נוצט מען אונדז אויס אלס ארבעס קראפט, דערנאך וועט מען קומען און שחט׳ן.

דאס לעבן אויסער דער ארבעט איז געווען אונדערטרעגלעך יעדער גערויש פון מאשינען אויסערן געטא, יעדער געשריי פון ווייטנס האט פארגליווערט די בלוטן און אנגעשפיצט די נערוועז ווי שפיזן, ווי נאדלן. ווידער האב איך געהאנט, אז כ׳וועל אראפ פון זינען אויב כ׳וועל נישט אנטלויפן.

איינמאל אין א זייער קאלטן ווינטעריקן טאג, בשעת א „נארמאלער" פאניק אין געטא, ווען ס׳האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז מ׳גייט מאכן אן אקציע איז אויך מיין מוטער ארויס אין גאס „הערן" „זען" און זי האט זיך פארקילט. געקריגן א לונג אנטצינדונג און געשטארבן. ביי איר טויטן בעט זענען זיך צוזאמענגעקומען מענטשן און האבן יאמערלעך געוויינט. אלע האבן איר מקנא געווען, וואס זי האט זוכה געווען צו אזא נאטירליכן גוטן טויט.

אבער באגיין זעלבסמארד האט קיינער נישט געוואלט, אפשר האט זיי פארפעלט מוט, אפשר צו אפאטיש געווען און אפשר ווייל מ׳האט דאך געוואלט דערלעבן די נקמה. קיינער ווייסט נישט ווי גרויס ס׳איז דער טעם פון נקמה אין מענטשן־חיות.

איינצעלנע זענען באגאנגען זעלבסטמארד. געווען א ייד גראבי, ער איז געווען מיטגליד פון דזווינישקער יודנראט, ער האט געארבעט ביי די דייטשן אין א בענזין סטאציע, האט ער פאררויכערט א ציגארעט, אוועקגעווארפן דאס ברענענדיקע שוועבעלע און די גאנצע סטאנציע איז אוועק אין פלאמען מיט די דייטשן צוזאמען. ווען זיי זענען געלאפן אים זוכן האבן זיי אים געפונען הענגען אין א פלאץ נישט ווייט. אפשר דארף מען דאס פארצייכנען אלס גבורה.

נאך מיין מאמעס טויט, ווי נאר ס׳האבן זיך געענדיקט די שלושים האב איך אנגעזאגט מיין פאטער שוועסטער און ברודער אז כ׳גיי אין וואלד אריין זיי האבן מיך אפגערעט. אין געטא האט מען געוויסט, אז יידן לײדן אין פארטיזאנקע פון הונגער, און אבלאוועס און פון דעם שרעקליכן רוסישן אנטיסעמיטיזם וואס הערשט דארט און מיין משפחה האט מיך געוואלט אפראטעווען דערפון, אבער איך האב נאר געלעבט אדאנק דעם געדאנק פון גיין אין וואלד אריין. כ׳האב אבער נישט געהאט מיט וועמען צו גיין.

איינמאל איז געקומען פון וואלד משה כוואיעווסקי, א סאלעטשניקער

ביהראווין א גוטער ברודער כיינער, ער איז געלעגן ביי אונדז אויפן בוידעם, און געוואַרט מ'זאָל קאָנען ארויסנעמען מענטשן אין וואַלד און גיין.

כ'האָב מיט אים גערעט און ער האָט מיך מיטגענומען. ס'זענען דאַן אוועק אויך משה'ס עלטערן און די פאַמיליע לעווין. נאָר א פאָר האָבן געהאַט ביקסן. דער פירער פון דער גרופּע, העכער פון משהן איז געווען פּרץ דער צווייטער וואַלד מענטש, ס'האָט אים פאַרדראָסן וואָס מיר גייען אָן ביקסן, ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר איך זאָל צוריקגיין אין געטאָ און געדראָט מיט שיסן. איך בין אָבער ווייטער מיטגעגאַנגען, ביז מיר זענען נאָך שווערע נעכט פון מי און סכנות אָנגעקומען צו ביעלסקין. צום יידישן פּאַרטיזאַנען אָטריאַד.

ביעלסקים אָטריאַד — א יידיש שטעטל

טוביה האָט געמאַכט א ריזיקן איינדרוק מיט זיין העלדישן אויסזען און רוהיקער האַלטונג. ער האָט נישט אַרויסגעטריבן קיינעם. אפילו די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געווער. ס'האָט זיך אָפּגעפילט, אַז דער מענטש דערפילט א מין מיסיע, וואָס דער גורל האָט אַרויפגעלייגט אויף אים און ער טראָגט זי אויס מיט פולער יידישער האַרציקייט. דער אָטריאַד איז געווען אין בודקעוויצער וועלדער, אַלע האָבן געוווינט אין ביידלעך פון דרענגלעך, געשלאָפן אויף וואַלד צווייגעלעך אויסגעשפּרייטע אויף דער ערד, געמאַכט איבונגען און נאַכט שמירה און געלעבט פון דער אַלגעמיינער קיך.

דאָס לעבן דאָ איז געווען זיס, ווייל דאָס געפיל פון פרייהייט און נקמה־מעגליכקייטן האָט פאַרזיסט די נשמה, אָבער מיר האָבן געלעבט אין א שטענדיקער שרעק פאַר דייטשישע אַבלאַוועס, אין א שטענדיקער שפּאַנונג און געמוזט פון כאָל צו מאָל וואַנדערן און בייטן די סטאַציעס פאַרן אָטריאַד.

ערשט אין נאַליבאָקער פּושטשע, אין די טיפע אַלטע אייביקע וועלדער האָבן מיר אָפּגעפילט אַביסל דאָס געפיל פון סטאַביליטעט. מיר זענען אַרויס מאַכן סאַבאָטאַזש געגען די דייטשן אויפגעריסן זייערע עשאַלאָנען, באַן ליניעס און אַנדערע קאָמוניקאַציע מיטלען. מיר האָבן אויסגעבויט א לאַגער ווי א יידיש שטעטל מיט א געביידע פאַר האַנטווערקער, שוסטער, שניידערס, היטלמאַכערס זייגערמאַכערס סטאָליאַרעס און מעכאַניקער. מיר האָבן געמאַכט א מיל און א בעקעריי, מיר האָבן אפילו א גאַרבעריי געמאַכט און רוסישע פּאַרטיזאַנער פלעגן ברענגען צו אונדז בהמות, מיר זאָלן זיי מאַכן וואורשט, האָבן מיר געהאַט די פעלן פאַר אונדז. ס'איז אפילו געווען ווו צו דאַווענען בציבור און מ'האָט זיך אויך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט קינדער. די באָד וואָס מ'האָט אויסגעבויט איז ניט געווען ערגער, ווי אין יידישע גרעסערע שטעטלעך. דאָ זענען געווען קעסלען מיט הייסע און קאַלטע וואַסער, עמערלעך צו וואַשן זיך, פּאָלן צום שוויצן און אין צענטער — א הערמעטיש פאַרמאַכטע קאַמער ווו מ'פלעגט אַריינגעבן דיזענפעקציאָנירן קליידער אין א טעמפּעראַטור פון 120 גראַד היץ. מיר האָבן זיך אַליין געמאַכט זייף און מענטשן האָבן הנאה געהאַט פון די איינריכטונגען און געקומען כסדר זיך וואַשן.

אזוי האבן מיר באקעמפט די קרעץ און טיפוס עפידעמיעס פרעווענטיוו, אבער מיר האבן אויך געהאט א שפיטאל אין וואלד, מיט צוויי דאקטאירים, מיט אן איזאלאטור פאר טיפוס קראנקע אין א באזונדערע זעמליאנקע, עטליכע צענדליק מעלק־קי האבן אונדז געגעבן מילך פאר די קראנקע, שוואכע, קינדער און — אויך יחסנים.

מיר האבן געהאט צענדליקער פערד מיט געשפאן און וועגענער און געזאגרט פאר פרעוויאנט און אנדערע באדערפענישן, וואס מ׳האט געבראכט פון דרויסן.

מיט דער צייט איז אונדזער אטריאד געווארן אן אדרעס פאר יידן, וואס ווילן זיך ראטעווען פון געטאס, פון באהעלטענישן בא גויים און פון רוסיש פארטיזאנישען אנטיסימיטיזם אין די געמישטע פארטיזנקעס. פון טאג צו טאג האבן זיך געמערט די פארטיזאנער און אויך די אפהענגיקע פון זיי. מענטשן האבן אנגעהויבן קומען צו זיך. ארום דער קיך מיט אירע פייערלעך פלעגן שוין יידן זיצן און זינגען טרויעריקע לידער און מאכן מסיבות צו הייבן די שטימונג, אויף די מסבות האט ארויסגעטראטן דער ארטיסט מוניעק פשעפיורקע.

פון די פראנטן זענען אנגעקומען ידיעות איבער רוסישע נצחונות. די דייטשן האבן זיך אנגעהויבן צוריקציען, זיי זענען אריינגעפאלן אין אונדזערע הענט און מיר האבן געהאט דעם גוטן געפיל פון לעבן און דערלעבן זיך.

פארן אויפלעזן דעם אטריאד האבן פאסירט אייניקע דערדריקנדיקע זאכן, ווו ביעלסקי איז דערשינען אלס נוקם ונוטר און מענטש, וואס דערפילנדיק דעם טעם פון רעגירן ווערט אים דער קאפ פארדרייט, אבער אין אלגעמיין גענומען מוז איך ביעלסקיס אטריאד און טוביה׳ן אליין געדענקן צום גוטן. ער האט געשאפן א רעטונגס פלאץ און רעטונגס מעגליכקייטן פאר אונבאהאלפענע פארצווייפלטע יידן. די הונדערטער הונדערטער יידן, וואס האבן אין די נאליבוקער פושטשעס דערלעבט דעם נצחון און לעבן ביז היינט, האבן צו פארדאנקען זייער לעבן טוביה ביעלסקין.

*

דער לעצטער אפעל פון אטריאד איז פארגעקומען אין נאוואגרודעק. אלע האבן באקומען באשטעטיקונגען אלס פארטיזאנער און יעדער איז אוועק זיין ווייטערן וועג.

פון סאלעטשניקער זענען באפרייט געווארן פון פארשידענע אטריאדן: חיה כוואיעווסקי מיט אירע קינדער משה און סענדער, (יהושע איז געשטארבן אין וואלד) די פאמילע לעווין דער מאן די פרוי און די קינדער, הירש קאפלאן, בערקע שיינמאן און יצחק מאיר וואלטוך.

אין וואלד זענען אומגעקומען,ביים אנגריפן די דייטשישע באנדעס די סאלעטשניקער:

לייבקי קאפלאן (הירש׳ס ברודער), ישראל סטרעלעצקי (חיים קלעי׳ס ברודער), סענדער שיינמאן (בערקעס ברודער).

ואלה שמות קדושי סולצ'ניק

א

אזרייר ליבה

ב

ברנצ'יק גיטל
ברנצ'יק אברהם, אשתו, צביה, חיה

ג

גול יהודה, משה, שרה
גולדנסקי חיים משה, מניה ריבה
גולדנסקי ולויל, אשתו, איטה וילדיהם
גולדנסקי יצחק־הרץ

ה

הוכמן יצחק, אשתו

ז

זבינסקי ריבה־לאה
זובינסקי רייזל (סטרלצקי)
זילברקויט אלתר, זלטה

ח

חבייבסקי ישעיה, לייב
חלבנוביץ כתריאל, חנה, שמואל, דינה

כ

כץ אהרון, נחמה וילדיהם
כץ ליבה
כץ (מנהל מנסרת וגנר), אשתו, בוריס, אמה
כץ רייזל

ל

לוין אברהם, סוניה וילדיהם
לוין רחל'ה, חנה־דבורה, טייבה, בתיה, אליהו
לוין מירה
לוין נחום־יונה,פרידה וילדיהם
לוסקי חצקל, בתיה וילדם
למלמן שמשון, מיכלה והילד שלהם
למלמן ליבה
לנדא מרדכי, ליבה

ס

סגל מרים
סגל פייגלה
סטרלצקי ולויל, ריבה (רבקה), ישראל
סלצניצקי ולויל, בלומה, רודל, נחמה, אבא־יודל

פ

פרצקי חיה (כץ), גיטה, שולמית

צ

צלסקי שמעון־לייב
צלסקי חיים־משה, ריבה

ק

קפלן בנציון, אשתו, ילדם
קוטלר ישראל, שרה וילדיהם

קפלן ישראל, חיה־פסל, מלכה, צביה, לייב
קרום משה־יעקב, פרומל, אלטע, אורה־הרשל
קרצ׳מר ראובן, נדיה

ר

רודניק שמואל, אשתו וילדם
רודניק חיה, סוניה

הרב רקובסקי, אשתו, ביירל, רבקה, חיה

ש

שוסטר חיים, ביניה, אברהם איטשע (המורה)
שופמן אברהם, חיה־שרה
שופמן יצחק, יוכה (סטרלצקי), בלומה, רבקה
שיימן אלתר, רבקה, סנדר, פרומה

רשימת מתי סולצ׳ניק בארץ

אורנסקי רחל
זהבי (גולדנסקי) יוסף
זהבי (גודנסקי) שרה
זהבי (גודנסקי) ישראל
חבייבסקי חיה (מתה בקנדה)
כץ זרח (מת בוילנה)
לוין בתיה (צ׳לסקי)
לוין שמואל
לנדא מאשה (כהן)
לנדא משה